STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09106

TEATER-SHPIL

Mendl Elkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל עלקין

טעאַטער־שפּיל

(פֿאַר קליין און גרויס)

די מוזיק איז רעדאַקטירט און צוגעגרייט צום דרוק פֿון
מיכל געלבאַרט

אַרויסגעגעבן דורכן
בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג
ניו־יאָרק, 1949

PLAYS

(For Children and Adults)

By

MANDEL ELKIN

Copyright, 1949, by
Farlag Workmen's Circle of the
Educational Committee of the Workmen's Circle
175 E. Broadway, New York 2, N. Y.

Printed in the U. S. A. by
The Shoulson Press, New York
255

מענדל עלקין

טעאַטער־שפּיל:

(פאַר קליין און גרויס)

1. די ליידן פון עדיפוס (טרויער שפּיל אין איין אַקט) . . . 7

2. אַ דין תורה מיטן ווינט (אַ שפּיל אין צוויי בילדער,
לויט אַ תלמודישער אַגדה אין נוסח י. ל. פּרץ) 53

3. דאָס גוטע שוועלבעלע (אַ קינדער שפּיל אין איין אַקט) . 79

4. בום און דריידל (אַ מעשהלע אין פיר אַקטן,
לויט נ. שקליאַר) 111

5. מאָטל טרעמפּ (אַ קינדער שפּיל אין איין אַקט
און צוויי בילדער) 161

6. פּורים צו דער סעודה (אַ חסידיש בילד) 181

7. אין פּאַדריאַד (אַ בילד פון אַלטן יידישן שטייגער) . . 203

8. קאָנראַדס חלום (אַ שפּיל אין איין אַקט מיט אַ פּראָלאָג) 223

די ליידן פון עדיפּוס

טרויער-שפּיל אין איין אַקט

(אויף דער טעמע פון סאָפּאָקלעס)

די ליידן פון עדיפוס

טרויער־שפּיל אין איין אַקט

(אויף דער טעמע פון סאָפאָקלעס)

באַטייליקן זיך:

עדיפוס
יאָקאַסטע
איסמענע } זייערע קינדער
אַנטיגאָנע
קרעאָן — יאָקאַסטעס ברודער
טערעזיאַס
פּאַסטעך
אָנזאָגער
פּריסטער
לייב־דינער
משוגענע
בלינדער באַנדוריסט
ערשטער אַלטער
צווייטער אַלטער
ערשטע פרוי
צווייטע פרוי
יאָקאַסטעס דינערינס
צוויי דינער
פאָלק

(פאַר עדיפּוסעס פּאַלאַץ. אַ טונקלקייט פאַרהילט דעם פּאַלאַץ. עס הערט זיך גלעקער געקלאַנג. דאָ און דאָרט באַווייזן זיך מענער און פרויען — טרויעריקע פיגורן. פון די דאָזיקע פיגורן טיילט זיך אויס איינער — דער בלינדער באַנדוריסט. ער גייט צו צו די טרעפּ פון פּאַלאַץ און זעצט זיך אויף דער אונטערשטער טרעפּ מיט זיין באַנדורע. פּויזע)

באַנדוריסט:

פאַרהילט אין סודותדיקן נעפּל
פאַרעלנט שטייט עדיפּוסעס הויז.
קיין שטים, קיין קלאַנג, אַלץ טויט און שטום...
ניט אַזוי ז׳געווען אַמאָל,
ווען לאַיאָס האָט רעגירט דאָס לאַנד.
ניט אַזוי ז׳געווען אויך דאַן,
ווען עדיפּוס האָט׳ס באַפרייַט פון ספינקס.
פאַרשוואונדן אַלץ...
מע זאָגט: דאָס פאָלק קומט אום פון פּעסט
און יאָמער טראָגט זיך איבער לאַנד...
ווייַ איז אונדז... ווייַ איז אונדז...

(ער הויבט אָן לאַנגזאַם זינגען און שפּילן)

מוזיק נומ. 1.

אין קיטעראָנס וועלדער שפּאַלטן
האָט אַ הירט זיך אויפגעהאַלטן.
זיינע סטאַדעס שאָף און רינדער
געהיט האָט ער ווי קליינע קינדער.
פרייַלעך פלעגט זיין האָרן שאַלן
ביי די ערשטע זונען־שטראַלן,
און אין טונקעלע פאַרנאַכטן,
פלעגט דער הירט זיך שטיל פאַרטראַכטן,
און מיט אויגן פול מיט זאָרגן
שטיין פלעגט ער ביז גרויען מאָרגן.

אײנמאָל, אין אַ טאָג אַ טריבן
איז ער אויף אײביק שטײן געבליבן:
אַ שאָף ז׳געגאַנגען אים פאַרלאָרן, —
איז פון הירט אַ שטײן געוואָרן...

(פון לינקס קומען אָן צוויי אַלטע גריכן)

ערשטער אַלטער:

קלאַנגען טראָגן זיך אַרום אין שטאָט —
קרעאָן איז שוין צוריקגעקומען.
וואָסער הילף ט׳ער אונדז געבראַכט?
וואָס האָט פאָיבאָס אים געזאָגט?

צווײטער אַלטער:

פאַרלאָרן גײט דאָס קדמון פאָלק...
כ׳האָב אַ פרוי אַן אַלטע הײַנט געזען,
זי איז געריררט פון זינען, לויפט אַרום
ווי אין אַ וואַלד, און שרײַט און רופט
די קינדער אירע פון די קברים, —
פון מגפה אומגעקומען איצט...
עס שוידערט קוקנדיק אויף איר.
וואָס וועט זײַן דער סוף מיט אונדז?

(דערזעט דעם בלינדן באַנדוריסט)

וואָס זיצסטו, פרײַנד, דאָ אויף די שטיגן?
האָסט אַ שטים פון הויז פאַרנומען?
אָדער זינגסט אַלײן צו שטומע ווענט?
עס וועלן קומען באַלד דער פּריסט, דאָס פאָלק
רופן צו עדיפּוסן נאָך הילף, —
גײ אַוועק, זײ וועלן דיך צעטרעטן דאָ.

(באַנדוריסט אָפּ אין שרעק)

אַ בלינדער, נעבעך, אַ רחמנות.
ווער קאָן אים אָבער העלפן איצט? —
מיר זײַנען אַלע בלינדע שאָף.

(זיי גייען און באַגעגענען צוויי פרויען)

ערשטע פרוי:

איר גייט אוודאי פון עדיפוסן, —
וואָס האָט ער צו אײַך גערעדט?

צווייטע פרוי:

האָט ער אונדז אַ טרייסט געשיקט?
די מגפה אָפּגעשטעלט?

ערשטער אַלטער:

ניין, עדיפּוס זיצט אין הויז,
ער באַווײַזט זיך ניט צום פאָלק.
עס קלײַבט דאָס פאָלק זיך גיין צו אים
און פאָדערן זײַן הילף.

(אָפּ)

ערשטע פרוי:

קום פון דאַנען, קום אַוועק,

דער פּאַלאַץ יאָגט נאָר אָן אַ שרעק.
קום אַוועק.

צווייטע פרוי:

קום גיכער, אָ, געטער הייליקע...

(בײדע אָפּ. עס לאָזן זיך הערן ווייטע שטימען אין באַגלייטונג פון גלאָקן־קלאַנג. די שטימען קומען אַלץ נעענטער ביז עס דערהערן זיך דייטלעך קלאָרע אויסרופן:)

זאָל עדיפּוס אונדז העלפן!
זאָל ער אונדז פון פּעסט באַפרײַען!
לאָמיר גיין צו עדיפּוסן!
צו עדיפּוסן! צו עדיפּוסן!

פּריסטער:

(פון דער ווייטן, מיט די לעצטע ווערטער באַווייזט ער זיך מיטן עולם)

לאָמיר, קינדער, גיין צו אונדזער אויסדערוויילטן,
צו עדיפּוסן, דעם האַר.
זאָל ער אונדזער שטים דערהערן

און פון בײַזער פּעסט אונדז שיצן.
לאָמיר צו אַפּאָלאָ בעטן
און צו הילף אים רופֿן.
קומט, קינדער!

(דער עולם קומט אָן אין באַגלייטונג פון גלאָקן־קלאַנג, אַלע שטעלן זיך אויס קעגן פּאַלאַץ מיטן פּריסט בראש. דער פּריסט לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני, דער עולם טוט אים נאָך און זיי זינגען אין כאָר זייער תּפֿילה)

מוזיק נומ. 2.

כאָר:

גרויסער אַפּאָלאָ, פאַרנעם דאָס געבעט,
שטרעק אויס אונדז מיט חסד דײַן האַנט.
פאַרגיב אין דײַן גרויסמוט אַ יעדן זײַן חטא
שטעל אָפּ די מגפה אין לאַנד.
עס יאָגט אונדז דער אומגליק אין הײַם און אין פעלד,
עס פאַלן פון דאַרשט שאָף און רינד,
עס טראָגט זיך אַ יאָמער פון שטוב און געצעלט,
עס גוססן מוטער און קינד.
אָ, גרויסער אַפּאָלאָ, מיר בעטן דיך, גאָט,
באַשיץ אונדז פון אומגליק און פּײַן.
באַווײַז אונדז דײַן חסד, באַווײַז דײַן גענאָד, —
געהײַליקט דײַן נאָמען זאָל זײַן!

(זינג לעצטע 4 ווי ערשטע 4 שורות)

(ווען דאָס געבעט ענדיקט זיך, באַווייזט זיך עדיפּוס פאַרן פּאַלאַץ־טיר. דער עולם שטעלט זיך אויף און זינגט אים אַ לויב געזאַנג)

אַ לויב צו דיר פון פאָלק און לאַנד,
געבענטשט זאָל זײַן דײַן פאָטער האַנט!
מיט ברכות קומען מיר צו דיר:
געבענטשט זאָל זײַן דײַן שוועל און טיר!

מוזיק נומ. 3.

די מוזיק פון נומ. 3 און ווייטער זע באַמערקונגען צום סוף.

(עדיפּוס שטעלט אָפּ דאָס געזאַנג. אַלע צעשפּרייטן זיך איבער די טרעפּ)

עדיפוס:

אָ, קינדער, זאָגט:
וואָס האָט איר זיך פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ דאָ,
מיט קעפּ געבויגענע, ביי מיין הויז?
איך ווייס, ס׳איז פול די שטאָט
מיט ווייגעשריי און מיט געוויין.
האָט דאָס אייך איצט געבראַכט אַהער?
זאָג מיר, פּריסטער, און זאָג מיר קלאָר:
איז דער אומגליק טאַקע גרויס,
אָדער ס׳פאָלק איז בלויז אין שרעק?

פּריסטער:

אָ, עדיפוס, הערשער מעכטיקער!
צי ווייסטו דען נישט אַלץ אַליין?
ווייסטו דען נישט וואָסער בראָך
עס האָט אונדז היינט געבראַכט אַהער?
דו ווייסט אַליין ווי שטאַרק
עס איז פאַרשפּרייט די פּעסט,
ווי אַלץ קומט אום, — דו ווייסט עס וואויל.
נון, קומען מיר אַצינד צו דיר
און בעטן הילף.
דען זיכער זיינען מיר,
אַז אויך נאָך איצט
ביסטו דער זעלבער, ווי געווען אַמאָל,
ווען באַפרייט האָסטו די שטאָט
פון גרויסן אומגליק — פון דעם ספינקס,
און האָסט געראַטעוועט דאָס לאַנד!

עדיפוס:

אָ, קינדער אָרימע! גוט באַקאַנט איז מיר די זאָרג,
וואָס האָט געבראַכט אייך היינט אַהער,
צו די שטיגן פון מיין הויז.
איך ווייס, אַז אַלע ליידט איר שטאַרק.
אָבער...
ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די לייד ביי אייך
— לייד איך נאָך מער, ווייל איר
ליידט יעדערער פאַר זיך,

און איך זוך הילף פאַר אַלעמען, —
פאַר זיך, פאַר אײַך, פאַר גאַר דאָס לאַנד.
כ'האָב נעכט אָן שלאָף שוין פיל פאַרבראַכט
טראַכטנדיק אַלץ, וואָס צו טאָן.
און דאָס אײנציקע, צו וואָס כ'האָב זיך דערטראַכט
האָב איך געטאָן שוין לאַנג: איך האָב געשיקט
קרעאָן, מײַן העלד, צו פאָיבאָסן, אין דעלפאַי־לאַנד
נאָכצופרעגן זיך בײַ אים,
ווי אַזוי צו ראַטעווען דאָס לאַנד.
ער זאַמט זיך אָבער זײער לאַנג
און דאָס פּילט אָן מײַן האַרץ מיט זאָרג.
נאָר ווי באַלד ער קומט צוריק, —
טו איך אַלץ, וואָס פאָיבאָס הייסט.

פּריסט:

איך האָב ערשט געהערט אין שטאָט אַ קלאַנג,
אַז קרעאָן האָט זיך שוין אומגעקערט
און ס'זעט אויס אַז אויך מיט פרייד, —
ער גײט באַקראַנצט מיט לאָרבער צווײַג.

עדיפּוס:

הלוואי זאָל אמת זײַן
דײַן גוטע בשורה, פּריסט!
(עס קומט אַרײַן קרעאָן)
געבענטשט זאָל זײַן דײַן טראָט
בײַ דײַן אָנקומען, קרעאָן!
זאָג: וואָסער טרייסט האָסטו געבראַכט?
וואָס האָט פאָיבאָס דיר געזאָגט?

קרעאָן:

ווילסטו אויסהערן מײַן וואָרט
אין קעגנוואַרט פון זיי? —
איז גוט, איך קאָן דאָס טאָן,
אָבער בעסער וואָלט געווען
אַרײַנצוגײן אין הויז.

עדיפוס:

פאַר אַלעמען דערצייל,
ווייל מײַן גאַנצע זאָרג איז איצט
בלויז נאָר וועגן זיי, —
איך זאָרג זיך נישט פאַר זיך.

קרעאָן:

טאָ הער זשע צו מיט קאָפּ,
וואָס פאָיבאָס האָט געזאָגט!
ער הייסט אַראָפּוואַשן דעם פלעק,
וואָס בלוטיקט איבער אונדז פון לאַנג
און ריין מאַכן דאָס לאַנד פון זינד.

עדיפוס:

וואָס איז דאָס פאַראַ זינד?

קרעאָן:

די זינד איז גרויס, די זינד איז מאָרד!
און פאַר יענעם מאָרד ווערט געשטראָפט דאָס לאַנד.

עדיפוס:

און איבער וועמען איז באַגאַנגען יענער מאָרד,
וואָס בלוטיקט עד היום נאָך איבער אונדז?

קרעאָן:

אַ קיניג האָבן מיר געהאַט אין לאַנד,
אַ פירער מיטן נאָמען לאַיאָס.

עדיפוס:

איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען,
כ'האָב אָבער געהערט פון אים אַ סך.

קרעאָן:

עס הייסט בפירוש אונדז דער גאָט
באַשטראָפן שטרענג די מערדער,
ווער דאָס זאָל ניט זיין.

עדיפּוס:

איז מעגלעך צו געפינען זײַ נאָך איצט?
איז דאָ פון זײַ אַ שפּור? וואו זײַנען זײַ?

קרעאָן:

פאַיבאָס זאָגט, — בײַ אונדז אין לאַנד, —
און דער וואָס זוכט — געפינט...

עדיפּוס:

וואו ט'מען לאַיאָסן געטויט?
אין זײַן הײַם? ערגעץ וואו אין פעלד?
אָדער אפשר אין דער פרעמד?

קרעאָן:

ער האָט זיך גײַן געלאָזט אין וועג,
צום גאָט,
און האָט זיך נישט צוריקגעקערט.

עדיפּוס:

זײַנען די באַגלײַטער זײַנע אַלע טויט?
האָט אפשר ווער פון דורכגײַער
צומאָל באַמערקט ׳טוואָס אַזוינס
וואָס קאָן אונדז אויפקלערן דעם מאָרד?

קרעאָן:

ס'זעט אויס, אַז אַלע זײַנען טויט.
בלויז אײַנער איז געבליבן גאַנץ.
ער ט'זיך אומגעקערט אַהײַם,
און דערצײַלט נאָר אײַנס.

עדיפּוס:

וואָס דערצײַלט דער מענטש?
מיר דאַרפן וויסן אַלץ.
אָפּטמאָל קאָן אַ קלײַניקייט
אויך אויפקלערן אַ סך.

קרעאָן:
מערדער, זאָגט ער, זײַנען אָנגעפאַלן
און דערמאָרדעט לאַיאָסן, —
ניט קיין איינער, נאָר אַ סך.

עדיפּוס:
צי האָט צומאָל נישט אין דעם מאָרד
געשפּילט אַ ראָל דער קלאַנג פון געלט?
צי איז די שרעקלעכע געהיימניש
פון שוחד ניט באַווירקט אַמאָל?

קרעאָן:
געווען אַ חשד אַזאַ צוערשט,
מען האָט אַ צײַט געמיינט אַזוי.

עדיפּוס:
וואָס האָט אײַך דאַמאָלסט דען געשטערט
אויפצודעקן דעם פאַרברעך?
וואָס איז אײַך געווען אין וועג,
די פּרטים צו אויסגעפינען באַלד
פון דעם שווידערלעכן מאָרד,
און די מערדער בייזע גלײַך,
באַשטראָפן אויפן אָרט?!

קרעאָן:
אַ שווערע צײַט איז דאַן געווען:
די ספינקס האָט חורבן אונדז געבראַכט,
און אין אומגליק האָבן מיר
פאַרגעסן טאָן, וואָס מעגלעך איז.

עדיפּוס:
(טראַכט אַ ווײַלע)
נו, אויב אַזוי, מוז איך אָנהויבן פונסנײַ!
איך מוז אויסגעפינען באַלד
די פּרטים פון דעם מאָרד.
און ווער דער מערדער זאָל נישט זײַן, —
ער וועט באַקומען שוין זײַן שטראָף!

עס איז מיין ווילן און מיין פליכט
זיך אָנצונעמען פאַר מיין פאָלק.
מוטיק וועל איך טאָן מיין פליכט
און אומגליק אויסראָטן פון לאַנד.
שטייט אויף, איר אַלע פון די שטיגן
און זאָל עמיצער פאַרזאַמלען
דאָס גאַנצע קדמון פאָלק אַהער.

פריסט:

איך וואָלט מיין האַר גע׳עצהט דיר
דעם נביא ברענגען; ברענג אים גלייך אַהער
און פרעג ביי אים זיין וואָרט.

עדיפוס:

גרייט בין איך צו טאָן אַלצדינג,
וואָס די געטער הייסן טאָן, —
אַלץ איינס, צי דאָס וועט ברענגען גליק פאַר אונדז,
צי אפשר אומגליק, אונטערגאַנג...
זאָל טערעזיאַס דער נביא
אַריבערקומען גלייך צו אונדז.
שיקט און ברענגט מיר אים אַהער.

פריסט:

שטייט אויף, איר קינדער, פון די טרעפּן
און מיט האָפנונג אין הארצן לאָמיר גיין,
דען גאָטס באַשייד ט׳געבראַכט קרעאָן
און עדיפוס, ווי אַמאָל,
זאָגט אונדז צו זיין שוץ.

(אַלע שטעלן זיך אויף און זינגען דאָס לויב געזאַנג)

א לויב צו דיר פון פאָלק און לאַנד,
געבענטשט זאָל זיין דיין פאָטער האַנט!
מיט ברכות קומען מיר צו דיר
געבענטשט זאָל זיין דיין שוועל און טיר...

מוזיק נום. 3.

(גייען אָפּ מיטן פריסט בראש. קרעאָן וויל אויך גיין)

עדיפּוס:

דו, קרעאָן, בלײַב דאָ. וואַרט אויף אַ ווײַלע
ביז טערעזיאַס וועט קומען
און וועט זאָגן אונדז זײַן וואָרט.

קרעאָן:

דאַרפסטו מיך צו דעם דען האָבן,
מײַן באַפעלער און מײַן האַר?
כ'בין דיר שטענדיק גרייט צו דינען
און צו פאָלגן, וואָס דו הייסט.

עדיפּוס:

איך וויל דײַן טרײַשאַפט איצט באַנוצן
און אויך הערן דײַן קלוג וואָרט.
דו ביסט מיר זיכער איבערגעבן, ניט אַזוי?
(קרעאָן שווייגט)
דו שווײַגסט, קרעאָן?
דו ווילסט ניט זאָגן מיר קיין וואָרט?
ווי דאַרף איך איצטער דאָס פאַרשטיין, —
איצטער, אין דער בייזער, שווערער שעה?
(קרעאָן שווייגט. טערעזיאַס קומט אָן)
איך האָב געשיקט נאָך דיר, טערעזיאַס,
דו זאָלסט אַ געהיימניש אַנטפּלעקן:
ווער זײַנען די מערדער בייזע
פון דעם קיניג לאַיאָס?

טערעזיאַס:

איך קאָן עס דיר, מײַן האַר, ניט זאָגן.

עדיפּוס:

דו ווייסט און ווילסט נישט זאָגן? פאַר וואָס?
ווילסט נישט זאָגן אַפילו דאַן, ווען איך באַפעל?
ווען דײַן וואָרט קאָן ראַטעווען דאָס פאָלק?
ווייסטו, אַלטער, וואָס דו טוסט? דו ווייסט,
ווי גרויס עס וועט דײַן שולד פאַר מיר און פאָלק?

טערעזיאַס:

איך וויל נישט רעדן מער צו דיר, מײַן גרויסער האַר.

עדיפּוס:

(אויפגעבראַכט)

ווי וואַגסטו עס? וואָס מיינען דײַנע רייד?
עס וואַרט אַ שטראָף אַ שטרענגע דיך
פאַר מורד זײַן אין פאָלק!
עס האַנדלט איצטער זיך וועגן גורל פונעם פאָלק!

טערעזיאַס:

דו צווינגסט מיך זאָגן, וואָס איך וויל ניט, — גוט,
וועל איך עס זאָגן, — זאָל דאָס פאָלק אומזיסט ניט לײַדן.
— דער מערדער פון לאַיאָסן ביסטו אַליין, מײַן האַר!
דו ביסט דער מערדער פון דײַן פאָטער לאַיאָס...

(דריקנדיקע פויזע)

עדיפּוס:

קאָנסטו איצטער אויך, קרעאָן, נאָך שווײַגן,
ווען כ'בין אַזוי באַליידיקט טיף?

(קרעאָן שוויַגט)

אָ, איך פאַרשטיי שוין איצטער אַלץ:
צוזאַמען מיטן אַלטן האָסטו קעגן מיר
איין האַנט געמאַכט, — פּטור ווערנדיק פון מיר
ווילסטו דער פירער ווערן... נביא אַלטער,
שנעל פאַרשווינד פון מײַנע אויגן!

(טערעזיאַס אָפּ)

און מיט דיר, קרעאָן,
וועל איך איצטער האַנדלען אַנדערש...
זאָג, מײַן העלד און מײַן פאַררעטער,
ווער האָט אָנגערעדט דײַן האַרץ
צו אַ נידערטרעכטיקייט אַזאַ?
מיינסטו דען, אַז איך וועל שווײַגן?
אַז כ'וועל עס דורכלאָזן אַזוי?
אַ שטראָף אַ שווערע וועסטו קריגן
פאַר פאַרראַטן מיך און פאָלק!

קרעאָן:

ס'איז אומזיסט דײַן כעס, האַר, און דײַן חשד
איז ניט באַגרינדעט און איז פאַלש...

עדיפוס:

פאַלש? איך זאָג פאַלש?!
פאַרשטייסטו דען ניט, וואָס דו רעדסט?

קרעאָן:

כעס זיך נישט אומזיסט, מײַן האַר, איך בין דײַן קנעכט
דו ווייסט עס וואויל.
איך בין איבערגעבן דיר מיט לײַב און זעל.
דו מאַכסט אַ בלבול בלויז אויף מיר,
דאָס טוט מיר וויי, דאָס פאַרשאַפט מיר לייד.
(אויפגערעגט)
איך בין אומשולדיק פאַר דיר.
איך וויל אַזוינס נישט הערן מער
אַפילו פון דעם קיניגס מויל!
איך וויל נישט דולדן מער אַזוינס...

עדיפוס:

(מיט כעס)
דו ווילסט נישט דולדן מער? ווער ביסטו דען
ווען איך באַפעל? איך זאָרג מיך בלויז
פאַר גליק פון פאָלק, און דו פאַרראַטסט דײַן פאָלק
און מיך! באַגרײַפסטו דאָס?

קרעאָן:

מײַן האַר, הער אויס...
(פלוצלונג רייסט זיך אַריין די משוגענע, זינגענדיק)

משוגענע:

אוי, אַ — אוי,
וואו זײַט איר, קינדערלעך, אוואו?!
וואו ז׳מײַן זונעלע דער שיינער,
מײַן איינציקער און איינער?
און די איינינקעלעך מײַנע ליגן אויסגעצויגן
אין דער שוואַרצער ערד מיט פאַרמאַכטע אויגן.
און עס קראַכט דער הימל, און די שטערן פאַלן
און עס ברענען טײַכן. ריזן־פעלזן קנאַלן...

און מײַן יונגע טאָכטער טראָגן אום די ווינטן,
איך קאָן זי ניט דעריאָגן, כ׳שלעפּ זיך אַלץ פֿון הינטן.
זי גייט שוין צו דער חופּה אין ווײַס געקלײדט אײַנגאַנצן...
טאָכטערל געטרײַע, לאָמיר ביידע טאַנצן!...
א־או, א־או, א־או —
וואו זײַט איר, קינדערלעך, אַוואו?!...

(עס פֿאַלט אַ שטאַרקער אַקאָרד פֿון אַ טויטן־טאַנץ און די משוגענע לאָזט זיך אין אַ ווילדן טאַנץ. (מוזיק נומ. 4.) דער טאַנץ דויערט עטלעכע מינוט און די משוגענע פֿאַר־שווינדט מיטן טאַנץ. עדיפּוס שטייט די גאַנצע צייט צע־טומלט און פֿאַרגאַפֿט. קרעאָן קוקט צו פֿאַרוואונדערט און מיט צער. יאָקאַסטע שטויסט זיך צונויף ביים אַרײַנגאַנג מיט דער משוגענער. קוקט זי נאָך. קומט אַרײַן)

יאָקאַסטע:

ווער איז די שוידערלעכע פֿרוי?
און וואָס קומט אַזוינס דאָ, קיניג, פֿאָר?
דו ביסט פֿאַרצאָרנט און פֿאַרווירט.
זאָג מיר, קיניג,
וואָס איז די סיבה פֿון דײַן כּעס?

עדיפּוס:

(קומענדיק צו זיך)
דיר, יאָקאַסטע, וועל איך זאָגן,
ווײַל איך טרוי דיר מער ווי זיי.
— אויפֿגערעגט האָט מײַן געמיט
אַ נידערטרעכטיקער פֿאַרראַט...

יאָקאַסטע:

פֿאַרראַט!?
און ווער איז דעם פֿאַרראַט באַגאַנגען?

עדיפּוס:

דער ברודער דײַנער, דײַן קרעאָן.

יאָקאַסטע:

קרעאָן?...

עדיפּוס :

יאָ, קרעאָן !

(קרעאָן אומצופרידן אָפּ. יאָקאַסטע קוקט אים נאָך)

יאָקאַסטע :

קאָנסטו די באַשולדיקונג דערווײַזן ?
און וואָס באַשטײַט דען זײַן פאַרראַט ?

עדיפּוס :

ער זאָגט, אַז איבער לאַיאָסן דעם מאָרד
האָב איך אויסגעפירט אַלײַן,
און איך בין דאָס דער שולדיקער
אין לאַיאָסעס שוידערלעכן טויט.

יאָקאַסטע :

פון וואַנען ט׳ער זיך דאָס דערוואוסט ? —
עס האָט אים עמיצער געזאָגט ?

עדיפּוס :

דעם בלינדן נביא האָט מען מיר געשיקט, —
עס רעדט קרעאָן מיט פרעמדן מויל...

יאָקאַסטע :

טאָ נעם זשע זיך נישט דאָס צום האַרץ
און הער מיך בעסער אויס מיט קאָפּ.
איך וויל עס זאָל דיר זײַן באַוואוסט,
אַז פון זעער־קונסט אַ שטערבלעכער
האָט קיינמאָל נישט געוואוסט.
זעאונג גײַסט, נבואה גײַסט
קומט צו מענטשן זעלטן ווען, —
איך האָב באַווײַזן פיל צו דעם.
אָט הער זיך צו :
לאַיאָס האָט אַ שפּראָך אַמאָל
אַ שרעקלעכן געהערט,
אַז אומקומען וועט ער
פון דער האַנט פון זײַנס אַ קינד,
פון אַ זון,
וואָס געבוירן וועט זײַן ווײַב.

אָבער, לויט די מעשה ווערט דערציילט,
איז לאַיאָס אומגעקומען גאָר
פון בייזע מערדער
ערגעץ אויף אַ וויַיטן וועג,
און דאָס קינד, מיט הענט פאַרשמידטע,
האָט דער פאָטער אויפן דריטן טאָג
נאָכן קינדס געבורט,
דורך פרעמדע הענט,
פאַרוואָרפן אין די בערג.
די געטער האָבן נישט דערלאָזט,
אַז אויפן פאָטער זאָל דער זון
הויבן ווען זייַן האַנט.
זעסטו, וואָסער ווערט עס האָט
די זעערס ריידעריַי ?!
גלויב נישט מער אין זיי.

עדיפּוס:

אָ, ווי געבראָכן ווערט מיַין האַרץ
און פאַרווירט פון דייַנע רייד!
(יאָקאָסטע קוקט אים אָן מיט חידוש)
דו האָסט, עס דוכט זיך מיר, געזאָגט,
אַז לאַיאָס איז געטויט
אויף אַ וויַיטן וועג?

יאָקאָסטע:

אַזוי דערציילן לײַט.

עדיפּוס:

וואו געפינט זיך יענער אָרט,
וואו באַגאַנגען איז דער מאָרד?

יאָקאָסטע:

פאָקידע הייסט דאָס לאַנד,
פון דאַנען איז עס וויַיט,
דאָרט קומען וועגן זיך צונויף
פון דאַאוליא און דעלפאָי.

עדיפוס:

ווִיפיל צײַט איז שוין אַוועק
זינט דער אומגליק איז געשען?

יאָקאַסטע:

מיר האָבן זיך פון דעם דערוואוסט
קורץ פאַר דעם, ווי דו ביסט דאָ
געוואָרן הערשער אויסדערווײלט.

עדיפוס:

זאָג מיר, ליבע יאָקאַסטע,
ווי האָט לאַיאָס אויסגעזען
און ווי אַלט איז ער געווען?

יאָקאַסטע:

ער האָט אין אויסזען געהאַט
פיל ענלעכקייט צו דיר
און ער איז געווען גאַנץ יונג, —
זײַן קערפּער — בויגיק, שלאַנק,
בלויז וואו ניט וואו אַ גרויע האָר.

עדיפוס:

וויִי מיר, ווייִ! מיר דוכט, איך האָב אַלײן
געבראַכט אַ קללה אויף מײַן קאָפּ,
איך האָב פאַרשאָלטן זיך אַלײן...
עס האָט טערעזיאַס, מיר דוכט,
פאַרשטאַנען גוט, וואָס דאָ קומט פאָר...
דאָס אַלץ וועט ווערן פאַר מיר קלאָר,
ווען דערוויסן וועל איך זיך נאָך אײנס.
זאָג מיר, יאָקאַסטע:
איז לאַיאָס דאַן אַוועק אין וועג אַלײן
צי עמיץ איז מיט אים געווען?
האָבן מענטשן אים באַגלײט?

יאָקאַסטע:

פינף באַגלײטער ט'ער געהאַט,
צווישן זײ אַן אויסרופער;
און אַ וואָגן בלויז פאַר זיך.

עדיפוס:

אָ, ווײַ צו מײַן פֿאַרשאָלטן קאָפּ! —
עס ווערט מיר איצטער אַלעס קלאָר...
אָ, ווײַ מיר, ווײַ!
דערציײל מיר אָבער, ווי אַזוי
איר האָט פֿון אומגליק זיך דערוואוסט?
ווער האָט אײַך דאָס אַלץ דערציײלט?

יאָקאַסטע:

אַ קנעכט, וואָס איז פֿון דאָרטן
מיטן לעבן קוים אַוועק, —
ער'ט לאַנג געוואַנדערט אין די בערג
און דערשלעפּט זיך קוים צוריק,
ער האָט אַלץ דאָס אונדז דערציײלט.

עדיפוס:

וואו געפֿינט זיך איצט דער קנעכט? —
איז ער ערגעץ דאָ אין שטאָט?

יאָקאַסטע:

נײַן. נאָך זײַן אָנקומען צוריק,
ווען ער האָט באַמערקט, אַז דו
באַזיצסט דעם טראָן,
אַז דו פֿאַרנעמסט שוין לאַיאָסעס אָרט,
איז ער געפֿאַלן צו די פֿיס
און האָט הייס געבעטן מיך,
אַז איך זאָל דערלויבן אים
אַוועקצוגײן פֿון שטאָט. —
ער וויל ליבער אין אַ דאָרף,
אָדער ערגעץ אין די בערג
פּיטערן די שאָף,
נאָר ניט אָנקוקן די שטאָט.
איך האָב אים דאָס דערלויבט.
איך וואונדער אָבער מיך:
וואָס גײט דיר אָן אַזוי דער קנעכט?

עדיפוס:

איך וואָלט אים וועלן זען,
איז מעגלעך ברענגען אים אַהער?

יאָקאַסטע:

אַלץ איז מעגלעך.
נאָר צו וואָס באַדאַרפסטו דאָס?

עדיפוס:

איך מוז אים זען טאַקע באַלד, —
ער וועט מײַן גורל מאַכן קלאָר...

יאָקאַסטע:

גלײַך, מײַן האַר.

(זי פּאַטשט מיט די הענט. עס קומט אַרײַן אַ דינערין)

הײַנט מע זאָל דעם אַלטן פּאַסטעך
שיקן ברענגען שנעל אַהער.

(דינערין פאַרנייגט זיך; אָפּ)

און איצט, עדיפוס, וויל איך בעטן,
זאָלסט פאַר מיר דײַן האַרץ אַנטפּלעקן, —
איך גלויב, — איך האָב עס אויך פאַרדינט.

עדיפוס:

זיכער האָסטו עס פאַרדינט, מײַן פרײַנט.
ווער נאָך ווי דו איז ווערט צו וויסן
אַלץ, וואָס עס באַדריקט מײַן האַרץ?!
טאָ, הער זשע, יאָקאַסטע, צו:
מײַן פאָטער איז געווען
פּאָליבאָס פון קאָרינט;
די דאָריאַנערין מעראָפּע
מײַן מוטער איז געווען.
אַלע אײַנוואוינער פון שטאָט
האָבן מיך געשעצט, געערט;
אַלס אײַנער פון די ערשטע
האָב איך דאָרט געשמט,
ביז עס האָט אַמאָל פּאַסירט:

אַ גאַסן־יונג אַ שיכורער
האָט אַ שמיץ געטאָן אין פּנים מיר,
אַז כ׳בין ניט פאַליבאָסעם אַ קינד.
עס האָט אין הארצן מיר פאַרקלעמט
פון אויפרעגונג און שאַנד.
איך האָב אָבער דעם וויִיטיק
ווי עס איז פאַרשטיקט
און בין אַוועק צום פאָטער בעטן
ער זאָל מיר דערקלערן
וואָס עס מיינט דאָס בייזע וואָרט.
ער האָט, נאַטירלעך, אַלץ געלייקנט
און די ליגנערייַ פאַרדאַמט.
איך האָב אַביסל זיך באַרואיקט,
אָבער אויף אַ קורצער צייַט.
געדאַנקען שווערע האָבן מיך געמאַטערט,
און כ׳האָב לייַדן מער שוין ניט געקאָנט.
האָב איך זיך איינמאָל אין דער שטיל
אַרויסגעגנבעט פון דעם פאָטערס הויז
און געלאָזט צו פאַיבאָסן זיך גייַן,
צו פרעגן זייַן באַשייד.
קיין תשובה אויף מייַן פראַגע
האָט פאַיבאָס ניט געגעבן מיר,
נאָר ער האָט געלאָזט מיך הערן
בשורות אַנדערע, וואָס שפרייטן שרעק
און גרויל אין הארץ...
ער האָט געזאָגט, אַז איך וועל זייַן
דער מערדער פון מייַן פאָטער...
דערהערט אַזוינע רייד,
האָב איך פאַרלאָזט קאָרינטאָס־לאַנד
און זיך אָנגעמערקט אַ וועג
אַזאַ, אַוואו דער בייזער שפּראָך
זאָל נישט מקוים ווערן.
געוואַנדערט האָב איך לאַנג,
ביז איך בין געקומען
אָט צו יענעם אָרט,
וואו לאַיאָס, ווי דו זאָגסט,
געפונען האָט זייַן טויט.

גראָד אויף יענעם אָרט
האָב איך געהאַט אַ קאַמף
מיט דורכפאָרער אַ פּאָר, —
אײנער אַ הערשאַלד,
נאָך גאָר אַ יונגער מאַן,
דער צווײטער — עלטער איז געווען.
און בײדע האָבן זײ געוואָלט
מיט גוואַלד פאַרטרײַבן מיך פון וועג.
איז אַנטשטאַנען דאַן אַ קאַמף,
אין וועלכן כ'האָב געטויט
דעם עלטערן, און דעם אַנדערן נאָך אים.
אָ, יאָקאַסטע!
אויב צווישן לאַיאָסן און יענעם מאַן
אַ וועלכע שײַכות איז פאַראַן, —
ווער קען פאַרגלײַכן זיך אין אומגליק
דאַן מיט מיר?! אָ, געטער, הײליקע!
וואָס האָט איר פון מיר געוואָלט?
פאַר וואָס בין איך אַזוי באַשטראָפט?
עס וועט קײן מענטש מיך לאָזן מער
אַרײַנצוקומען אין זײַן הויז,
און באַגלײטן וועט מיך יעדער
מיט בײז געלעכטער און מיט שפּאָט...
און אָט די בײזע, ווילסטע קללה
האָב איך אויף זיך אַלײן געבראַכט...
אָ, געטער, גוטע!
זאָל איך בעסער נישט דערלעבן
יענעם פירכטערלעכן טאָג!
פאַרשוואונדן זאָל איך בעסער ווערן
אין אַ פינצטערניש פון תהום,
אײדער מײַן פאַרשאָלטן קאָפּ
זאָל באַדעקט ווערן מיט שאַנד!...
(אָפּ טרויעריק אין פּאַלאַץ)

יאָקאַסטע:

ווי אויפגערעגט עדיפּוס איז!
צוויפל האָט באַהערשט זײַן האַרץ, —
ער פילט דעם אומגליק שוין.

וואָס זאָל איך טאָן פֿאַר אים
צו לינדערן זײַן צער?
מע דאַרף אַ קרבן צו די געטער ברענגען
און אַ הײליק טאַנץ זײ טאַנצן,
מיט געזאַנג זײ בעטן רעטונג
פֿאַר עדיפּוסן און פֿאָלק.

(פּאַטשט מיט די הענט. עס קומט אַריין אַ דינעריין)

הײַנט די מײדלעך
צוזאַמענקומען זיך אַהער
מיט אײלבערט צווײַגן
און מיט בשמים
פֿאַר צעאוס גרויסן אַ געבעט.

(מיידל אָפּ. באַלד קומען אַריין זעקס מיידלעך מיט איילבערט צווייגן און מיט קרוגן אויף די קעפּ. יאָקאַסטע קניט פֿאַר דער סטאַטוע פֿון צעאוס. די מיידלעך טוען איר נאָך. יאָ־קאַסטע הויבט אָן איר געבעט. כאָר פֿון די אַריינגעקומענע מיידלעך העלפֿט איר, אין פֿאָרם פֿון אַקאָמפּאַנימענט)

אָ, צעאוס מעכטיקער, אָ, גאָט, מײַן גאָט!
ווען כ׳וואָלט עפּענען געקאָנט מײַן האַרץ,
אַז באַרג און טאָל זאָל זען מײַן פּײַן!
ווען כ׳וואָלט יאָמערן געקאָנט אַזוי,
אַז יעדער ווײַטיק זאָל פֿאַרגײן, —
אָ, ווי גרויס ס׳וואָלט זײַן מײַן גליק.
איך קום אָבער צו דיר, מײַן גאָט,
מיט שטיל געוויין.
— דאָס איז אַלץ, וואָס איך פֿאַרמאָג.
אָ, צעאוס מעכטיקער!
איך קני פֿאַר דיר און בעט:
דערבאַרעם זיך, שטיל אײַן
עדיפּוסעס געמיט,
ניט נעם פֿון אים זײַן שטאָלץ און מוט, —
דאָס קדמון פֿאָלק באַדאַרף זײַן האַנט,
זײַן קלוגן קאָפּ און פֿאָטער־האַרץ.
איך קני פֿאַר דיר און בעט דיך הײַנט:
ניט שטער דעם פֿרידן פֿון מײַן הויז,

ניט וועק קיין ווייטיקן פאַרגעסענע
און ברענג ניט אום מיט אים אויך מיך.
פאַרנעם, אָ גאָט, מיַין שטיל געוויין,
און שיק דיַין פאָטערלעכע הילף!...

מוזיק נומ. 5.

(זי הייבט זיך אויף פונעם קניען. די מיידלעך טוען נאָך. עס הייבט זיך אָן אַ צערעמאָניאַלער טאַנץ, אין וועלכן אַלע באַטייליקן זיך צוערשט; (מוזיק נומ. 6.) צום סוף טאַנצט יאַקאַסטע אַליין און די מיידלעך באַגלייטן איר טאַנץ בלויז מיט באַוועגונגען, בילדנדיק געוויסע גרופּעס. צום שלוס פאַלט יאַקאַסטע צו צו דער ערד אין גרויס עקסטאַז. אין דעם מאָמענט קומט אַריין קרעאָן. ער קוקט אַ ווײַלע און דערנענטערט זיך)

קרעאָן:

אַ פרעמדער איז צו אונדז געקומען,
אַן אַנזאָגער, —
דערלויב צו קומען אים אַהער.

יאָקאַסטע:

(הייבט זיך אויף צעטומלט פון עקסטאַטישן טאַנץ)

זאָל ער קומען.

(קרעאָן אָפּ. די מיידלעך שטעלן זיך אָן אַ זייט. יאַקאַסטע שטייט אין דערוואַרטונג. קרעאָן קומט מיטן אַנזאָגער)

פון וואַנען קומסטו, מענטש,
און וואָסער בשורה ברענגסטו אונדז?

אַנזאָגער:

איך בין אַ שליח פון קאָרינט.
איך האָב אַ בשורה אײַך געבראַכט
אַ טרויעריקע:
דער פאָטער פון עדיפּוס,
פּאָליבאָס דער גרויסער
לעבט שוין נישט מער,
און עדיפּוס זײַן זון
איז פון פאָלק דערקלערט
אַלס פירער פון דעם לאַנד.

מײַן בשורה איז אַ טרויעריקע,
אָבער אויך אַ פֿרײלעכע דערבײַ, —
אויפֿן פֿירער וואַרט דאָס פֿאָלק.

יאָקאַסטע:

גײ, קרעאָן, וואו דו באַדאַרפֿסט.

(קרעאָן אָפּ)

און איר, מײדלעך, רופֿט אַהער
עדיפּוסן דעם האַר.

(מײדלעך אָפּ)

ביסט זיכער מיד דאָך פֿונעם וועג, —
טאָ זיץ און רו זיך אָפּ,
באַלד קומט דער האַר עדיפּוס אָן.

אַנזאָגער:

איך דאַנק דיר האַרציק פֿאַר דײַן זאָרג
איבער מיר, דעם אַלטן מאַן.
איך וועל דאָך ליבערשט שטײן,
ווײַל אומבאַקוועם איז זיצן מיר
פֿאַר אַ האַרינטע ווי דו.

(עדיפּוס קומט אַרײַן)

עדיפּוס:

צו וואָס האָסטו, יאָקאַסטע, זאָג,
פֿון פּאַלאַץ מיך אַהער פֿאַרלאַנגט?

יאָקאַסטע:

הער אוים די רײד פֿון מאַן, —
אַ שליח איז ער פֿון קאָרינט;
הער אים אוים, וועסטו פֿאַרשטײן,
ווי די זעער־רײד איז פֿאַלש.

עדיפּוס (צעטומלט):

וואָס וויל פֿון מיר דער מאַן?
וואָס וויל ער זאָגן מיר?

יאָקאַסטע:

ער ברענגט אַ בשורה אונדז פון ווײַט,
אַז דײַן פֿאָטער לעבט נישט מער,
אַז פּאָליבאָס איז שוין טויט.

עדיפּוס:

(דערפרייט און מונטער פון דער בשורה, באַהאַלט עס אָבער)

וואָס רעדסטו, אַלטער, דאָ אַזוינס?
דו האָסט עס אויסגעטראַכט, צי וואָס?

אָנזאָגער:

ניין, מײַן האַר, איך טראַכט נישט אויס...
אויב ס'איז מיר באַשערט צו זײַן
דער אָנזאָגער, טאָ ווײַס: —
פּאָליבאָס איז פון אונדז אַוועק.

עדיפּוס:

(אין דער זעלביקער אויפגערייצטער, באַהאַלטן־פריידיקער שטימונג, אָבער שטיל, הכנעהדיק)

איך זע, יאָקאַסטע, דו ביסט גערעכט:
עס האָט קיין האַפט דעם זעערס רייד,
דען ער האָט מיר פאַראויסגעזאָגט,
אַז כ'וועל מײַן פֿאָטערס מערדער זײַן,
און געשטאָרבן איז ער, ווי דו זעסט,
בײַ זיך אין הויז, אין אייגן בעט,
ווײַט פון מיר, זײַן איינציק קינד,
און כ'האָב קיין וואָפן אָנגערירט.

יאָקאַסטע:

כ'האָב ניט איינמאָל שוין דאָס דיר געזאָגט, —
דו גלויבסט מיר נישט, ביסט אײַנגעשפּאַרט.

עדיפּוס:

(באַהאַלט שעמעוודיק זיין וואַקסנדיקע פריידיקע שטימונג)

עס לעבט מײַן פֿאָטער שוין נישט מער,
דאָס טײַערסטע איז פון מיר אַוועק
און ס'ווערט מײַן האַרץ פאַרווירט פון צער.

אַנזאָגער:
דײַן צער, מײַן האַר, איז גאָר אומזיסט.

עדיפּוס:
פאַר וואָס?

אַנזאָגער:
ווײַל קײַן פאַרוואַנדשאַפט איז נישטאָ
צווישן פּאָליבאָס און דיר...

עדיפּוס:
וואָס? כ׳בין נישט פּאָליבאָסעס אַ זון?
וואָס פּלוידערסטו, דו אַלטער מאַן?

אַנזאָגער:
אַזוי ווי מיר ביסטו אַ זון...
פון פרעמדע הענט
פּאָליבאָס האָט באַקומען דיך.

עדיפּוס:
פון וועמעס?

אַנזאָגער:
פון מײַנע...

עדיפּוס:
און וואו האָסטו גענומען מיך, —
געגנבעט ערגעץ פון אַ הויז?
געפונען ערגעץ אויף אַ וועג?

אַנזאָגער:
אין קיטעראָנס וועלדער שפּאַלטן
האָב איך דיך געפונען, האַר.
כ׳האָב פון טויט דיך דאַן באַשיצט.

עדיפּוס:
דו האָסט מיך אַלײן געפונען,
צי עמיץ נאָך געווען מיט דיר?

אַנזאָגער:

ניט אַליין, —
נאָך אַ הירט ז׳געווען מיט מיר.

עדיפּוס:

ווער איז ער? געדענקסט אים נאָך?

אַנזאָגער:

אַ קנעכט געווען אין לאַיאָס׳ם הויז.

עדיפּוס:

וואו איז ער איצט? קאָן איך אים זען אויך?
יאָקאַסטע! ווייסטו עפּעס פון דעם הירט?

יאָקאַסטע:

מאַך פון דעם קיין וועזן נישט,
קלער נישט מער פון דעם.

עדיפּוס:

כ׳מוז אויפקלערן די זאַך צוערשט.
קיינעם פאָלג איך נישט ביז דאַן.

יאָקאַסטע:

איך זאָג דיר נאָכאַמאָל: פאַרגעס!
ניט לייג קיין אַכט מער אויף די רייד!

עדיפּוס:

(באַפעלעריש)
מע זאָל דעם הירט גלייך אויפזוכן
און ברענגען אים אַהער!

יאָקאַסטע:

וואָס ווילסטו טאָן, אומגליקלעכער? —
דו גראָבסט אַליין פאַר זיך אַ תהום...

עדיפּוס:

איך פאָלג דיך נישט כל זמן
איך וועל נישט אַלץ אויף קלאָר.

יאָקאַסטע:

(אָן אַ זייט)
איך ווייס שוין איצטער אַלץ...
אָ, עלנטער!
הלוואַי וואָלסטו זיך גאָר
קיינמאָל נישט דערוואוסט
ווער אַזוינס דו ביסט...

עדיפּוס:

(אויפגעבראַכט)
וועט מען אַמאָל דעם הירט
מיר ברענגען דאָ אהער?

יאָקאַסטע:

(אָן אַ זייט)
ווי איז דיר, אומגליקלעכער! —
דאָס איז אַלץ, וואָס כ׳קאָן דיר זאָגן איצט...
(אָפּ אין פּאַלאַץ. צוויי דינער פירן אַריין דעם פּאַסטוך)

עדיפּוס:

דערקענסטו אָט דעם מאַן?
האָסטו אים באַגעגנט ווען?

פּאַסטוך:

באַגעגנט?... וועמען מיינסטו?

עדיפּוס:

אָט דעם, וואָס שטייט פאַר דיר.

פּאַסטוך:

איך געדענק עס נישט, מיין האַר.

אָנזאָגער:

דערלויב, מיין האַר, דערמאָנען אים,
וואָס ער האָט, ווי עס שיינט,
פאַרגעסן שוין.

(צום פּאַסטעך)
גערעדנקסט, מײַן פרײַנד, ווען איך און דו
האָבן אויפן קיטעראָן געלעבט
און סטאַדעס שאָף געפּיטערט דאָרט?
דו ביסט פון לאַיאָס׳ם הויף געווען.
געדענקסטו דאָס?

פּאַסטוך:

ס׳איז אמת, ס׳איז שוין אָבער לאַנג געווען.

אָנזאָגער:

געדענקסטו ווי דו האָסט אַמאָל
אַ קינד אַ קליינס געגעבן מיר
כ׳זאָל עס האָדעווען בײַ זיך?
(ווײַזט אָן אויף עדיפּוסן)
איצט טו אַ קוק אויף אונדזער האַר,
אויף דעם מאַן, וואָס שטייט לעבן אונדז, —
דערקענסטו אים אַצינד?
אויסגעוואַקסן איז דאָס קינד,
וואָס דו האָסט דאַן געגעבן מיר...
אָט דער מאַן איז טאַקע דער,
וואָס איז דאַן אַ קינד געווען.

פּאַסטוך:

אָ, שווײַג שטיל, פאַרפלוכטער הונט,
און רעד נישט מער צו מיר!...

עדיפּוס:

(בייז)
שעלט זיך ניט! איך וועל צווינגען דיך
דעם אמת זאָגן מיר!
נעם זיך עס אין אַכט!

פּאַסטוך:

ער טראַכט בלבולים אויס אויף מיר.

עדיפּוס:

איך בעט מיט גוטן, אַלטער, דיך,
זאָג: האָסטו געגעבן אים דאָס קינד?

פּאַסטוך:

(צעטומלט און דערשראָקן)
ג ע ג ע ב ן...

עדיפּוס:

איז דאָס געווען דײַן אייגן קינד?

פּאַסטוך:

ניין, — עס קומט דאָס קינד פון לאַיאָס'ס הויז,
דאָס איז דעם קיניגס קינד געווען,
איך גלויב אַזוי, און די האַרינטע
יאָקאַסטע ווייסט די זאַך גענוי...

עדיפּוס:

ווער ט'געגעבן דיר דאָס קינד?
אפשר זי?...

פּאַסטוך:

יאָ... זי, מײַן האַר...

עדיפּוס:

זי! אָ, שווידער!

פּאַסטוך:

דער אָראַקל ט'זי געשראָקן
מיט אַ האַרבן שפּראַך,
אַז טויטן וועט דאָס קינד דעם פאָטער.

עדיפּוס:

פאַרוואָס זשע האָסטו עס אַוועקגעגעבן
אין פרעמדע הענט, און נישט דערצויגן עס אַליין?

פּאַסטוך:

כ'האָב ראַטעווען געוואָלט דאָס קינד.
האָב איך געבעטן אַט דעם מאַן
ער זאָל אַוועקפירן דאָס קינד
ערגעץ אין אַ ווײַטן לאַנד.
געטאָן אָבער האָט ער פאַרקערט
צום גרויסן אומגליק פונעם קינד...

(עס לאָזט זיך הערן אַ האָרן. פּריסט און פאָלק קומען אָן)

פּריסט:

גרויסער האַר! ס'איז אומרואיק דאָס פאָלק.
קלאַנגען טראָגן זיך אַרום, אַז דו אַליין
ביסט אומרואיק נאָך מער.
זאָג, עדיפּוס, וואָס ט'מיט דיר אַזוינס פּאַסירט?
זאָג דעם אמת אונדז
און ברענג אויך אונדז דײַן הילף.

עדיפּוס:

אָ, שווײַג שטיל, מײַן פּריסט, וויי איז מיר,
איך בין אַ מערדער, ניט קיין האַר,
איך קאָן אַזוי נישט לעבן מער!
אויסגעלאָשן איז מײַן טאָג, — וויי מיר, וויי...

(אָפּ וויינענדיק אין פּאַלאַץ)

פּריסט:

וויי איז, קינדער, צו אונדזער גורל:
עדיפּוס איז אין גרויסן צער
אַן אומגליק עפּעס ט'אים פּאַסירט.
צו וועמען זאָלן מיר אַצינד
ווענדן זיך נאָך הילף?...
זאָלן זיך די גוטע געטער
איצט דערבאַרעמען אויף אונדז...

(ער קניט, דאָס פאָלק נאָך אים, זינגען אַ תפילה)

גרויסער גאָט, פאַרנעם דאָס געבעט
און שיק אונדז וואָס גיכער דײַן הילף.
פאַרגיב, ווי אַ פאָטער, עדיפּוס זײַן זינד,

ער האָט שוין באַקומען זײַן שטראָף;
באַרואיק זײַן גײַסט, זײַן שווערן געמיט —
ניט לאָז אָן אַ פּאַסטוך דײַן שאָף!...

מוזיק נומ. 7.

(ער הייבט זיך אויף. דאָס פֿאָלק נאָך אים)

פּריסט:

לאָמיר, קינדער, רופֿן צו עדיפּוס,
לאָמיר טרייסטן אים אין אומגליק,
אין זײַן טיפֿן צער און שווערן.

אַלע:

עדיפּוס! עדיפּוס! עדיפּוס!

(עס קומט אַריין דער לייב דינער)

לײַב דינער:

הער צו, אָ, פֿאָלק פֿון קדמון,
און דו, גוטער גרײַז!
פֿאַרנייגט די קעפּ, די הענט צום הימל הייבט
און פֿאַרנעמט מיט האַרץ מײַן בשורה אײַך:
עדיפּוסעס פֿרוי, יאָקאַסטע, איז נישט מער מיט אונדז, —
אויף אַ תּליה האָט זי געפֿונען שוין איר סוף,
אויפֿגעהאַנגען זיך אָקאָרשט.
עדיפּוס האָט דעם שטאַרקן בראָך
פֿאַרטראָגן נישט געקאָנט.
כּדי צו אויסקויפֿן זײַן זינד,
כּדי צו ראַטעווען דאָס פֿאָלק
האָט ער אַליין זיך בלינד געמאַכט,
די אויגן אויסגעשטאָכן זיך, —
זאָל זײַן זינד גערייניקט ווערן,
זאָל אַרום געלײַטערט ווערן,
זאָל דאָס גוטע פֿאָלק פֿון קדמון
ניט אומקומען פֿאַר פֿרעמדע זינד,
זאָל ווערן אויפֿגעריכט דאָס לאַנד!
— דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט
פֿון עדיפּוסן דעם האַר.

ער וועט קומען באַלד אַהער
זיך זעגענען מיט אײַך.
זײַנע לײַדן זײַנען שווער,
ווײַל פון אומבאַוואוסטע זינד
קומט אוים צו טראָגן אים אַ לאַסט...
(עס קומען אַריין עדיפוס מיט אַנטיגאָנען און איסמענען)

עדיפוס:
(מיט שטילן יאָמער)
קומט, קינדער!
איך וויל מײַן לעצטע ברכה
געבן צו מײַן פאָלק
און דאַן אַוועק
אין פינצטערניש אַליין.
אָ, ווײ מיר, ווײ...

פריסט:
איך זע און פיל, מײַן האַר, דײַן צער,
אָבער ווער האָט דיך געצוואונגען דען
די אויגן אויסצושטעכן זיך?

עדיפוס:
דאָס גרעסטע אומגליק אין מײַן לעבן
האָט פאָיבאָס אויף מײַן קאָפּ געבראַכט,
אָבער בלינד געמאַכט האָב איך זיך אַליין,
ווײַל איך טאָר שוין מער ניט אָנקוקן
די העלע שײַן פון זון.
דאָס ליכט פון טאָג איז נישט פאַר מיר
און פינצטער איז מײַן וועלט...
צו וואָס זשע דאַרף איך אויגן נאָך?...
(עס קומט אַריין קרעאָן)

קרעאָן:
דו זעסט, עדיפוס, —
דײַן גאַנץ פאַרדאַכט ז׳געווען אומזיסט
— איך בין קיין שונא דיר געווען.
די געטער האָבן עס אַזוי געוואָלט,
און דו האָסט אויפגעדעקט ס׳פאַרברעך.

איצט שטעל איך זיך מיטן פאָלק,
איך מוז ראַטעווען דאָס לאַנד.
זאָג, עדיפּוס,
וואָס פאַרלאַנגסטו איצט פון מיר?

עדיפּוס:
איידער כ׳גיי אַוועק פון אייך, קרעאָן,
בעט איך דיך: מיינע קינדערלעך באַשיץ.
היט איסמענען, אַנטיגאָנען,
אַלס אַ זכר פון מיין גורל,
אַלס אַ קרבן פאַר מיין פאָלק,
דאָס איז אַלץ, וואָס איך פאַרלאַנג.

קרעאָן:
וואָס צו טאָן מיט דיינע קינדער, —
וועל איך פרעגן דעם אָראַקל.
אָבער זאָל באַוואוסט זיין דיר,
אַז איך טראָג אויף דיר קיין האַס
פאַר דיין בלבול אין פאַרראַט.
(צום דינער)
עדיפּוס מיט די קינדער פירט אַוועק.
(דינער פירט זיי אַוועק אין פּאַלאַץ)
און איר, בירגער, שווער אויסגעמאַטערט פאָלק,
גייט צו אייערע היימען איצט
און באַרואיקט זיך. דערבאַרימט האָבן זיך
די געטער איבער אונדז, און די פּעסט
וועט שוין אַוועק. פרידן וועט פון איצט
שוין הערשן איבער לאַנד.

פּריסט:
הער צו אויך דו, קרעאָן, מיין וואָרט:
עס קאָן קיין מענטש באַשאַפן גוטס,
אויב ער איז אַליין ניט גוט.
עס קאָן קיין פרידן זיין אין לאַנד,
אויב דער פירער איז אין זינד.
געדענק עס גוט.
געטער שענקען ניט קיין זינד.

ביז אַ מענטש דערגרייכט זײַן סוף,
איז אײַיגן גליק אַ חלום בלויז.
פֿאַרבינד דײַן גורל מיטן פֿאָלק
מיט דעם וועט קומען אויך דײַן גליק.
(קרעאָן פֿאַרנייגט זיך)
און איצטער, קינדער, לאָמיר זינגען
און אַ לויב צום הימל געבן
פֿאַר דעם חסד, וואָס ער האָט צו אונדז געוויזן.

(אַלע גייען אַרויף אויפֿן בינע, שטעלן זיך אויס אין אַ געוויסן סדר, אין גרופּן. עס קומען אויך אַרויס יאָקאַסטעס דינערינס. קרעאָן שטייט איבער אַלעמען העכער. עס הייבט זיך אָן געזאַנג פֿון גאַנצן כאָר)

כאָר:

אַ לויב צו דיר פֿון פֿאָלק און לאַנד
געבענטשט זאָל זײַן דײַן פֿאָטער האַנט
מיט ברכות קומען מיר צו דיר
געבענטשט זאָל זײַן דײַן שוועל און טיר...

מוזיק נומ. 3.

(פֿ אָ ר ה אַ נ ג)

באַמערקונגען צו דער אויפֿפֿירונג פֿון „די לײַדן פֿון עדיפּוס"

מוזיק:

די גלעקער קלאַנגען דאַרפֿן זיין טיפֿע, ברייטע, צעצויגענע.

דאָס ליד פֿון באַנדוריסט — מוזיק נומ. 1, פֿון מ. געלבאַרט (אַ מעשהלע).

דאָס געבעט „גרויסער אַפּאָלאָ" (כאָר) — די מוזיק איז ספּעציעל געשריבן פֿון מ. געלבאַרט, נומ. 2.

דאָס „לויב געזאַנג" (דריי מאָל דורך דער פּיעסע) — די מוזיק פֿון „סטאַבאַט מאַטער" פֿון ראָסיני, די טענאָר אַריע. עס ווערט געזונגען אוניסאָן.

דער טאַנץ פון דער משוגענער — מוזיק: „דאַנס מאַקאַבר" פון סען־סאַנס.

דאָס געבעט פון יאָקאַסטע — מעלאָדעקלאַמאַציע; מוזיק אַקאָמפּאַ־נעמענט — מענועט פון הענדל.

דער טאַנץ פון יאָקאַסטע מיט די מיידלעך — מוזיק פון „אַאידאַ" (ווערדי) „דאָס געבעט אין טעמפּל."

געבעט פון פּריסט — מעלאָדעקלאַמאַציע, אַקאָמפּאַנירט מיטן ערשטן טייל פון סיבעליוסעס „וואַלץ טריסט."

שלוס: לויב געזאַנג (דאָס זעלבע וואָס צוערשט).

האָרן הינטער די קוליסן — פּשוטער טראָמפּייט, עטלעכע טע־נער, אויסרופן.

טענץ:

משוגענע: טויטן טאַנץ אין אַ ווילדער טעמפּאָ.

באַלעט מיט יאָקאַסטען — פּלאַסטישע באַוועגונגען פון אַלע טענ־צערינס און עקסטאַטישקייט ביי יאָקאַסטען.

באַמערקונג: די מוזיק פאַר די טענץ ווערט געשפּילט אויפן קלאַוויר. די מעלאָדעקלאַמאַציעס און די באָרן געזאַנג ווערט באַגלייט אויף אַ פּוס־האַרמאָניע.

קאָסטיומען:

גריכישע: פּשוטע פאַרן פאָלק, פאַרביקע פאַר די ראָליסטן.

גרים:

די אַלטע לייט דאַרפן טראָגן בלויז גרויע פּאַרוקן. קיין בערד טאָרן ניט געקלעפּט ווערן. די פּנימער עטוואָס בלאַס. די פּנימער ביי דעם פּאַסטוך און ביי דעם אַנזאָגער דאַרפן זיין ברוינלעך. ווען עדיפּוס ווערט בלינד דאַרף מען מיט לאַק צוקלעפּן צו די אויגן־דעקלעך שטיקלעך שוואַרצע מאַרליע, אַזוי, אַז עס זאָל אינגאַנצן פאַרדעקן די אויגן.

רעקוויזיט:

עדיפּוס האָט אויפן קאָפּ אַ גאָלדן רייפל און אין האַנט אַ גאָלדן שטעקל מיט אַ קעפּל.

קרעאָן — אויפן קאָפּ אַ לאָרבער קראַנץ. אין האַנט — אַ שטעקן מיט אַ שפּיז.

דער פּריסט, טערעזיאַס, פּאַסטוך, אַנזאָגער — האָבן אין די הענט פּשוטע הויכע שטעקנס פאַרבויגן אויבן.

די טענצערינס — צוויי פון זיי טראָגן ברוינע קרוגן אויף די אַקסלען און איילבעטער צוויגן.

דער באַנדוריסט האָט אַ שפּיל אינסטרומענט, וואָס הענגט אים איבערן אַקסל און עס ווערט געשפּילט אויף דעם מעכאַניש, געדרייט מיט אַ הענטל.

דעקאָראַציע:

אַ פּלאַטפאָרמע אויף דער בינע מיט דריי־פיר ברייטע טרעפּ אַראָפּ ביז צו דער ראַמפּע. פון די זייטן סטאַטועס פון צעאוס און אַפּאָלאָ. אויף דער העכסטער טרעפּ — פיר זיילן צו צוויי פוןביידע זייטן טיר, וואָס פירט אין פּאַלאַץ, פון וועלכער עס קומט אַרויס עדיפּוס. אַלץ איז באַמאָלט אין גריכישן סטיל און פאַרביק.

רעזשי:

דער כאָר קומט אַריין ניט פון דער בינע, נאָר פון אוידיטאָריום. דאָס זעלבע אויך: קרעאָן, אַנזאָגער, פּאַסטוך און די משוגענע. אַלע איבעריקע קומען אַרויס פון די זייטיקע אַריינגאַנגען פון בינע. די פּיס האַרמאָניע און קלאַוויר געפינען זיך פאַרמאַסקירט אין אוידיטאָריום אַזוי, אַז דער שפּילער זאָל זיצן מיטן פּנים צום כאָר. די טעקסטן דאַרפן גערעדט ווערן דעקלאַמאַטאָריש, מיט פּאַטאָס, אַקצענטירט. די מוזיק באַגלייטונג דאַרף זיין שטיל, צוגעפּאַסט צו דער שטים פון שפּילער.

די קריגעריי פון עדיפּוס מיט קרעאָנען דאַרף דערגרייכן צו אויפברויז ווען יאָקאַסטע קומט אַריין. ווען עס דערהערט זיך די שטים פון דער משוגענער און דער עיקר ווען זי קומט אַריין, ווערן אַלע צעשראָקן. דאָס געזאַנג און אויך די טענץ דאַרפן זיין אַן אָרגאַנישע בויטיקייט פון דער פאָרשטעלונג, פון דער האַנדלונג.

די פּיעסע גייט אָן הפסקה. צום שלוס געפינען זיך אַלע אויף דער בינע און אַלע באַטייליקן זיך אין לויב געזאַנג, חוץ עדיפּוסן, יאָקאַסטען, דעם באַנדוריסט און די משוגענע. ביי די לעצטע אַקאָרדן פאַלט לאַנגזאַם דער פאָרהאַנג.


land shtel op di ma-gei-fe in
cresc.
land Fine es yogt uns oler umglik in
heim un in feld es fa — ln fun dorsht shos un
es trogt zich a yo-mer fun shtub un
rit.
tzelt es goi-sen mu-ter un Kind o
D. C. ad Fine


Andante Religioso
2
Groi-ser a-po-lo far-
nem dos ge-bet shtrek ois uns mit
che-sed dain hont far-
gib in dain grois-mut a-le-dn zain
chet shtel op di ma-gei-fe in


gan- gen
im far—
lo — rn
iz fun
Hirt a
shtein gro-
rn
D.S. ad Fine


un mit oi – gn fu-le zor– gn
shtein flegt er biz groi-en mor-gn
ein-mol in a tog a tri-bn iz
er oif ei-bik shtil ge-
Lamentoso
bli-bn a sheps iz ge-


con moto
frei-lech flegt zam ho-rn sha-ln
bai di ershte zu-nen
shtra-ln
un in tun-ke-le far-nach-tn
flegt der hirt zich shtil far-trach-tn


Andante Misterioso
1.
in ki-te-nons vel-der shpal-tn
hot a hirt zich oif-ge-hal-tn
zai-ne sta-des shof un rin-der hot
er ge-hit vi klai-ne kin-der
Fine
Fine
Piano

אַ דין תורה מיטן ווינט

אַ שפּיל אין צוויי בילדער,

לויט אַ תלמודישער אגדה

און נוסח י. ל. פּרץ

אַ דין תורה מיטן ווינט

אַ שפּיל אין צוויי בילדער,

●

באַטייליקן זיך:

שונמית
תמר | אירע קינדער
יסכה | אירע קינדער
ערשטע פרוי
צווייטע פרוי
נגיד
דינער
נשרף
נגזל
ווינט-מיידלעך
ערשטער ישמעאל
צווייטער ישמעאל
דריטער ישמעאל
קיניג שלמה
ערשטער זקן
צווייטער זקן
ערשטער דינער
צווייטער דינער
לץ
טענצער, זינגער

ערשט בילד

(ביים ברעג ים. ווינט. סומנע. צוויי פרויען וויקלען זיך אין אַלטע בגדים קוקן צום ים אַרויס)

ערשטע פרוי: אַ חשך האָט זיך אויף דער וועלט אַראָפּגעלאָזן און דעם ים אויך אין פינצטערניש פאַרהילט. קיין לעבעדיק באַשעפעניש באַווייַזט זיך ניט. די מעוון — ווי פאַרשוואונדן.

צווייטע פרוי: און די הימלען שרעקן מיט די שווערע בלייַענע וואָלקנס, מיט די בייזע דונערן און פייַערדיקע בליצן. ווי אַ פייַערדיקער מעסער שנייַדט דער בליץ... שוין וואָכן לאַנג ווי דער שטורעם הערט ניט אויף.

ערשטע פרוי: פון אונדזערע איז שוין אפשר קיין איין לעבעדיקער ניט געבליבן. אַלע שיפן אומגעקומען... מיר וועלן דאָ פון הונגער אויסגיין.

צווייטע פרוי: דאָס לעצטע שטיקל ברויט גייט אוים. וואָס וועט זייַן מיט די קליינע קינדער?

ערשטע פרוי: גאָטס שטראָף האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אונדז. וואָס וועט זייַן? וואָס וועט זייַן?

צווייטע פרוי: אַ גליק נאָך, וואָס דער ווינט פאַריאָגט צוביסלעך דעם רעגן... עס וואָלט אונדזערע הייַזלעך און בייַדלעך פאַרשווענקט און פאַרטרונקען אין אַזאַ שטורעם.

ערשטע פרוי: דו ווייסט, די אלמנה שונמית האָט שוין באַלד אַ וואָך קיין שטיקל ברויט פאַר די קינדער ניט געהאַט. זי גייט אַרום ווי אַ צעמישטע איבערן ברעג ים און רעדט צו זיך אַליין און וויינט און יאָמערט. דער הונגער וועט זי אומברענגען.

צווייטע פרוי: באַלד וועלן מיר אויך ניט האָבן קיין ביסן ברויט פאַר די קינדער. עס גייט אוים שפּייַז בייַ אַלעמען. אין די נעכט איז אין די הייַזער אַ פינצטערניש, קיין שטיקל ליכט נישטאָ צום אָנצינדן.

ערשטע פּרווּ: וואָס וועט זײַן? וואָס וועט זײַן?

(עס דערהערט זיך שונמית׳עס שטים: „קינדערלעך... ברויט אַ שטיקל... וואו זייט איר, קינדערלעך מײַנע, הונגעריקע?")

הערסט? שונמית! זי גייט אַהער. אַט אַזוי בלאָנקעט זי אַרום גאַנצע טעג. אַ צער צו קוקן אויף איר. אָבער וואָס קאָנען מיר איר העלפֿן? מיר זײַנען אַליין האַלב הונגעריק. קום, לאָמיר גיין פֿון דאַנען. איך קאָן ניט צוזען דעם צער פֿון שונמית.

(אַפּ. ווינט)

שונמית (קומט אַרײַן): ניטאָ. ניטאָ. קיינער ניטאָ. תמרל זיצט אַ פֿאַרחלשטע. און יסכהלע אויך. וואָס זאָל טאָן אײַער שוואַכע מאַמע, אַז אַ שטראָף איז פֿון הימל אַראָפּגעשיקט אויף אונדז... גאָט שטראָפֿט אונדז פֿאַר אונדזערע זינד.

(קוקט זיך אַרום)

קײַן לעבעדיק באַשעפעניש זעט מען ניט. ניטאָ אַפֿילו בײַ וועמען צו בעטלען... ניטאָ בײַ וועמען ברויט אַ שטיקל בעטן. אומעטום פּעלט. אומעטום פּוסט.

(גייט אַוועק רעדנדיק. ווינט. ס׳קומען אַרײַן יסכה און תמר)

יסכה: דער ים איז בייז, וויל זיך גאָר ניט אײַנשטילן. דער שטורעם ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

תמר: זאָג מיר, יסכה, איז טאַקע אמת, אַז דער ים שלינגט אײַן שיפֿן און פֿאַרטרינקט שטעט גאַנצע?

יסכה: די מאַמע זאָגט, אַז ווען די כוואַליעס צעהוידען זיך און דער שוים זילבערט ווי ווײַסע פּערל; ווען דער ים צע־שרײַט זיך אויף די בײזע, שוואַרצע וואָלקנס און יאָגט זיך נאָך זײ, אַזש צום הימל אַרויף, — דאַן פֿאַרשלינגט ער שיפֿן און פֿאַר־טרינקט אַפֿילו שטעט. אין אַזאַ צײַט, זאָגט די מאַמע, האָט עס דעם טאַטנס פֿישער־שיפֿל אויך פֿאַרשלונגען. עס איז שרעק־לעך אין אַ שטורעם לעבן ים.

(ווינט צעשרייט זיך)

הערסט ווי דער ווינט פֿײַפֿט? ווי דער שטורעם יאָגט די כוואַ־ליעס?

תמר: און די פישער־שיפלעך — ווי די שפענדלעך ווארפט עס אין דעם שטורעם. אַ קעלט אַזאַ. אַך, איך ציטער. און עס טריקנט מיר אין מויל. איך קאָן ניט לײַדן מער דעם הונגער שוין.

יסכה: די מאַמע אויך, קוים זי שלעפּט די פיס.

(עס דערהערן זיך שטימען. עס קומט אַן דער גביר און דינער)

יסכה (דערשראָקן): ווער זײַט איר?

(שרייט)

מאַמע! מאַמע!

גביר: וואָס שרעקסטו זיך, מײַן קינד? שרײַ ניט. מיר זײַנען דורכפאָרער. שכנים זײַנען מיר אײַערע. מיר וואוינען ניט ווײַט פון אײַך. פאָרן מיר פון אַ ווײַטן וועג. אהיים פאָרן מיר און האָבן זיך אָפּגעשטעלט די קעמלען און אייזלען טרינקען געבן. שרעק זיך ניט.

יסכה: אין אַזאַ צײַט פאָרן? אין אַזאַ שטורעם?

(אין דער צייט שרייט תמר: „מאַמע! מאַמע!" שונמית קומט אַן אַ צעשראָקענע אויף די קולות. דערזעט דעם גביר, פאַרלאָרן, בוקט זיך)

גביר: וואָס בוקסטו זיך פאַר מיר, אישה. שטײ אויף און זאָג ווער דו ביסט און וואָס איז דײַן פאַרלאַנג.

שונמית: איך בין אַן אלמנה, אַן אָרעמע, מיטן נאָמען שונמית, פון דעם פישער־דאָרף. שפּײַז איך זיך פון שטריקן און פאַריכטן די נעצן פאַר די פישער. איז אָנגעקומען די צײַט פון שטורעם ווינטן, קיין שיפל גייט נישט אין ים אַרײַן, די פישער פון ים האָבן זיך ניט צוריקגעקערט, קיין נעץ ווערט ניט פאַר־שפּרייט, בין איך געבליבן אָן אַ שטיקל ברויט. איך בעט אַ לעבל ברויט די נשמה צו דערהאַלטן בײַ מײַנע קינדער.

גביר: הער, אישה! אָט שטײען מײַנע קעמלען און אײזלען ניט קיין אויסגעשפּאַנטע. פון ירושלים קום איך. איך בין בײַ שלמה המלך אין פּאַלאַץ געווען. אין אַ גאָלדענער קרוין איז ער אויף זײַן גאָלדענער שטול געזעסן, אַרומגערינגלט מיט זקנים און פאָלק, און ער האָט פאַר זיי תורה און חכמה געזאָגט. און הער, וואָס ער האָט געזאָגט: ווער עס וויל לעבן — נעמט קיין מתנות ניט. ווער עס נעמט אומזיסט, פאַרקירצט זיך זײַנע יאָרן וואָס גאָט האָט אים באַשערט. דו ווילסט זינדיקן, אישה, און איך וויל ניט זײַן קיין שותף צו דײַנע זינד. אומזיסט גיב איך נישט.

שונמית: אויב אַזוי, טאָ גיב ניט אומזיסט. באָרג מיר אַ לעבל ברויט אָדער אַ ביסל מעל, וועל איך מיר אַ ברויט באַקן די קינדער דערנערן און בעטן גאָט פאַר דײַן לעבן.

גביר: דאָס אויך ניט, אישה. ווער עס ליַיט, קויפט זיך אַ קנעכט. און קיין קנעכט קויף איך ניט, בפרט אַן אַלמנה. איך באָרג דיר ניט, איך ליַי דיר ניט.

שונמית: זאָל איך פאַלן פון הונגער פאַר דיַינע פיס? דאָס וועט בעסער גאָט געפעלן?

גביר: דו וועסט, שונמית, פאַר מיַינע פיס פון הונגער ניט פאַלן. העלפן וויל איך דיר, נאָר העלפן וועל איך מיט אַן עצה. גיי און זיַי זוכה פון הפקר.

שונמית: וואָס מיינט איר דערמיט? הפקר איז אין מדבר, צום מדבר איז דריַי טעג. און וואָס געפינט מען דאָרט? — גרעזלעך צעטריקנטע? טריַיבט איר שפּאָס פון אַן אָרעמער אַלמנה?

גביר: איך שפּאָס ניט, אישה. ניט צום מדבר נאָך גראָזן שיק איך דיך. הער וואָס איך מיַין: מיַינע וועגענער זיַינען איצט ליידיק. די הונדערט זעק מיט וויַיסן ווייצן־מעל פון מיַין קאַמער האָב איך קיין ירושלים אַפּגעפירט. די ברעטער, וואָס האָבן זיך אונטער די זעק געפונען זיַינען פריַי, אָבער וויַיס, באַדעקט מיט מעל־שטויב. דער שטויב איז ניט מיַין, ער איז הפקר. גיי צו מיַינע וועגענער, זאַמל אויף די שטויב פון די ברעטער, באַק דיר ברויט אָפּ און עס אַליין און דערקוויק דיַינע קינדער און לויב גאָט.

(שונמית פאַרנויגט זיך. אַפּ צו די וועגענער)

שונמית: נו, קינדער, אַט וועט איר באַלד האָבן ברויט, וועט איר זיך זאַט אָנעסן און ווען די נאַכט וועט צופאַלן וועט איר רויִק שלאָפן.

תמר: די מאַמע שלאָפט ניט גאַנצע נעכט. מיר אויך ניט. עס הונגערט שטאַרק און דער ווינט יאָגט אַן אַ פּחד אין דער נאַכט.

(צוויי פרויען באַווייזן זיך)

ערשטע פרוי: עפּעס אַ פרעמד געשטאַלט האָט זיך באַוויזן. ווער איז ער, דער מענטש? פון וואַנען קומט ער אין אַזאַ שרעקלעכן געוויטער? דאָס איז ניט קיין פּישער. זיַינע קליידער זען אַנדערש אויס.

צווייטע פרוי: פון וואַנען קומט איר, מענטש, און וואָסערע בשורות האָט איר אונדז געבראַכט? זע, יסכה און תמר זיַינען אויך דאָ... און וואו איז די מאַמע?

(שונמית שטים: „אָ, קינדערלעך, באַלד וועט זיין ברויט")

דו הערסט שונמיתעס שטים! קום פון דאַנען.

(אָפּ)

שונמית (קומט אַרײַן): אַ דאַנק אײַך, ליבער מענטש. איך װעל די קינדערלעך דערקװיקן און בעטן פֿאַר אײַער לעבן.

גביר: מיר קומט קײן דאַנק ניט, אישה, דאָס איז ניט מײַנס, דאָס איז הפקר, דאָס געהערט צו דעם, װער עס דאַרף עס. זײַט אײַך געזונט. עסט און לױבט גאָט, און בעט דער שטורעם זאָל װאָס גיכער זיך באַרואיקן.

שונמית: פֿאָרט לשלום, גוטער מענטש.

(גביר אָפּ)

נו, קינדערלעך, באַלד װעל איך האָבן ברױט פֿאַר אונדז אַלע-מען. איך װעל גײן שפּענדלעך אָנקלײַבן, אַ פֿײַער מאַכן און ברױט באַקן.

(אָפּ)

יסכה (טוליעט זיך צו תמרן): אָט װעט עס גוט זײַן. באַלד װעלן מיר עסן צו זאַט און בײַנאַכט װעלן מיר שטאַרק שלאָפֿן.
(דער װינט הױבט אָן שטאַרק בלאָזן און עס לאָזן זיך הערן שטימען פֿון געזאַנג פֿון דעם װינט אַרױס)

הער, תמר, דוכט זיך עס מיר, אַז עמיץ זינגט, אָדער זינגט עס װער? דו הערסט?

תמר: יאָ, עמיץ זינגט טאַקע.

(הערן זיך צו)

דאָס זינגט דער װינט. די װינט-פֿײַעס מאַכן זיך לוסטיק, זינגען זײ.
(עס װערט טונקל. דער װינט צעשרײַט זיך. דונערן. בליצן. עס רײַסן זיך אַרײַן אַ גרופּע װינט-מײדלעך מיט געזאַנג)

נום. 1

הו הו הו, הו, הו הו הו הו!
װינט גײט אָן זײַן גאַנג.
הו הו הו, הו, הו הו הו הו!
דאָס איז װינטס געזאַנג.

װינטן זײַנען די באַהערשער
פֿון דער גאַנצער װעלט.
מזרח, מערב, צפֿון, דרום,
פֿעלאַץ און געצעלט.

בין-השמשות אין די בלעטער,
סודען זיי פאַרטראַכט,
און זיי פײַפן אין די קוימענס
אין אַ האַרבסטיק נאַכט.

הו הו הו, הו, הו הו הו הו!
ווינט גייט אַן זײַן גאַנג.
הו הו הו, הו, הו הו הו הו!
דאָס איז ווינטס געזאַנג.

און זיי בלאָזן אָן דעם זעגל
אויף דעם פישערס שיף
און זײַ פערלען אויף די כוואַליעס
פון די ימען טיף.

און זיי טראָגן און זיי יאָגן
איבער וואַלד און פעלד
און זיי טוען וואָס זיי ווילן
מיט דער גאָרער וועלט.

שטעט און וועלטן ווערן חרוב
אויפן ווינטס פאַרלאַנג...
הו הו הו, הו, הו הו הו הו!
דאָס איז ווינטס געזאַנג...

(ביי די לעצטע ווערטער פאַרשווינדן זיי)

יסכה: דו האָסט געזען, תמר? וואָס איז עס? אַ חלום?

תמר: איך ווייס ניט, יסכה, איך האָב מורא. וואו איז די מאַמע?

(זי שרייט)

מאַמע! מאַמע!

שונמית: וואָס איז, קינדער, וואָס שרײַט איר? וואָס זײַט איר אַזוי דערשראָקן?

תמר: מאַמע, די ווינט-מיידלעך האָבן דאָ געזונגען. דאָס איז אַזוי שרעקלעך...

שונמית: טפו, טפו, צו אונדזערע שונאימס קעפּ. שרעקט זיך ניט. דאָס האָט זיך אײַך אויסגעדאַכט. אָט האָב איך שוין פאַר-

טיק ברויטלעך, קינדער. איצט ווען מיר שטילן דעם הונגער. מע דאַרף אָבער שפּאָרן, ניט אויפעסן פאַר איין מאָל. ווער ווייסט ווען דער שטורעם וועט זיך איינשטילן, ווען די פישער שיפלעך וועלן זיך צוריק באַווייזן. ווילט איר, קינדער, דאָ, ביים ברעג, די סעודה פּראַווען, אָדער ווילט איר גיין אין ביידל?

יסכה: לאָמיר בעסער עסן דאָ. אין ביידל איז נאָך סומנער ווי דאָ. עס ציטערן די לייוונטן און עס וואַרפט אָן אַ שרעק.

שונמית: נו, גוט, קינדער. זעצט זיך, וועל איך אייך פרישן ברויט צום עסן געבן.

(זעצן זיך. וויל צעברעכן אַ ברויטל, — קומט אַריין דער נשרף)

נשרף: ראַטעוועט אַ מענטשן פון טויט! שוין דריי טעג און דריי נעכט אין מויל נישט געהאַט. אַ שרפה איז אויסגעבראָכן אין מיין דאָרף אינמיטן דער נאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן. דער שטורעם האָט דעם פייער איבערן גאַנצן דאָרף צעיאָגט. אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן. איך איינער בין פון דעם פייער מיטן לעבן אַרויס. דריי טעג און דריי נעכט לויף איך אַרום פון פייער געיאָגט, פון שרעק געטראָגן און אָן אַ ביסן ברויט.

שונמית (גיט אים אַ ברויטל): נאַ, נעם און עס און דער־האַלט דיין נשמה.

(נשרף אָפּ)

אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען, וואָס האָט מיר ברויט געשענקט און נאָך אַ מצווה דערצו, אַ מענטשן ביים לעבן צו דערהאַלטן באַשערט.

(וויל צעברעכן דאָס צווייטע ברויטל, רייסט זיך אַריין דער נגזל)

נגזל: ראַטעוועט אַ מענטשן פון טויט! איך בין אַ רייכער מאַן געווען. שאָף און רינדער אין סטעפּ געפּיטערט, אין רייכע געצעלטן מיט ווייב און קינדער געוואוינט. פּלוצלונג זיינען בע־דואינער אָנגעפלויגן אויף זייערע פערד מיט בויגן געשפּאַנטע אין די הענט. די יונגען מיט ווייב און קינד געטויט, די שאָף און רינדער צוגענומען און מיט זיי אין ווייטן, ברייטן סטעפּ פאַר־שוואונדן. איך איינער האָב זיך פון צווישן די טויטע אַ לעבעדיקער אויפגעהויבן און בלאָנדזשע אַרום שוין דריי טעג און דריי נעכט אָן אַ ביסן ברויט. דערלאַנג, האָב רחמנות, אַ ביסן צום מויל, אַ נישט פאַל איך אַ טויטער צו דיינע פיס.

(שונמית גיט אָוועק דאָס צווייטע ברויטל. נגזל אָפּ)

תמר: מאַמע, דו האָסט דאָך ביידע ברויטלעך אָפּגעגעבן, וואָס וועלן מיר איצט עסן?

שונמית: זאָרגט אײַך נישט, קינדער, עס איז דאָ נאָך אַ ברויט. אַ דאַנק און לויב זײַן ליבן נאָמען פאַר דער צווייטער מצווה, וואָס ער האָט מיר באַשערט. זעצט זיך, קינדער, לאָמיר פראַוועט אונדזער מאָלצײַט.

(זי וויל צעברעכן דאָס דריטע ברויטל, צעשפּילט זיך דער ווינט מיט דונערן און בליצן און עס רייסן זיך אַריין די ווינט־מיידלעך מיט אַ ווילדן טאַנץ. שונמית בלייבט שטיין מיטן ברויטל אין האַנט אַ צעטומלטע. די קינדער צעשראָקן. דער טאַנץ גייט אָן. איינע פון די טאַנץ פיגורן באַשטייט אין דעם, וואָס די מיידלעך רינגלען אַרום שונמית, רייסן אַרויס ביי איר דאָס ברויטל און שליידערן עס אין ים אַריין. ענדיקן דעם טאַנץ שטילער און פאַרשווינדן. פּויזע. שונמית קומט צו זיך)

שונמית: וואָס איז עס אַזוינס געווען? אַ וויסטער חלום?

תמר: מאַמע, דאָס זײַנען די ווינט־מיידלעך. פריער האָבן זיי דאָ געזונגען. דאָס זײַנען די זעלביקע מיידלעך. איך האָב מורא, מאַמע.

שונמית:

(מיט אַ מאָל, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר)

וואָס האָט גאָט פון מיר געוואָלט? וואָס האָט גאָט מיט מיר, דער אַלמנה, געטאָן? איין ברויטל האָט ער צוגענומען פאַר אַן אַנטלאָפענעם פון פייער, — רעכט. זאָל זײַן געלויבט זײַן נאָמען. דאָס צווייטע פאַר אַ געראַטעוועטן פון טויט, — אויך געלויבט זײַן ליבער נאָמען. ער האָט געגעבן, ער האָט גענומען פאַר אַ בילכערן פון מיר. אָבער — דאָס דריטע ברויטל! אַרוים־צורײַסן מיטן ווינט בײַ אַן אַלמנה פון מויל און שלײַדערן אין ים אַרײַן, — דאָס איז מיר אומעגלעך צו פאַרשטיין. ניין, דאָס האָט דער ווינט אַליין מיט זײַן אייגענעם ווילן, אָן גאָטס וויסן געטאָן. אַנדערש קאָן עס ניט זײַן און איך וועל עס דעם ווינט ניט שענ־קען. איך וועל דעם ווינט פאַרקלאָגן.

(פאַרטראַכט זיך)

אָבער פאַר וועמען? פאַר וועמען זאָל איך דעם ווינט פאַרקלאָגן? יאָ, איך ווייס פאַר וועמען! איך ווייס! פאַרן מלך שלמה, פאַר אים וועל איך דעם ווינט פאַרקלאָגן. פאַר אים וועל איך האָבן אַ דין תורה מיטן ווינט. קיין ירושלים וועל איך גיין. קומט, קינדער!...

(פאָרהאַנג)

דאָס צווייטע בילד

(ביי שלמה המלך אין פּאַלאַץ. שלמה אויפן קרוין שטול. אַרום — זקנים, כהנים. אויף די טרעפּ ליגט דער לץ און קוקט אויף שלמהן)

ערשטער זקן: יאָ, קיניג, מיר האָבן אויך געהערט די טרויעריקע נייַעס. דער שטורעם בושעוועט אָן רחמנות שוין אַ גאַנץ לאַנגע צייַט.

צווייטער זקן: מע דערציילט, אַז דערפער גאַנצע, פישערדערפער זייַנען חרוב געוואָרן. די אייַנוואוינער קומען אום, — די מענער מיט זייערע פישער־שיפן זייַנען צוריק פון ים ניט געקומען און די ווייַבער מיט די קינדער גייען אוים פון הונגער.

שלמה: האָט מען שלוחים אהין געשיקט, קאַראַוואַנען מיט ברויט פון מייַנע שפּייַכלערס פאַר די הונגעריקע?

ערשטער זקן: ניין, גרויסער קיניג, מיר האָבן עס אָן דייַן באַפעל ניט געוואָלט טאָן.

שלמה: פון וועמען האָט איר די ידיעות באַקומען?

צווייטער זקן: אַ ייִד אַ רייַכער פון יענער געגנט איז דאָ געוועזן. הונדערט זעק מיט ווייצן מעל האָט ער פאַר דייַנע שפּייַכלערס געבראַכט. ער האָט אונדז די טרויעריקע ידיעות איבערגעגעבן.

ערשטער זקן: ווער ווייסט וואָס איצט קומט דאָרט פאָר? די ווינטן בלאָזן נאָך אַלץ שטאַרק איבערן ים.

לץ (זיפצט): אַ־כאַ־כאַ־כאַ...

שלמה: וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, מייַן לץ? דו פאַרגעסט דייַנע פליכטן. אַ לץ טאָר ניט זייַן פאַרזאָרגט. ער דאַרף אַלע מאָל זייַן אויפגעלייגט און פריילעך און טאָן דאָס, צו וואָס ער איז באַרופן: לוסטיק מאַכן זייַן האַר. דער וואָס טוט זייַן פליכט ניט, דער איז אַ פוילענצער!

לץ: אל תוכח לץ פן ישנאך, — האָסטו אַליין געזאָגט, מייַן האַר. זאָג ניט קיין מוסר קיין לץ, וואָרים ער וועט דיך פייַנט האָבן. ביסט אין גרוים געפאַר, מייַן קיניג! כאַ כאַ כאַ...

שלמה: ווי אַזוי זאָל איך דיך ניט שטראָפן, לץ איינער, אַז דו שווייַגסט אַ גאַנצע נאַכט גלייַך דו וואָלסט שטום געוואָרן. קיין איינציק וואָרט הערט מען נישט פון דיר.

לץ: חושך שפתיו משכיל, — האָסטו אַליין געזאָגט, מייַן האַר. שווייַגן איז קלוג, הייסט עס. נו, וויל איך זייַן אַ קלוגער... אַז קיין קיניג קאָן איך ניט זייַן, טאָ לאָמיך כאָטש זייַן אַ חכם.

שלמה: דו ביסט געוואָרן צו חוצפהדיק, מײַן לץ. זע דו זאָלסט אַנשטאָט לאַכן נישט דאַרפֿן װײנען.

לץ: עת לבכות ועת לשחוק, — האָסטו אַלײן געזאָגט, מײַן האַר, און דײַן וואָרט איז בײַ מיר הייליק. אַגב, פֿאַר אַ לץ איז וויינען ניט קײן נײַס, — ער װײנט אַ מאָל מעת־לעתן־װײַז... אָבער איצטער וועל איך דאָס ניט טאָן... (ער זינגט)

נומ. 2

זיץ זיך קיניג אויבן אָן
אויף דײַן גאָלד־באַפּוצטן טראָן
מיט דעם גאָלדן רוט אין האַנט,
באַזאָרג מיט גליק דײַן פֿאָלק און לאַנד...
דעם לץ געהערט די גאַנצע ערד!
זײַן טרער, זײַן לאַכן איז זײַן שווערד.
באַפּוצט דעם קאָפּ מיט נאַריש מיץ
שפּילט ער אָפּט זיך מיט אַ וויץ.

עס טוט דער לץ זיך וואָס ער וויל.
ער וויינט גאַנץ אָפֿט אויך אין דער שטיל...
אָבער... פֿליכט איז פֿליכט, מײַן גרויסער האַר,
פֿאַרן קלוגן, פֿאַרן נאַר,
דאָס איז פֿאַר יעדן אַ געזעץ.
דאַרף עס וויסן אויך דער לץ...
העי, טענצער פֿלינקע, קומט אַהער
מיט אײַער לוסטיקן געווער!

לאָזט אין טאַנץ זיך פֿלינק און שלאַנק
און אָט איז אײַך מײַן ערשטער דאַנק...

(ער קוליעט זיך צום טיר. עס קומען אַריין די טענצער און זינגער. זינגען)

נומ. 3

שלום, שלום, שלום...

שלום. שלום. שלום.

אונדזער קלוגן, גוטן קיניג,
שלום.
אונדזער באַרימהאַרציק פירער —
שלום.

מיר קומען זינגען פאַרן קיניג,
געבן אים אַ ברכה.
מיר קומען טאַנצן פאַרן מושל,
ווינטשן אים הצלחה.

אונדזער קלוגן, גוטן קיניג
שלום.
אונדזער באַרימהאַרציק פירער —
שלום.

זאָל דײַן קיניגרײַך זיך שטאַרקן
פאַרן גליק פון ייִדן,
זאָל אין דײַן מלוכה הערשן
שלום נאָר און פרידן.

אונדזער קלוגן, גוטן קיניג
שלום.
אונדזער באַרימהאַרציק פירער —
שלום.

שלום. שלום. שלום.

(ענדיקן זינגען און הייבן אָן אַ טאַנץ. צום סוף פונעם טאַנץ דער־
הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר)

שלמה:

ווער קלאַפּט עס דאָ
אין אַזאַ שפּעטער שעה?
זעט ווער איז עס דאָרט!
(לץ קוליעט זיך צום טיר. עפנט)

וועכטער (פאַרנויגט זיך): גרויסער קיניג! אַ פרוי, אַן על־
טערע, איז פון ווײַטן לאַנד געקומען מיט קינדער צוויי. אויס־
געמאַטערט זעט זי אויס. זי וויל דיך תיכף זען.

שלמה: פון ווײַטן לאַנד? לאָזט זי אַרײַן.

(די טענצער בלײַבן שטײן אַן אַ זײַט. דער לץ — אויף די טרעפּ. שונמית אַרײַן. פאַרנויגט זיך טיף)

שלמה: פון וואַנען קומסטו, פרוי, און וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער?

שונמית: איך קום פון ווײַטן לאַנד, מײַן האַר. און געבראַכט האָט מיך אַהער די גרויסע נויט...

שלמה: קומסט פון לאַנד, וואו די שטורעם ווינטן בלאָזן בייז?

שונמית: יאָ, מײַן האַר, פון דאָרטן קום איך זוכן דאָ גערעכטיקייט.

שלמה: ווען וואָס האַנדלט זיך עס?

שונמית: אדוני המלך, אַ דין תורה האָב איך.

שלמה: מיט וועמען? איך זע דו קומסט אַליין.

שונמית: מיטן ווינט.

שלמה: מיטן ווינט?

לץ: ווי נאָך אַ מבול! ניטאָ קיין מענטשן דאָרטן מער
האָט מען ווינט געבראַכט אַהער... כאַ כאַ כאַ...

שלמה: דערצייל וואָס דו פאַרלאַנגסט פון דעם ווינט, פאַר וואָס דו קלאָגסט אים אָן.

שונמית: איך בין אַן אַלמנה. שונמית איז מײַן נאָמען. און וואוינען וואוין איך אין אַ פישער־דאָרף בײַם ברעג פון ים. איך שפּײַז זיך און מײַנע צוויי קינדער פון פאַריכטן נעצן פאַר די פישער. איז געקומען אַ צײַט פון שטורעם ווינטן. קיין שיפל גייט נישט אַרויס אין ים אַרײַן, די וואָס זײַנען פריער אַוועק — האָבן זיך ניט צוריקגעקערט. קיין נעץ ווערט ניט פאַרשפּרייט. בין איך געבליבן אָן אַ שטיקל ברויט.

ערשטער זקן:

(בעט שלמהעס דערלויבעניש. ער באַקומט דאָס רעכט צו רעדן)

האָבן דען שכנים געלאָזט הונגערן אַן אָרימע אלמנה?

שונמית: איך בין ניט געגאַנגען אין די פישער־הײַזלעך בעטן ברויט, — עס פעלט אומעטום.

צווייטער זקן: און ווענדן זיך ווײַטער פון דאָרף?

שונמית: איך האָב זיך געווענדט. עס איז פאַרבײַ אונדזער פישער־דערפל דורכגעפאָרן אַ רײַכער ייִד. גאָט אים געבענטשט מיט אַלדאָס גוטס, האָב איך זיך געווענדט צו אים. האָט דער ייִד מיר געגעבן רשות צונויפקלײַבן דעם מעל־שטויב פון די ברעטער פון זײַנע וועגענער, אויף וועלכע ער האָט געפירט ווייצן־

מעל קײן ירושלים. האָב איך עס צונויפגענומען, אַ פײַער געמאַכט און אויסגעבאַקן דרײַ ברויטלעך, מיט וואָס די קינדער צו דער־נערן. פּלוצלונג קומט אַרײַן אַ נשרף און בעט אַ ביסן ברויט, ווײַל שוין דרײַ טעג און דרײַ נעכט ווי ער האָט קײן ביסן צום מויל ניט געהאַט, לויפנדיק פון פײַער. האָב איך אים אַוועקגע־געבן אַ ברויטל. גלײַך נאָך אים רײַסט זיך אַרײַן אַ גזלן און פאַלט צו צו מײַנע פיס איך זאָל אים ראַטעווען מיט אַ שטיקל ברויט, — שוין טעג און נעכט אַז ער לויפט פון רויבער. אַלץ האָט ער פאַרלאָרן: ווײַב און קינד, האָב און גוטס, קוים זיך געראַטעוועט פון טויט און איצט פאַלט ער פון הונגער. האָב איך אים דאָס צווייטע ברויטל אַוועקגעגעבן. ווי נאָר איך האָב געוואָלט צעברעכן דאָס דריטע ברויטל, האָט זיך אַ ווינט אַרײַנ־געריסן, דאָס ברויטל פון האַנט אַרויסגעריסן און אין ים אַרײַנ־געשלײַדערט.

וואָס האָט גאָט פון מיר, דער אלמנה, געוואָלט? מילא, די ערשטע צוויי ברויטלעך האָט ער צוגענומען פאַר בילכע־רע פון מיר — געלויבט זאָל זײַן זײַן ליבער נאָמען. אָבער מיטן ווינט אַרויסרײַסן בײַ מיר פון מויל און שלײַדערן אין וויסטן ים אַרײַן, — דאָס קאָן איך ניט פאַרשטײַן. איז מיר אײַנגעפאַלן, אַז דאָס האָט דער ווינט אַלײן, אָן גאָטס דעה געטאָן. ווײל איך עס דעם ווינט, דעם גזלן, ניט שענקען. אדוני המלך, משפּט צווישן מיר און דעם ווינט.

שלמה: גוט. איך זע אָבער, אַז דו און דײַנע קינדער זײַט הונגעריק און מיד. דײַן פּנים איז דײַן עדות. זעצט זיך וואו אַוועק וועט מען אײַך געבן ברויט און ווײַן, וועט איר זיך דער־פרישן און דערנאָך וועלן מיר האָבן דעם דין תורה.

(וועכטער באַזאָרגט שונמית. שלמה פאַרטראַכט. זקנים שמועסן שטיל. מיט אַ מאָל — אַ קלאַפּ אין טיר. שלמה ווײַזט מע זאָל עפענען. עס קומען אַריין דריי ישמעאלים און פאַרנויגן זיך טיף)

שלמה: ווער זײַט איר, פרעמדע מענער? וואָס טראָגט איר אויף אײַערע אַקסלען און וואָס איז אײַער פאַרלאַנג?

1־טער: ישמעאלים, צירונג הענדלער זײַנען מיר. מיר האַנד־לען מיט צירונג, כלים טײַערע און בשמים. זײַנען מיר איבערן ים געפאָרן. זײַנען שטאַרקע ווינטן אָנגעקומען און האָבן אונדז געשלײַדערט וואַל אַרויף, וואַל אַראָפּ.

2־טער: האָט איינמאָל אַ פאַרנאַכט אָנגעהויבן דאָס שיפל צו נעצן. געלעכערט איז עס געוואָרן און מיט וואָס פאַרשטאָפּן

איז ניטאָ. שרײַען מיר — הערט קיינער ניט, דער ווינט צעטראָגט אונדזערע קולות אין דער נאַכט אַרײַן. דאָס שיפל נעצט און הויבט אָן צו זינקען.

3־טער: שרײַען מיר צו אונדזער גאָט — הערט ער נישט. רופן מיר צו אַנדערע געטער — קיינער ענטפערט ניט. האָבן מיר אָנגעהויבן רופן צום גאָט פון ישראל און אַ נדר האָבן מיר געטאָן: דאָס גאַנצע פאַרמעגן וואָס מיר האָבן געלייזט גיבן מיר אַוועק פאַר אונדזערע נפשות, נאָר ער זאָל אונדז ראַטעווען. אין דער רגע האָט זיך אַ שטאַרק געטאָן דער ווינט און עפּעס אַרײַנגע־שלײַדערט אין שיפל אַרײַן מיט אַ געוואַלדיקן כוח, פונקט אין לאָך אַרײַן און האָט עס פאַרשטאָפּט. באַלד האָט זיך געשטילט דער ווינט און מיר זײַנען בשלום געקומען אַהער.

1־טער: האָבן מיר נאָכגעפרעגט, וואו מיר קאָנען געפינען דעם ייִדישן גאָט כדי אונדזער נדר מקיים זײַן, האָט מען אונדז געענטפערט, אַז דעם גאָט פון ישראל זעט מען ניט און מע האָט אונדז געהייסן גיין צו דיר, גרויסער קיניג, פרעגן אַן עצה, ווי אַזוי אונדזער נדר מקיים צו זײַן.

(זיי פאַרנויגן זיך)

שלמה: ווי לאַנג צוריק האָט עס געטראָפן? און צי האָט איר ניט באַמערקט מיט וואָס איז אײַער שיפל פאַרשטאָפּט געוואָרן?

1־טער: געטראָפן האָט עס, גרויסער קיניג, ניט לאַנג צוריק, ווען די גרויסע שטורעם־ווינטן האָבן געבלאָזן און פאַרוויסט אַלע פישער־דערפער. און אָט איז דאָס, מיט וואָס די לאָך אין אונדזער שיף איז פאַרשטאָפּט געוואָרן. מיר האָבן עס באַהאַלטן. דאָס איז אַ קלײַן ברויטל, אַ ווײַך, ניט אויסגעבאַקן ברויטל.

(ער גיט דאָס ברויטל צו שלמהן)

שלמה:

(באַטראַכט דאָס ברויט און רופט צו מיטן רוט שונמית)

שונמית, אַלמנה פון פישער־דאָרף, דערקען, איז עס ניט אַמאָל דײַן ברויטל?

(שונמית קומט צו. אַלע קוקן זיך איבער)

שונמית (קוקט אָן דאָס ברויטל): מײַן ברויטל?! יאָ, אדוני המלך, דאָס איז מײַן ברויטל...

שלמה (צו די זקנים): מיינט איר ניט, אַז דאָס ברויטל גע־הערט טאַקע צו דער אַלמנה און אַז דער נדר פון די ישמעאלים דאַרף אויסגעפירט ווערן פאַר איר טובה וועגן?

ערשטער זקן: גרויסער קיניג! דו ביסט גערעכט און דײַן משפּט איז גערעכט.

שלמה (צו די ישמעאלים): די דרײַ זעקלעך גאָלד און זילבער גיט אָפּ דער אַלמנה. דערמיט וועט איר באַפרײַט ווערן פון אײַער נדר.

(די ישמעאלים טוען עס, פאַרנויגן זיך און גייען אַוועק)

שונמית! נעם דאָס גאָלד מיטן זילבער. עס איז דײַנס. עס קומט דיר פאַר דײַן דריטן און לעצטן ברויטל. און געדענק, אַז אויך דער ווינט טוט קיין בייז ניט, אַלץ גייט מיט אַ סדר. גיי אַהיים און דערנער דײַנע קינדער און פאַרגעס ניט די אַנדערע, הונגעריקע, וואָס האָבן פון שטורעם געליטן. גיי לשלום.

(שונמית פאַרנויגט זיך. אָפּ)

ליך:

(באַגלייט שונמית. צו שלמהן)

האָסט באַזאָרגט שוין די אַלמנה, —
גיב דעם נאַר אויך אַ מתנה...

(שלמה שטויסט אים מיטן גאָלדן רוט)

כאַ כאַ כאַ, מיט אַ נאַר איז אַ צער
ער לאָזט ניט אָפּרוען דעם האַר...
נו, טענצער, זינגער! טאַנצט און לאַכט
און ווינטשט דעם האַר אַ גוטע נאַכט!

(געזאַנג. דאָס ליד „שלום.‟ שלוס טאַנץ.)

(פאָרהאַנג)

באַמערקונג:

די דעקאָראַציע אין ערשטן בילד דאַרף זיין טונקל גרוי, מיט טונקל בלויע פלעקן. די קאָסטיומען גראָב גרויע. די ווינט־מיידלעך טראָגן לייכטע, העל בלויע טוניקעס.

אין צווייטן בילד — אַלץ בונט, אָריענטאַליש, — די דעקאָראַציע און די קאָסטיומען. די מוזיק ווערט אויסגעקליבן דורכן רעזשיסער; אין ערשטן בילד, פאַר דאָס ליד פון די ווינט־מיידלעך דאַרף די מוזיק דערמאָנען ווינט. אין צווייטן בילד — כסדר אָריענטאַלישע מוזיק.

(אָריענטאַל: רובינשטיין, רימסקי־קאָרסאַקאָוו, איפּאָליטאָוו־איוואַנאָוו)


Ku-men zin-gen fa-rn ke-nig
ge-bn im a bro-che mir
ku-men tan-tzn fa-rn moi-shl
vin-tchn im hatz--lo-che un-zer
D.C. ad Lib.


Klu-gn gu-tn ke-nig sho-
lom un-zer ba-rim-her-tzik ke-nig
sho- lem sho- lom
sho- lom
sho- lom
FINE


3
maestoso
canto
sho — lom
sho —— lom
sho — lom un-zer


trer zain la - chn iz zain shverd ba-
putzt zain kop mit na - rish mitz
shpilt er oft zich mit a vitz
cha cha cha
oi mi a vitz


And. (sarkastish)
2
zitzt zich ke - nig oi - bn on
oif zain gold ba - putz - tn tron
mit dem gol - dn rut in hant ba -
zorg mit glik dain folk un land dem
letz ge - hert di gan - tze erd zain


vin - tn zai - nen di ba-her sher
bein hash-mo-shes in di ble-ter
fun der gan-tzer velt
soi-dan zei far-tracht
miz - roch mai - riv do - rim tzo - fn
un zei fai - fn in di Koi mens
pa- latz un ge- tzelt
in a harbs tik nacht


ALL=tto
I.
Hu . . . . . .
hu . . . .
vint geit on zain
gang
hu . . . . .
hu - - -
dos iz vints ge-zang

דאַס גוטע שוועלבעלע

(אַ קינדער שפּיל אין איין אַקט)

לויט אָסקאַר ווײַלד

דאָס גוטע שוועלבעלע

אַ קינדער־שפּיל אין איין אַקט

לויט אָסקאַר ווײַלד

●

באַטייליקטע:

דערציילער (פּראָלאָג)
פּרינץ (מאָנומענט)
שוועלבעלע
נייטאָרין
אָפּגעריסענער
דיכטער
מיידעלע מיט שוועבעלעך
מיידעלע מיט פייגעלע
יינגעלע מיט אַ שאַרמאַנקע
מיידעלע אַקראָבאַטקע
ערשטער אַפּאַש
צווייטער אַפּאַש
ערשט מיידל
צווייט מיידל
מאַרקיז, ליידיקגייער
מאַרקיזע, „
בלינדער מיט אַ פידל
ערשט קינד
צווייט קינד
דריט קינד
פערט קינד
ערשט יינגל
צווייט יינגל
אכט טענצער (פאַרן טרויער טאַנץ)
כאָר (הינטערן בינע)
מאַסע: ערשטער, צווייטער, דריטער, פערטער, פינפטער, זעקסטער, זיבעטער, אַכטער, נײַנ־טער, צענטער און אַז. וו.

פראָלאָג

(אַ שטים פון דער פינצטערניש אַרויס)

דערציילער: קינדער! איך בין אַ שליח צו אײַך געקומען, אַ שליח פון די ווײַטע, שיינע צויבער־וועלטן. איך בין געקומען דערציילן אײַך אַ מעשה, אַ וואונדער שיינע מעשה פון אַ פרינץ, וועלכן אַלע האָבן גערופן מיטן נאָמען „גליקלעכער פרינץ," אָבער אין דער אמתן איז ער אומגליקלעך געווען, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט צוזען ווי זײַנע ברידער־מענטשן לײַדן נויט און הונגער, קומען אום אין פּײַן און טרערן.

ער איז געווען אומגליקלעך, ווײַל מענטשן האָבן אים ניט פאַרשטאַנען און האָבן אים ניט געלאָזן לעבן ווי זײַן גוט האַרץ און צאַרטע נשמה האָבן אים געהייסן.

און אַ יונגער איז ער געשטאָרבן.

ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען אויפגעשטעלט פאַר אים אַ מאָנומענט און אין דעם מאָנומענט האָט דערוואַכט דאָס האַרץ פון דעם פרינץ און אַ בלײַענע האָט ער עס אויסגעוויינט פאַר די אומגליקלעכע מענטשן. ער האָט אַוועקגעגעבן צו די מענטשן זײַנע אויגן, וואָס זײַנען געווען פון די טײַערסטע איידל־שטיינער געמאַכט, אַלע טײַערע באַפּוצונגען, וואָס זײַנען געהאַנגען אויף אים, כדי צו שטילן אַביסל די מענטשלעכע נויט.

אָבער אויך איצט האָבן אים מענטשן ניט פאַרשטאַנען: די אומגליקלעכע זײַנען אים באַפאַלן און האָבן אים באַפליקט, אַרומגעריסן און געלאָזן אַ באַליידיקטן, אַ נאַקעטן און איינזאַמען. אָבער דאָס אַלץ האָט אים ניט געאַרט, ווײַל דעם מענטשנס יסורים זײַנען אים נענטער און טײַערער געווען איידער זײַן אייגן לעבן.

בלויז אַ קליין גאָטס באַשעפעניש, אַ קליין פייגעלע, אַ שוועלבעלע, האָט דערשפּירט דעם פרינצס גוט האַרץ און האָט אים געהאָלפן גוטס טאָן. אַזוי לאַנג האָבן זיי עס געטאָן, ביז

ביידע האָבן זיי אויסגעהויכט זייערע נשמות, — זיי האָבן אוועק־געגעבן זייערע לעבנס פאַרן צווייטן, פאַרן מענטשן.

קינדער! איך בין געקומען דערציילן אײַך די דאָזיקע מעשה, כדי איר זאָלט אַראָפּנעמען אַ מוסר פון די שיינע גאָטס באַשע־פעניש און זאָלט אײַנזען, ווי מען דאַרף לעבן אויף דער וועלט און ווי מע דאַרף זיך באַציען איינער צום צווייטן. זאָגט אײַערע טאַטעס און מאַמעס זיי זאָלן זיך גוט צוהערן און צוקוקן צו דער מעשהלע און זאָלן זיי צוזאַמען מיט אײַך שאַפן אַ שיינעם לעבן פאַר דער צוקונפט. אָבער, קינדער, ניט דערציילן וועל איך אײַך די מעשהלע, נאָר באַווײַזן וועל איך עס אײַך. זעט וואָס עס איז געשען, טראָגט עס אין אײַערע היימען און געדענקט עס, פאַר־געסט עס ניט.

(גלאָק)

ליכט!

(פאַרשווינדט)

(אַן אַלטער פּאַרק. אין הינטערגרונט — אַ טעראַסע מיט פלאַכע טרעפּ אַראָפּ. פאַרוואַקסן מיט גרינס און באַפלאַכטן מיט גראָזן. נאָענט ביים טעראַסע שטייט אויף אַ פּאָסטומענט אַ פיגור־מאָנומענט פון דעם „גליקלעכן פּרינץ." צום מאָנומענט פירן טרעפּ פון אַלע זייטן. אין הינטערגרונט, אַנטקעגן דעם מאָנומענט — אַ פאָנטאַן, צו וועלכן עס קומען טרינקען היימלאָזע און פאַרוואָרלאָזטע קינדער)

ערשטער אויפטריט

(אַ גרופּע קינדער אויפן שפּיל־פּלאַץ אין פּאַרק. זיי זיינען מערסטנ־טייל אָפּגעריסן, פאַרוואָרלאָזט און הונגעריק)

ערשט קינד: אַ שלעכטער טאָג הײַנט. קאַלט. פריער איז גוט געווען צו זיצן דאָ און שפּילן זיך... איצט איז קאַלט און עס ווילט זיך עסן. ניטאָ וואָס צו עסן. די מאַמע האָט נאָך אויך הײַנט גאָרנישט געגעסן.

צווייט קינד: מײַן מאַמע האָט הײַנט געוויינט. ניטאָ קײַן קוילן מיט וואָס דעם אויוון הייצן. זי האָט געוויינט, מײַן מאַמע.

דריטע קינד: איר ווייסט? — דער „גליקלעכער פרינץ" וויינט אויך. ווי עס ווערט נאָר קאַלט, קוקט ער אויפן שטאָט און וויינט. עס פאַלן אים טרערן גרויסע ווי ניס, טרער נאָך טרער. ער איז אַ גוטער, זאָגט מען, און ער קאָן ניט לײַדן ווען עס איז ניטאָ בײַ וועמען מיט וואָס דעם אויוון הייצן. מײַן מאַמע האָט עס מיר געזאָגט. דער טאַטע איז אַוועק זוכן קוילן. מײַן מאַמע האָט הײַנט אויך ניט געגעסן. אַזוי אַוועקגעגאַנגען.

פערטע קינד: איז טאַקע אמת, אַז דער „גליקלעכער פרינץ" וויינט?

(לויפט צום מאָנומענט, קוקט דעם פרינץ אין די אויגן)

בײַ אים זײַנען דאָך גאָר גלעזערנע אויגן. ווי אַזוי קאָן ער וויינען?

דריטע קינד: מײַן מאַמע זאָגט, אַז ער וויינט. מײַן מאַמע ווייסט. עס פאַלן אים טרערן פון די אויגן. און אין הייסע טעג, זאָגט מײַן מאַמע, ווען הונגעריקע האָבן ניט וואָס צו עסן און ווילן טרינקען, קוקט דער פרינץ אויף די מענטשן און עס צעגייט אים זײַן בלײַען האַרץ.

(עס לאָזט זיך הערן אַ טשוויטשער פון פייגעלעך)

ערשטע קינד: זעט, זעט, — אָט פליען פייגעלעך. דאָס פליען זיי אַוועק אין די וואַרעמע לענדער. דאָ איז קאַלט — פליען זיי אַוועק. דאָ איז קאַלט און עס הונגערט. עס הונגערט טאַקע. עס ווילט זיך עסן.

פערטע קינד: לאָמיר זיך אויך לאָזן אין די וואַרעמע לענדער. דאָרט הונגערט מען ניט און ס'איז וואַרעם.

(פון לינקס קומט אָן אַ נייטאָרין פאַרשמאַכט, פאַרצאָרנט. זי פאַלט צו צו די טרעפּ פון מאָנומענט)

נייטאָרין: מײַן קינד האַלט בײַם שטאַרבן. דאָס וויל עפּעס מיט וואָס זיך צו דערקוויקן. דאָס בעט אַ פּאָמעראַנץ, — און איך האָב ניט. דאָס קינד ווערט פאַרשמאַכט און איך קאָן עס ניט העלפן. פינצטער איז מײַן וועלט.

(וויינט)

וואוהין זאָל איך גײן? וואָס זאָל איך טאָן?

(די קינדער קוקן און באַדויערן די נייטאָרין)

ערשטע קינד: אומעטום הונגער און קעלט. לאָמיר גיין פון דאַנען. לאָמיר גיין פון דאַנען. לאָמיר גיין זוכן עפּעס עסן. לאָמיר גיין ערגעץ זיך אַנוואַרעמען.

דריטע קינד: לאָמיר אויך פליען אין די וואַרעמע לענדער...

ערשטע קינד: קומט, לאָמיר גיין פון דאַנען. קומט, קינדער...

(זיי גייען אַוועק. די נייטאָרין זיצט אַ פאַרצווייפלטע. פון לינקס קומט אַריין אַן אָפּגעריסענער. ער ציטערט פון קעלט, זעצט זיך אויף אַ באַנק קעגן דעם מאָנומענט, זעט ניט די נייטאָרין)

אָפּגעריסענער: מ... מ... מ... קאַלט און עס טריקנט מיר אין מויל, עס איבלט מיר פון הונגער...

(די נייטאָרין אָפּ צו רעכטס)

שטיל און פוסט. קיין לעבעדיקער מענטש קומט שוין ניט אַהער. ניטאָ ביי וועמען אַ שטיקל ברויט צו בעטן. קאַלט. עס טרייסלט מיך...

(ער קנוילט זיך צונויף און בלייבט ליגן אויפן באַנק. שטיל. עס ווערט ביסלעכווייז טונקעלער. פון רעכטס שפּרינגט אַריין אַ שוועלבעלע, קוקט זיך אַרום, דערזעט דעם מאָנומענט און זעצט זיך אויף די טרעפּ)

שוועלבעלע: איך האָב פאַרלאָרן מיינע חברטעס. זיי זיינען אַלע אַוועקגעפלויגן און איך בין דאָ געבליבן. פאַרבלאָנדזשעט. זיי וועלן מיך דאָרט זוכן. און מיר איז טרויעריק אַליין. עס ווערט שוין קאַלט און איך בין מיד. איך וועל מיך דאָ לייגן און וועל זיך אַ ביסל אויסרוען.

(וויל זיך לייגן, קוקט אָן דעם מאָנומענט)

ווי שיין דער מאָנומענט איז! דורך פון גאָלד. איך האָב איצט אַ גאָלדענע שלאָפשטוב. וואָס איז עס? עס רעגנט? אַ טראָפּן איז מיר אויפן קאָפּ געפאַלן. די שטערן לייכטן ריין און העל און פונדעסטוועגן רעגנט. אויפן הימל איז קיין איין וואָלקנדל ניטאָ און...

(זי קוקט צום הימל)

אָ, ווידער אַ טראָפּן. דאָ איז אַ שלעכטער פּלאַץ פאַר אַ נאַכטלעגער. איך וועל מוזן זוכן אַן אַנדער אָרט. איך וועל מוזן

פליען ווײַטער. אָט, שוין ווידער אַ נאַסער, קאַלטער טראָפּן... פון וואַנען איז עס?

(זי קוקט אַרויף צום קאָפּ פון מאָנומענט)

וואָס איז עס אַזוינס? — פון די אויגן פון מאָנומענט גיסן זיך טרערן... ער וויינט... ווער ביסטו?

פרינץ: איך בין דער גליקלעכער פּרינץ!

שוועלבעלע: פאַר וואָס זשע וויינסטו? דו האָסט מיך מיט דײַנע טרערן דורכגענעצט. ס׳איז מיר קאַלט און כ׳קאָן ניט נעכטיקן דאָ.

פרינץ: ווען איך בין געווען בײַם לעבן און האָב געהאַט אַ מענטשלעך האַרץ, האָב איך ניט געוואוסט וואָס עס איז אַזוינס טרערן. איך האָב געוואוינט אין אַ שיינעם פּאַלאַץ. בײַטאָג פלעג איך מיט מײַנע חברים שפּילן אין גאָרטן און אין אָוונט פלעג איך טאַנצן אין שיינעם פּאַלאַץ. דער גאָרטן איז געווען אַרומגע־רינגלט מיט אַ הויכער מויער־וואַנט און מיר איז קיין מאָל ניט אײַנגעפאַלן צו קוקן, וואָס עס טוט זיך אויף יענער זײַט... מען האָט מיך גערופן „דער גליקלעכער פּרינץ" און איך בין געווען פאַררעכנט פאַר דעם גליקלעכסטן. דאָרט האָב איך געלעבט און דאָרט בין איך געשטאָרבן. און איצט האָט מען מיך אַ טויטן אַוועקגעשטעלט אַזוי הויך, כדי איך זאָל קאָנען זען די גאַנצע נויט און אָרעמקייט פון מײַן שטאָט... און כאָטש מײַן האַרץ איז פון בלײַ — קאָן איך זיך דאָך ניט אײַנהאַלטן פון וויינען.

שוועלבעלע: האָסטו גאָר אַ האַרץ פון בלײַ?

פרינץ: יאָ, און דאָך וויינט עס...

(קליינע פויזע)

ווײַט פון דאַנען, אין אַ קליין געסעלע שטייט אַן אָרעם הײַזל. דאָרט וואוינט אַן אָרעמע נייטאָרין. זי איז דאַר און מיד. זי האָט צע־שטאָכענע הענט פונעם נאָדל, מיט וועלכן זי נייט אויס בלומען אויף אַ שיינעם אַטלאַס פאַר אַ רײַכער מיידל. אין אַ ווינקל ליגט אירס אַ קליין יינגעלע, אַ קראַנקער, אין גרוים היץ. ער קרעכצט און בעט בײַ דער מאַמען אַ פּאָמעראַנץ. די מוטער האָט ניט וואָס צו געבן אים. זי וויינט ביטערלעך. שוועלבעלע, שוועלבעלע, ליב, קליין שוועלבעלע! צי וואָלסטו ניט געוואָלט איר אַהינטראָגן דעם רובין פון דער שייד פון מײַן שווערד? מײַנע פיס זײַנען באַפעסטיקט צו מײַן געשטעל און איך קאָן מיך פון דעם אָרט ניט רירן.

שוועלבעלע: איך האָב קיין צײַט ניט, גוטער פּרינץ. איך מוז פליען צו מײַנע חברטעס. מע וואַרט מיך אָפּ אין מצרים, אין די וואַרעמע לענדער.

פּרינץ: שוועלבעלע, שוועלבעלע! צי וואָלסטו דאָך ניט גע־וואָלט בלײַבן מיט מיר איין איינציקע נאַכט און זײַן מײַן שליח? דאָס יינגעלע האָט אַזאַ שטאַרקן דורשט און זײַן מוטער איז אַזוי טרויעריק...

שוועלבעלע: איך קאָן ניט זאָגן, אַז איך האָב זייער ליב יינגעלעך. זייער אָפט וואַרפן זיי מיר נאָך שטיינער. דאָ איז אויך זייער קאַלט... דאָך וועל איך בלײַבן אויף אַ נאַכט און וועל דערפילן דײַן בקשה...

פּרינץ: איך דאַנק דיר, ליב, קליין שוועלבעלע. שטעל זיך אויף און נעם אַרויס דעם רויטן רובין פון דער שייד פון מײַן שווערד און טראָג עס אַוועק צו דער אָרעמער נייטאָרין.

(שוועלבעלע טוט עס און שפּרינגט אַוועק שנעל צו רעכט. אַ ווײַלע שטיל. עס קומט אַרײַן אַ קליין מיידעלע מיט אַ רענצעלע שוועבעלעך. זי זעט ניט אַז קיינער איז ניטאָ)

מיידעלע: קויפט, קויפט שוועבעלעך, גוטע שוועבעלעך. גיט אַ פּעני. גיט אַ פּעני. איך דאַרף ברענגען דער מאַמעשי געלט צו קויפן ברויט און קוילן. עס איז קאַלט אין שטוב און ניטאָ קיין ברויט. קויפט! קויפט!

(זי קוקט זיך אום און דערזעט דעם ליגנדיקן אָפּגעריסענעם. זי גייט צו צו אים)

פּעטערל, קויפט אַ פּעקל שוועבעלעך. גיטאַ פּעני. איך דאַרף ברענגען דער מאַמעשי אַ פּעני צו קויפן ברויט און קוילן.

אָפּגעריסענער (הייבט זיך אויף ברוגז): צום טײַוול! וואָס דרייסטו דעם קאָפּ, דו, קלײנע שלעפּערין?!

(ער צעוואַרפט אירע שוועבעלעך)

איך בין אַליין הונגעריק ווי אַ הונט. איך האָב געמיינט, אַז עמי־צער וויל מיר געבן אַ שטיקל ברויט, — קומט זי צוגיין מיט אירע שוועבעלעך. אַ, פאַרכאַפּט זאָלסטו ווערן!

מיידעלע (וויינט): צעשאָטן... צעשאָטן...

(זי קלייבט די שוועבעלעך)

פאַרנעצט די שוועבעלעך. קיינער וועט ניט וועלן קויפן. מאַ־מעלע וועט זיך בײזערן...

(דער אָפּגעריסענער טוט אַ שפּיי און גייט אַוועק. עס קומען אַריין צוויי ייִנגעלעך פון רעכטס)

ערשט ייִנגעלע: וואָס וויינסטו, מיידעלע? ווער האָט דיר בייז געטאָן?

מיידעלע: מײַנע שוועבעלעך צעשאָטן... אַ בייזער מאַן האָט מײַנע שוועבעלעך צעשאָטן. זיי האָבן זיך פאַרנעצט. קיינער וועט עס שוין ניט קויפן...

(וויינט)

צווייט ייִנגעלע: לויף אַהיים און טריקן עס אויס, וועסטו עס ווידער קאָנען פאַרקויפן.

מיידעלע: אַ שלעכטער מענטש... אַ שלעכטער מענטש...

(זי קלייבט די שוועבעלעך, די ייִנגעלעך העלפן איר. צונויפגעקליבן, גייט זי אַוועק וויינענדיק און אויסשרייענדיק: „קויפט שוועבעלעך, קויפט!")

ערשט ייִנגעלע: דאָ איז פינצטער. קיינער ניטאָ. קום פון דאַנען. קום אַהיים. עס איז שוין גוט קאַלט.

(אָפּ לינקס. פּויזע)

שוועלבעלע (קומט צושפּרינגען פון רעכטס, זעצט זיך צופוסנס בײַם פּרינץ): ליבער פּרינץ! איך האָב דערפילט דײַן שליחות. איך בין געפלויגן און האָב פיל געזען. איך האָב געזען דעם גלאָק טורעם, דעם פּאַלאַץ פון מירמלשטיין. איך האָב געזען ווי מאַט־ראָסן, צונויפגעדרייטע אין דרײַען, פאַרברענטע, פאַרשמאַכטע, שלעפּן שווערע פּעק. איך האָב געזען ווי אַלטע ייִדן האַנדלען איינער מיטן אַנדערן און וועגן געלט אויף קופּערנע וואָגן. איך בין ענדלעך געקומען אין אַ קליין הײַזעלע, וואו דו האָסט מיך געשיקט. דאָס ייִנגעלע איז געלעגן אויפן געלעגער און האָט זיך געוואָרפן אין גרויס היץ און די מוטער איז אײַנגעשלאָפן זיצנדיק בײַם טיש. זי איז געווען אַזוי מיד... איך האָב אַוועקגעלייגט אויפן טיש דעם גרויסן רובין און האָט אַנגעהויבן פאָכן איבערן קינדס קעפּעלע און קילן אַ ביסל זײַן שטערן. ער האָט פריש אָפּגעאָטעמט און איז זיס אײַנגעשלאָפן. די מוטער איז געבליבן שלאָפן און איך בין אַוועק פון זיי. מערקווירדיק! — עס איז איצט

אַזוי קאַלט און מיר איז וואַרעם. פריער איז מיר געווען זייער קאַלט און איצט איז מיר וואַרעם...

פּרינץ: דאָס איז דערפאַר, ווײַל דו האָסט געטאָן אַ גוטע זאַך. דו האָסט גוטס געטאָן אַ קראַנק יינגעלע.

שוועלבעלע: איך האָב זיך דערוואַרעמט און עס שלעפערט מיך איצט. איך וואָלט וועלן איינשלאָפן און מאָרגן וועל איך אַוועקפליען קיין מצרים. דאָרט וואַרטן אויף מיר מײַנע חבר־טעס. זיי זײַנען שוין לאַנג אין דעם וואַרעמען לאַנד. דאָרט איז אַזוי שיין און גוט. די לבֿנה שײַנט דאָרט אַזוי זילבערדיק. די ווינטן זײַנען אַזוי לײַכט... מײַנע חברטעס צוויטשערן אַזוי טרוימעריש און ליב און זיס...

(זי שלאָפט איין. עס הערט זיך אַ פויגל טשוויטשער. פון לינקס קומט אַריין דער דיכטער)

דיכטער: ווי שטיל דאָ איז... פּוסט און טרויעריק.

(ער זעצט זיך אויפן באַנק קעגן דעם מאָנומענט)

ווי טרויעריק עס זעט אויס דער פּרינץ. אָט אַזאַ האָב איך אויך פאַרגעשטעלט מײַן פּרינץ אין דעם שטיק וואָס איך שרײַב פאַרן טעאַטער. איך האָב אָבער ניט געקאָנט שרײַבן מער. עס איז קאַלט בײַ מיר אין צימער. ניט געהייצט. און הונגעריק בין איך שרעקלעך. פאַרוואָס צו קויפן אַ פונט ברויט.

(פּויזע)

מײַן פּרינץ וועט זײַן אַ צאַרטער און איידעלער, מיט אַ גוט האַרץ. זײַן געליבטע איז אַ שיינע, בלאָנדע פּרינצעסין, וואָס חברט זיך מיט פייגעלעך און טרוימט נאָר פון ווײַטע שיינע לענדער, וואו אַלע לעבן גליקלעך און שיין. דער פּרינץ שטעלט איין פאַר איר דאָס לעבן און זיי האָבן אַזוי ליב איינס דעם צווייטן... אַך, ווי עס הונגערט מיך...

(צום מאָנומענט)

וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, מײַן פּרינץ? וואָס טרויערט אַזוי דײַן בלײַען האַרץ? דו שווײַגסט, דו ענטפערסט ניט... ווי קאַלט דאָ איז. עס הונגערט אַזוי שרעקלעך. איך קאָן נישט ווײַטער שרײַבן אין מײַן קאַלטן צימער... וואוהין זאָל איך איצטער גיין? די וועלט איז אַזוי פינצטער און מײַן פּרינ־צעסין איז אַזאַ צאַרטע... און מיך הונגערט אַזוי...

(אַפּ צו לינקס. אַ ווילע שטיל. פויגל געזאַנג. עס קומט אַריין אַ הויכער מאַן, אַ בעטלער אַ בלינדער מיט אַ פידל אונטערן האַנט, אָפּגעריסן, טאַפּט דעם וועג מיט זיין שטעקן. ער שטעלט זיך אין מיטן בינע און שפּילט אויפן פידל אַ טרויעריקע מעלאָדיע. ענדיקט, נעמט ער אַראָפּ זיין ברייטן קאַפּעליוש און שטרעקט אים אויס מען זאָל אים אַריינוואַרפן מטבעות פאַר זיין שפּילן. קיינער איז אָבער ניטאָ, קיינער וואַרפט ניט קיין מטבעות, טוט ער צוריק אָן דעם קאַפּעליוש. ער איז פאַרצווייפלט טרויעריק. טאַפּנדיק מיטן שטעקן דעם וועג גייט ער פּאַמעלעך אַוועק. פון רעכטס קומט אָן דער אָפּגעריסענער)

אָפּגעריסענער: שטיל. קיינער קומט ניט. ניטאָ ביי וועמען אַ שטיקל ברויט צו בעטן. די קליינע מיט די שוועבעלעך איז אויך פאַרשוואונדן. וואָלט איך כאַטש אַ שוועבעלע אָנגעצונדן און די הענט אַ ביסל אָנגעוואַרעמט.

(ער טוט אַ שפּיי און פאַרשווינדט)

פּרינץ: שוועלבעלע, שוועלבעלע, מיין קליין שוועלבעלע! וואו ביסטו? דו שלאָפסט? פאַר וואָס הערט מען דיך ניט?
שוועלבעלע: איך האָב מיך שוין אויסגערוט, גוטער פּרינץ. איך שלאָף שוין ניט. איך דאַרף מיך שוין אָנהייבן גרייטן אין וועג אַריין. היינט דאַרף איך מיך לאָזן אין די וואַרעמע לענדער פליען. מיינע חברטעס וואַרטן דאָרט אויף מיין קומען.
פּרינץ: שוועלבעלע, שוועלבעלע! דאָ אין שטאָט, ווייט אויף דעם אַנדער עק, זיצט אַ יונגער מאַן אין אַ בוידעם שטיבל. ער איז אַ דיכטער. ער האָט גרויסע, טרוימערישע אויגן און זייער שיינע האָר. ער שרייבט אַ שטיק פאַרן טעאַטער און ער קאָן ניט אָנגיין מיט זיין אַרבעט, ווייל אין צימער איז צו קאַלט. אין אויוון איז ניטאָ קיין פייער און ער איז אויך אָפּגעשוואַכט פון הונגער. אפשר...
שוועלבעלע: גוט, מיין פּרינץ. איך וועל דאָ נאָך בלייבן און וועל דיך פאָלגן, וואָס דו וועסט פון מיר פאַרלאַנגען. אפשר זאָל איך אים אויך אָפּטראָגן אַ רובין?
פּרינץ: אָך, איך האָב שוין מער ניט קיין רובין. דאָס איינציקע, וואָס עס איז מיר געבליבן, — זיינען מיינע אויגן. זיי זיינען געמאַכט פון טייערע סאַפיר שטיינער, וואָס זיינען מיט טויזנט

יאָר צוריק געבראַכט געוואָרן פון אינדיען. שטעך אוים איינם פון זיי און טראָג אַוועק אַהין, צום דיכטער. ער וועט עס פאַרקויפן צו אַ גאָלד שמיד, וועט קויפן שפּייַז און האָלץ און וועט ענדיקן זייַן טעאַטער שטיק.

שוועלבעלע: טייַערער פּרינץ, ווי אַזוי זאָל איך אַזוינס טאָן? איך קאָן עס ניט...

פּרינץ: שוועלבעלע, טייַער שוועלבעלע, טו אַזוי ווי איך האָב דיר געהייסן.

(די שוועלבעלע שטעלט זיך אויף און פּיקט אויס אַן אויג ביי דעם פּרינץ און שפּרינגט מיט דעם אַוועק. אַ ווייַלע שטיל. עס דערהערט זיך פון הינטער דער בינע דאָס געזאַנג פון מיידעלע און שאַרמאַנקעלע. עס קומט אַריין אַ מיידעלע מיט אַ שטייגעלע אין האַנט. אין שטייגעלע — אַ פייגעלע. מיט איר קומט אַריין אַ ייִנגעלע מיט אַ שאַרמאַנקעלע אין האַנט און אַ מיידעלע וואָס ברעכט זיך און טאַנצט. זיי זינגען)

נומ. 1

זינג, פייגעלע, זינג,
אין טאַנץ אין לייַכטן שפּרינג.
ציי אַרוים אַ בלעטעלע,
אַ גוטן מזל-צעטעלע,
און בענטש די וועלט,
און בענטש די וועלט מיט גליק
און גיי זיך דאַן,
און גיי זיך דאַן צוריק...

(הינטער די קוליסן זינגט דער כאָר מיט און ביי די קלאַנגען טאַנצט דאָס מיידעלע און ברעכט זיך. דאָס ווערט געזונגען צוויי מאָל)

ייִנגעלע: קיינער ניטאָ. מע דאַרף ניט שפּילן. ניטאָ ווער עס זאָל געבן אַ פּעני און די הענט זייַנען מיר צעפראָרן.

מיידעלע: מייַן פייגעלע איז אויך הונגעריק און דערפראָרן. לאָמיר גיין פון דאַנען. קום.

(אָפּ. זינגענדיק דאָס לידל. פון לינקס קומט אָן דער ערשטער אַפּאַש מיט זיין מיידל. ער קוקט זיך אַרום, פייפט עפּעס אַ לידל, טוט בייז

(אַ שפּיי און גייט אַוועק. שטיל. עס לאָזט זיך הערן אַ לייכטער ווינטל און אַ ווייטער פויגל געזאַנג)

שוועלבעלע (קומט אָן פון רעכטס): איך קאָן ניט מער. איצט מוז איך שוין פליען קיין מצרים. זײַ געזונט, מײַן ליבער פּרינץ. איך בין געקומען זיך זעגענען מיט דיר. איך האָב געטאָן ווי דו האָסט געהייסן. איך האָב אַוועקגעגעבן דעם דיכטער דײַן אויג און ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט. — „מע הייבט מיך אָן צו שעצן!"— האָט ער געזאָגט, און ער איז אַוועק גליקלעך. איצט קאָן איך שוין פליען אין די וואַרעמע לענדער.

פּרינץ: שוועלבעלע, מײַן שוועלבעלע! צי וואָלסטו ניט גע־קאָנט בלײַבן בײַ מיר נאָך אַ נאַכט?

שוועלבעלע: איצט איז שוין ווינטער און באַלד וועט פאַלן דער ערשטער שניי. אין מצרים גיסט די זון אירע הייסע שטראַלן אויף די גרינע טייטל ביימער, פייגעלעך זינגען דאָרט זומער־לידער... איך מוז דיך פאַרלאָזן, טײַערער פּרינץ. איך וועל דיך שוין קיין מאָל ניט פאַרגעסן. דעם אַנדערן פרילינג וועל איך דיר ברענגען צוויי טײַערע שטיינער אָנשטאָט די ביידע, וועלכע דו האָסט אַוועקגעגעבן. איך וועל דיר ברענגען אַ רובין, רויטער ווי די פּורפּור רויז און אַ סאַפּיר, בלוי ווי דאָס וואַסער פון אומ־ענדלעכן ים.

פּרינץ: הער צו, שוועלבעלע! דאָרט אונטן, אויפן מאַרק פּלאַץ, שטייט אַ קליין מיידעלע. זי פאַרקויפט שוועבעלעך. אַן אומגליקלעכער מענטש האָט אירע שוועבעלעך צעוואָרפן, זיי האָבן זיך פאַרנעצט. דער פאָטער וועט זי שלאָגן, אויב זי וועט אים ניט ברענגען אַהיים קיין געלט צו קויפן ברויט. זי איז נאַקעט און דערפראָרן. שטעך אוים דאָס צווייטע אויג און גיב עס איר אַוועק, וועט זי דער פאָטער ניט שלאָגן און זיי וועלן אַלע זײַן זאַט.

שוועלבעלע: גוט, — איך וועל בלײַבן מיט דיר נאָך אַ נאַכט. נאָך דאָס אויג קאָן איך דיר ניט אויסשטעכן. דו וועסט בלײַבן אינגאַנצן בלינד.

פּרינץ: ליב שוועלבעלע, טו מיר אַ געפעליקייט, — טו אַזוי ווי איך הייס דיר. שטעך מיר אויס דאָס אויג און טראָג עס אַוועק.

שוועלבעלע: גוט, ליבער פּרינץ. איך וועל טאָן ווי דו הייסט מיר.

(דאָס שוועלבעלע פּיקט אויס דאָס צווייטע אויג און שפּרינגט מיט דעם אַוועק. עס קומען אַריין דער לײדיקגייער און די לײדיקגייערין)

לײדיקגײער: אָ, מאַרקיזע, איך בין אײַער קאַוואַליר. קאָן איך אײַך דען לאָזן גײן אַלײן אין דער קאַלטער נאַכט!

זי (מאַכט אַ רעווערענס): אַך, מײַן מאַרקיז, איר זײַט זײער העפלעך. אַך... ווי גוט עס וואָלט איצט געווען צו רוען אויף אַ באַקוועמער סאָפע אין אַ געמיטלעך באַלויכטן סאַלאָן. טונקעלע שײַן, עלעגאַנטע באַדינער, שוימענדיקער ווײַן און שטילע קלאַנגען פון ליבן קלאַוועסין. איר, מײַן קאַוואַליר, זײַט, נאַטירלעך, אויך דערבײַ...

ער: און אַ מאַלצײַט אַ־לאַ־פורשעט, און אַ לײַכטער, שװײַנער מענועט...

זי: אַך, דער ליבער מענועט... אָבער... עס הונגערט מיך זײער...

ער: מ... מ... יאָ, עס הונגערט... מײַן ליבע מאַרקיזע, לאָמיר פאַרטרײַבן דעם נאַרישן הונגער, לאָמיר זיך פאַרשכורן מיט אונדזער אַלטן, ליבן מענועט...

(זײ לאָזן זיך טאַנצן אַ מענועט, ענדיקן און פאַרשווינדן. עס קומען אַרײַן אײנצײטיק פון רעכטס דער ערשטער אַפּאַש מיטן מײדל, און פון לינקס — דער צווײטער אַפּאַש מיט זײַן מײדל. פון לינקס קומט אויך אַרײַן די נײטאָרין)

ערשטער אַפּאַש (צו דער נײטאָרין): א־אַ־אָ! איך האָב דיך געפּאַקט. וואוהין גײסטו? גיב מיר דײַן געלט. גיב, זאָג איך דיר. איך בין הונגעריק. איך האָב הײַנט גאָרנישט געגעסן.

נײטאָרין: איך האָב קײן געלט ניט. מײַן קינד איז געפּערלעך קראַנק. איך האָב עס ניט מיט וואָס צו ראַטעווען. ליגט מײַן קינד און ווערט פאַרברענט פון היץ. אַ גאַנצן טאָג בין איך לעבן אים געזעסן מיט אַ צעוויײטיקט האַרץ, ביז איך בין אַ מידע אַנטשלאָפן געוואָרן. און אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָב איך אויפן טיש געפונען אַ שײן שטײנדעלע און בין מיט אים אַוועק אין אַפּטײק בעטן אַ רפואה פאַר מײַן קינד. האָט מען מיר אַ רפואה געגעבן און צוויי פּענים צו קויפן אַ פּאָמעראַנץ צו דערקוויקן דעם קראַנקן. דאָס איבעריקע איז בײַ זײ געבליבן. דאָס איז אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג. אָבער מײַן קינד וועט גערעטעוועט ווערן און איך דאַנק גאָט דערפאַר.

צווײטער אַפּאַש: דײַן קינד איז בילכער. גײ קויף אַ פּאָמעראַנץ און דערקוויק דײַן קינד. נאַ, אָט האָב איך אַ טאַבאַק

פושקעלע, נעם עס, פאַרקויף און קויף פאַר דײַן קינד וואָס דו באַדאַרפסט.

נייטאָרין: אַ דאַנק אײַך, גוטער מענטש. איך דאַרף ניט. קויפט זיך בעסער ברויט און טאַבאַק. איך באַדאַרף ניט. אַ דאַנק.

(אָפּ לינקס)

ערשטער אַפּאַש: אַ רחמנות, נעבעך. אַ דאַרע, קראַנקע פרוי מיט אַ קראַנקן קינד... וואו זײַנען די רײַכע לײַט? זיי זיצן אין די הײמען? זיי גייען ניט אַרום אין אַזעלכע פינצטערע און קאַלטע נעכט. דער טײַוול זאָל זיי נעמען!...

(דער אָפּגעריסענער קומט אָן פון לינקס, דערזעט דעם ערשטן אַפּאַש)

אָפּגעריסענער: אומעטום איז ער דאָ... ווילסט אפשר מײַן געלט צונעמען? — קאָנסט עס נעמען... איך שענק עס דיר אַליין אַוועק.

(ער קערט אויס זיינע ליידיקע קעשענעס)

ערשטער אַפּאַש: דער טײַוול דאַרף דיך, מײַן געערטער שלעפּער... טפו...

אָפּגעריסענער: טפו זאָלסטו אַליין ווערן...

(אָפּ אויפגערעגט. דער צווייטער אַפּאַש וויל אויך אַוועק. דער ערשטער שטעלט אים אָפּ)

ערשטער אַפּאַש: וואוהין לויפסטו, — אין די וואַרעמע פּאַלאַצן דײַנע? קום לויפן אַביסל איבערן פּאַרק, די פיס אָנוואַרעמען אַביסל. קום זשע, נו, וואָס שטייסטו?

(זיי שטעלן זיך אין אַ ריי און זינגען דאָס ליד פון די טרעמפּס)

נומ. 2:

דאָס ליד פון די טרעמפּס

מיר זײַנען פרײַע פייגלעך, טרעמפּס.
מיר לאַכן פון דער וועלט.
מיר ווייסן פון קיין זאָרגן ניט,
פון הונגער, נויט און קעלט.

די ערד און רוים און הימל־בלוי
דאָס איז דעם טרעמפּס געצעלט.
אַ כאַפּ אַמאָל אַ ביסן וואו
און לאַכן פון דער וועלט.

מיר זינגען ווען עס הונגערט אונדז
און טאַנצן אין דער קעלט.
אַ כאַפּ אַמאָל אַ דרימל וואו
און לאַכן פון דער וועלט.

און ווערט אַמאָל אונדז טרויעריק,
ווען בלאַט אויף בוים פאַרגעלט, —
דאַן שפּרייַזן מיר אין שטאָט אַוועק
און לאַכן פון דער וועלט.

און ווערט די שטאָט אונדז עקלדיק
און נמאס מיט איר גלאַנץ, —
דאַן יאָגן מיר אין פעלד אַוועק
און דרייען זיך אין טאַנץ.

מיר זייַנען פרייַע פייגעלעך,
מיר לעבן ניט פאַרשטעלט.
מיר טוען וואָס עס ווילט זיך אונדז
און לאַכן פון דער וועלט...

(זיי ענדיקן זינגען און לאָזן זיך לויפן ריטמיש און דאָס ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַן אַפּאַשן טאַנץ, מיט וועלכן זיי פאַרשווינדן. אַ ווײַלע שטיל. פויגל־געזאַנג. עס קומט אָן דאָס שוועלבעלע)

שוועלבעלע: נו, מייַן ליבער פרינץ, איך האָב אַלץ געטאָן ווי דו האָסט געהייסן. איך האָב אין דער נאַכט געטראָפן דאָס מיידעלע אַ דערפראָרענע אין מיטן מאַרק־פּלאַץ. קיינער האָט קיין שוועבעלעך ניט געקויפט. זיי זייַנען נאַס, די שוועבעלעך. און דאָס מיידעלע — זי וויינט. האָב איך דעם שטיין צו אירע קאַלטע פיס געלייגט. זי האָט עס גלייַך באַמערקט און אַ גליק־לעכע איז זי מיט אים אַהיים אַוועק. אויפן מאַרק האָב איך גע־זען רעדלעך מענטשן שטייַען און ריידן און דערציילן, אַז אין שטאָט געשעט וואונדער. אַז אַלע נאַכט ברענגט עמיץ אין די אָרעמע הייַזער איידל־שטיינער און די אָרעמע קויפן פאַר דעם ברויט און קוילן. מע זאָגט, אַז דאָס טוט דער גליקלעכער פרינץ,

אַז ער שיקט עס צו. די מענטשן קלייַבן זיך אַלע אַהער בעטן דעם פּרינץ, ער זאָל זיי אויך געבן. זיי זייַנען אויך הונגעריק און דערפרוירן. זיי ווילן, גלויב איך, באַלד קומען אַהער. וואָס ווילסטו זיי געבן? דו האָסט דאָך מער גאָרנישט!

פּרינץ: ליב שוועלבעלע! איך האָב שוין מער קיין אויגן ניט און איך וועל ניט קאָנען מער קוקן אויפן שטאָט מיט אירע נויטן. דאַרף איך איצט שוין גאָרנישט מער. אויב די מענטשן וועלן קומען, רייַס אַראָפּ די גאָלדענע בלעטלעך, וואָס עס הענגען אויף מייַן מאַנטל און גיב עס צו די מענטשן. זאָלן זיי אויך קויפן ברויט און קוילן.

שוועלבעלע: גוט, איך וועל עס טאָן, מייַן ליבער פּרינץ. איך וועל טאָן ווי דו ווילסט הייסן.

(עס לאָזט זיך הערן אַ טומל. דאָס שוועלבעלע זעצט זיך אויף אַ טרעפּל ביים מאָנומענט און קוקט צו. עס קומט אַריין אַ גרויסע גרופּע מענטשן פון פאַרשיידענעם אויסזען, אָפּגעריסענע, — מיט אַ טומל און געבעט)

ערשטער: אָט שטייט ער און שוויַגט, און גאָרנישט... פאַרוואָס גיסטו אַנדערע? פאַרוואָס גיסטו מיר ניט?

(האַרט צום פּרינץ)

גיב מיר מיט וואָס מייַן לייַב צודעקן! גיב מיר מיט וואָס מייַן הונגער צו שטילן!

צווייטער: עס גייט מיר אוים מייַן ווייַב פון קעלט און נויט. די קינדער אויך. גיב מיר, גיב!

דריטער: מיר אויך! מיר אויך! איך דאַרף מייַן קינד אַ קוליע קויפן. דאָס קאָן ניט אומגיין. פון קעלט און אומריין אַ פּום פאַרלאָרן. גיב מיר! גיב!

פערטער: איך גיי אוים נאָך אַ ביסל ווויסקי! איך קאָן אָן דעם ניט לעבן... ווויסקי גיב מיר, ווויסקי!...

פינפטער: איך האָב קיין שמאַטעס אַפילו ניט מיט וואָס די פּיס פאַרוויקלען. גיב מיר שמאַטעס.

זעקסטער: האָב רחמנות, שטיל אונדזער הונגער!...

זיבעטער (וויינט מיט אַ קינדערשער שטים): איך דאַרף אָן אָרון אין וואָס מייַן קינד באַגראָבן... מייַן קינד... מייַן איינציק קינד...

(צערעוועט זיך. פּויזע)

אַלע: פֿאַרוואָס שווײַגט ער? פֿאַרוואָס זאָגט ער גאָרנישט? גיב אונדז! גיב!

שוועלבעלע (צופּט אָפּ אַ בלעטעלע פֿון פּרינצס מאַנטל און גיט עס צום צווייטן פֿון גרופּע): נאַ, נעם עס און טראָגט אוועק צו דײַנע קינדערלעך. קויף זיי ברויט.

אַלע: מיר אויך! מיר אויך!

פּערטער: וואָס בעטן מיר אַזוי? לאָמיר אַלײַן נעמען. דאָס בלײַען האַרץ פֿונם פּרינץ שפּירט ניט אונדזער נויט, ווייסט ניט אונדזער הונגער. לאָמיר אַליין נעמען...

(זיי וואַרפֿן זיך אַלע אויפֿן מאָנומענט און צופּן אַרום די גאָלדענע בלעטעלעך פֿון פּרינצס מאַנטל און מיט טומל און גיריקייט גייען זיי אַלע אַוועק. שטיל. דאָס שוועלבעלע זיצט אומבאַוועגלעך)

פּרינץ (טרויעריק): אומגליקלעכע מענטשן!

שוועלבעלע: אומגליקלעכע מענטשן! זיי פֿאַרשטייען דיך ניט. זיי האָבן דיך באַפּליקט, באַליידיקט. איך וועל פֿון דיר שוין ניט אַוועקגיין. איך וועל שוין שטענדיק מיט דיר בלײַבן.

פּרינץ: ניין, מײַן קלײנע שוועלבעלע. דו דאַרפֿסט אַוועקפֿליען קיין מצרים. דאָרט וואַרטן אויף דיר דײַנע חברטעס.

שוועלבעלע: איך וועל שוין בלײַבן מיט דיר אויף אייביק, ליבער פּרינץ. דו ביסט איינזאַם איצט געבליבן און אַ בלינדער. איך וועל פֿון דיר שוין ניט אַוועקגיין. איך וועל דיר דערציילן מעשיות וואונדערלעכע, פֿון די ווײַטע וואַרעמע לענדער, וואו אַלע לעבן שיין און גליקלעך. איך וועל דיר דערציילן פֿון די רויטע, איבים פֿייגל, ווי זיי כאַפּן גאָלדענע פֿישעלעך... פֿון דעם ספֿינקס, וואָס היט די וועלטן ווי אַ שומר... פֿון דער גרינער שלאַנג, וואָס רוט אויף פּאַלמען-בוימער.

פּרינץ: מײַן ליב שוועלבעלע! דו דערציילסט מיר וואונדערלעכע מעשיות, אָבער וואונדערלעכער פֿון אַלץ זײַנען די מענטשן. דערצייל עפּעס פֿון דעם, דערצייל מיר פֿון אָרעמע און קאַליקע, פֿון נויט-לײַדנדיקע, פֿון פֿאַרטרערטע אויגן, פֿון צוקלעמטע הערצער. מײַן בלײַען האַרץ פֿאַרגייט פֿון דעם, פֿאַרנעמט עס אַלץ. דערצייל, שוועלבעלע.

שוועלבעלע: איך וויל פֿון דעם דיר ניט דערציילן. דײַן בלײַען האַרץ איז צו שוואַך... מעשיות... פֿײַגעלעך...

(זי גייט אַראָפּ פֿון די טרעפּ, קנוילט זיך אויף אונטן אויף דער ערד)

אַך, עס איז מיר קאַלט, מײַן ליבער פּרינץ. עס איז מיר קיין

מאָל אַזוי קאַלט ניט געווען... און עס שלעפערט, ליבער פּרינץ... וואַרעם אַזוי... וואַרעם...

(זי ווערט שטיל און שטאַרבט אַ דערפראָרענע. שטיל. עס קומען אַריין זינגענדיק זייער לידל די מיידעלע מיטן פייגעלע, דער ווּנגעלע מיטן שאַרמאַנקעלע און דאָס מיידעלע וואָס טאַנצט. זיי דערזען דעם מאָנומענט אַרומגעפּליקט)

מיידעלע: זע, ווי דער „גליקלעכער פּרינץ" זעט אויס! ער איז אינגאַנצן אַרומגעפּליקט. אַ נאַקעטער שטייט ער.

יינגעלע (דערזעט דאָס טויטע שוועלבעלע): זע, אָט ליגט אַ טויט פייגעלע, דערפראָרן געוואָרן.

(פּויזע)

ווי שטיל דאָ איז. קיינער ניטאָ. איך האָב מורא דאָ צו זײַן. דער נאַקעטער פּרינץ שרעקט מיך. קום פון דאַנען. מען האָט זײַן בלײַען האַרץ געווים אויך אויסגעפּליקט. קום.

(אָפּ, שטיל, זינגענדיק דאָס לידל. אַ ווײַלע שטיל. מיט מעסיקע טריט קומט אַרײַן אַ כאָר אין שוואַרצע שאַלן מיט געבויגענע קעפּ. רינגלען אַרום דעם מאָנומענט און דאָס טויטע שוועלבעלע און זינגען די באַלאַדע

באַלאַדע

נום. 3

גענעבט און געוועזן אַמאָל איז אַ פּרינץ.
דערצויגן אין מאַרמאָרנע שלעסער.
אַ שלאַנקער, אַ צאַרטער ז'געווען דער פּרינץ,
אַ גוטער — פון אַלעמען בעסער.

און ס'האָט אים געלערנט אַן אַלטער מאַרקיז
די תורה פון מאַרמאָרנע שלעסער:
אַז אַלץ אונטערטעניק דאַרף זײַן דאָ צו אים,
אַז ער איז פון אַלעמען גרעסער.

און פלעגט ווען אַמאָל צו דעם מאַרמאָרנעם שלאָס
פון וויַיטן אַ קרעכץ זיך דערטראָגן, —
האָבן עס דינער, פאַרפּוצטע אין גאָלד,
באַמיט זיך פון אים צו פאַריאָגן.

„דאָס קרעכצן די מענטשן דאָרט אונטן אין טאָל,
זיי ווילן וואָס בעטן בײַם קעניג!
— פלעגט טענהן דער פרינץ צו דעם אַלטן מאַרקיז, —
גיט זיי, איר האָט דען נאָך ווייניק! ?״

און גרוים איז געוואָרן צום קעניג זײַן האָס,
צו רײַכקייט זײַן שנאה נאָך גרעסער.
און געפּלאַצט האָט דאָס האַרץ בײַ דעם
„גליקלעכן פרינץ״
אין די ווענט פון די מאַרמאָרנע שלעסער...

(פון כאָר טיילן זיך אויס אַכט טענצער און בעת דער גאַנצער כאָר זינגט — טאַנצן זיי אַ טרויער טאַנץ אַרום פרינץ און שוועלבעלע)

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

רעזשי

די אויפגאַבע פון דער רעזשי באַשטייט אין דעם, אַז דאָס בילד זאָל אויסזען ווי אַ קאַליידאָסקאָפּ. די געשעעניש פאַסירט אין איין האַרבסט נאַכט. אַלע פאַרשוינען דאַרפן אויסזען פאַראָרעמט, אויסגעהונגערט, פאַרפראָרן.

ביים שלוס, ווען די מאַסע טרעט אויף, דאַרף זיך דער טומל אָנהייבן הינטער די קוליסן און גיין וואָס ווייטער שטאַרקער, ביז זי טרעט אויף אויפן בינע, און עס דאַרף אויסזען ווי אַן אויפברויז פון אַן אויסגעהונ־גערטער מאַסע, אָבער יעדערער דאַרף אויסשרייען זיינע ווערטער און ניט קיין אַנדערע.

דער פרינץ טאָר זיך ניט באַוועגן. ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ מאָנומענט, — שטייט ער ווי פון בראָנז אויסגעגאָסן. ער רעדט קלאָר, ריטמיש און לאַנגזאַם.

די שוועלבעלע שפרינגט אונטער אויף איין פוס און די הענט האַלט זי אויפגעהייבן ווי די פאַדערשטע ביי אַ הונט ווען ער שטייט אויף די הינטערשטע פיס. זי איז צאַרט ווי נאָר מעגלעך. זי שטאַרבט אין מיטן בינע. דער אָפּגעריסענער איז בייז, ער רעדט בייז.

די אפּאַשן זיינען ברוטאַל, אָבער גוטמוטיק. דאָס מיידעלע מיטן פייגעלע און אירע שותפים זעען אויס בלאָס און טוען זייער אַרבעט מעכאַניש.

דאָס מיידעלע מיט די שוועבעלעך איז שרייעריש און צעשראָקן.

דער בלינדער האַלט די פידל צוגעדריקט צום ברוסט, ווי ער וואָלט מורא האָבן מע זאָל עס ביי אים צונעמען.

די ליידיקגייער זעען אויס פּאַטיש־פּראַנטעוואַטע. זייער טאַנץ דאַרף זיין מאַנירלעך. אַפּאַשן־טאַנץ דאַרף זיין שטיפעריש. דער טרויער טאַנץ באַשטייט בלויז פון ריטמישע באַוועגונגען און פיגורן. די טרויער צע־רעמאָניע קומט פאַר פריער אַרום פּרינץ און דערנאָך אַרום דער שוועלבעלע.

דעקאָראַציעס

אַן אַלטער פּאַרק. אָפּגעטראָטן פון הינטערגרונט — אַ פּלאַטפאָרמע, געפאַרבט גרוי. אויף דעם שטייט דער פּרינץ ווי אַ מאָנומענט. צו דער פּלאַטפאָרמע פירן פון אַלע זייטן טרעפּ. ביי אַ זייט פון פּלאַטפאָרמע — אַ פאָנטאַן. עטלעכע בוימער. רעכטס און לינקס שטייען עטלעכע גאָרטן בענק.

קאָסטיומען

קאָסטיומען ווערן געמאַכט פון איינפאַכע שטאָפן — גרויע און טונקל קאָלירטע. דער קאָסטיום פון פּרינץ דאַרף זיין פון העל־ברוינעם שטאָף (בראָנז) באַנייט מיט גאָלדענע בלעטלעך.

פּראָלאָג

דער פּראָלאָג הייבט זיך אָן אין פולער פינצטערקייט. דער דער־ציילער, פאַרהילט אין שוואַרצן (דער פּנים אויך) קלינגט אין אַ גלאָק און רעדט מיט אַ ווייטער שטימע. ווען ער ענדיקט, פאַרשווינדט ער און שרייט אויס: ל י כ ט ! — דאַן גייט אויף דער פאָרהאַנג.

מוזיק

מוזיק פאַר דער באַלאַדע, פאַרן ליד „זינג פייגעלע״ און פאַרן „ליד פון די טרעמפּס״ זיינען דאָ נאָטן אין דער פּיעסע.

פאַרן אַפּאַשן טאַנץ באַנוצט אָפּענבאַכס „ל׳אַמור דע ל׳אַפּאַש.״ פאַרן מענועט באַנוצט פּאַדעַרעווסקיס מענועט, אָדער שאָפּענס.


Ke - ni zain hos tzu raich-kait zain
si- ne noch gre — ser un ge-
platzt hot dos hartz bai dem glik-le-chn
printz in di vent fun di mar- mor-ne
shl — ser in di shle- ser


Ke- nig flegt tai-nen der printz tzu dem
al- tn mar-kiz
git zei ir hot den noch vei-nik
git zei ir hot den noch vei- nik un
grois iz ge- vo- rn tzum


vai - tn a krechtz zich der - tro - gn
ho - bn es di - ner far - putz - te in gold ba-
mit zich fun im tzu far - io — gn dos
krech - tzn di men - tchn dort un - tn in
tol zei vi - ln vos be - tn baim


s'hot im ge- le- rnt an al-ter mar-kiz di
toi -re fun mar-mor-ne shlo-ser az
altz un-ter-te- nik darf zain do tzu im az
er iz fun a-le-men gre - ser un
flegt zich a - mol tzu dem
mar- mor-nem shlos fun


And.
3
ge- lebt un ge - ve - zn a - mol iz a
printz der- tzoi - gn in mar - mor - ne
shle- ser a shlan- ker a tzar - ter z'ge-
ve - zn der printz a gu - ter fun
a - le-men be — ser un


yo-gn mir in feld a-vek un
drei-en zich in tantz
yo-gn mir in feld a-vek un drei-en zich in
tantz cha cha cha cha cha cha cha
cha cha cha cha cha


blat oif boim fargelt dan shprai-zn mir in
shtot a-vek un la-chn fun der velt cha
cha cha cha cha cha cha cha cha cha cha
cha un vert di shtot uns e-kl-dik un
ni-mes mit ir glantz dan


con moto
2.
mir zai-nen frai-e feig-lech tremps mir
la-chn fun der velt mir vei-sn fun Ka
zor-gn nit fun hun-ger noit un Kelt cha
cha cha cha cha cha cha cha cha cha cha
3 times
cha Un vert a mol uns troi-e-nik ven


bentch di velt un
bentch di velt mit glik un
gei zich dan un
gei zich dan tzu-rik
dan tzu-rik.


Moderato
Zing fei - ge - le zing
in tantz in laich - tn
shpring tzi a-
nois a ble - te - le a
gu - tn ma - zl tze - te - le un

בום און דריידל

(אַ מעשהלע אין פיר אַקטן)

לויט נ. שקליאַר

בום און דריידל

(אַ מעשׂהלע אין פיר אַקטן)

●

ערשטער אַקט

פּערזאָנען:

(אין ערשטן אַקט)

בום
דריידל
משולח פון גוטן קיניג
צוויי העראָלדן
אַלטע שמאַטע-הענדלערין
קיניגלעכער שנײַדער
קיניגלעכער שוסטער
קיניגלעכער בעקער
אַלטע (חלפנטע)
וואונדערלעכע מוזיקער
קיניגלעכער גאַס-שומר
אַ שטים (פרויען-געשטאַלט)

באַמערקונג:

די דאָזיקע קינדער מעשהלע האָב איך אין יאָר 1921 איבערגעזעצט פון רוסיש. די איבערזעצונג איז אַ פרייע. אין יאָר 1929 האָב איך עס אינגאַנצן איבערגעאַרבעט, אַריינגעפירט נייע פּערזאָנען, צוגעשריבן און איסגעבר־יטערט דעם לעצטן אַקט און דער קאָמפּאָזיטאָר א. עלשטיין האָט אָנגעשריבן ספּעציעלע מוזיק. אין דער נייער ווערסיע האָב איך עס אין דעם זעלבן יאָר אויפגעפירט אין מאָריס שוואַרצעס קונסט־טע־אַטער אין ניו־יאָרק.

מ. ע.

(ווינטער. אַ וואַלד. אַ וועג. זייער פיל שניי און דער שניי איז זייער שיין — ווי אין אַ טרוים. דיביימער זיינען גרויסצווייגיק און שיין — אויך ווי אין אַ טרוים. די צווייגן פון די ביימער זיינען באַשאָטן מיט שניי און פינקלען. קאַלט. די זון פאַרגייט, מיט גאָלדן פאַרב באַגאָסן. (אָווערטיורע מוזיק נומ. 1.) צוויי קיניגלעכע העראָלדן פירן מיטן וועג אַ גרויסן היל־צערנעם פערד. אויפן פערד רייט פייערלעך דער משולח פון גוטן קיניג.

די העראָלדן בלאָזן אין לאַנגע טראָמפּייטן. (טאַקט 5 פון נומ. 1.)

ערשטער העראָלד: אומגליקלעכסטע! אומגליקלעכסטע! דער גוטער קיניג האָט אונדז געשיקט נאָך אייַך, כדי צו מאַכן אייַך פאַר די סאַמע גליקלעכסטע אין זייַן קיניגרייַך.

צווייטער העראָלד: אַ גאַנץ יאָר וועט איר עסן די פעטסטע טאָרטן און טרינקען די געשמאַקסטע ווייַנען; די בעסטע דאָק־טוירים וועלן אייַך געבן טרינקען די הייַלבאַרסטע וואַסערן, אויב איר וועט עסן צופיל.

ערשטער העראָלד: איר וועט טראָגן די רייַכסטע קלייַדער און וועט שלאָפן אויף די ווייַכסטע בעטגעוואַנט! אַ גאַנץ יאָר

וועלן פון אײַערטוועגן געאַרדנט ווערן גלענצנדע בעלער! די וואונדערלעכסטע מוזיקער וועלן פאַר אײַך שפּילן די נײַסטע טענץ און טאַנצן מיט אײַך וועט די בת-מלכּה אַליין!

(זיי שאַלן אין די טראָמפּייטן. 5־טער טאַקט נומ. 1.)

בײדע העראָלדן: אומגליקלעכסטע! אומגליקלעכסטע! אונדז האָט געשיקט נאָך אײַך דער גוטער קיניג, כּדי צו באַגליקן אײַך.

(זיי פאַרשווינדן; אַ ווײַלע הערן זיך נאָך זייערע שטימען און דאָס שאַלן פון די טראָמפּייטן, דערנאָך ווערט שטיל. אויפן וועג באַווייזן זיך בום און דריידל, אָפּגעריסענע, אין צעריסענע שיך; ביי בומען אונטערן האַנט — אַ פידל, דריידל טראָגט אַ שטייג מיט אַ פייגעלע. זיי איז זייער, זייער קאַלט)

בום: דו ווייסט, דריידל, איצט וועלן מיר שוין ניט פאַרדינען אַזוי פיל געלט, ווי מיר פלעגן פאַרדינען מיט כּי־כּי!

דריידל: אינגאַנצן לאַנד צאָלט מען פאַר געזאַנג פיל מער, ווי פאַר אַנדער מוזיק און פאַר טענץ!

בום: איצט קאָנסטו זיך דרייען אַ גאַנצן טאָג, — די פענצטער זײַנען פאַרפראָרן און קיינער זעט ניט!

דריידל: אַז כּי־כּי פלעגט אָנהייבן זינגען, פלעגן טאַקע אַלע דערהערן! אַ ביסל אַ טאַנץ טאָן — פלעגט שוין פון ערגעץ וואו פאַלן אַ מטבע! ווי מיינסטו, בום, כּי־כּי וועט געזונט ווערן?

בום: ניין. זי וועט ניט געזונט ווערן, — זי האָט געזען אין חלום איר מוטער און יענע האָט זי אַ קוש געטאָן...

דריידל: נו?

בום: נו, ווען אַ טויטער טוט אין חלום אַ קוש, יענער קען שוין ניט געזונט ווערן.

דריידל: און דער מיסט-קלײַבער זאָגט, אַז עס חלומט זיך אַ טויטער — איז עס אַ סימן אויף שלעכטע וועטערן!

בום: נו, וועט קומען אַ שלעכטער וועטער און כּי־כּי וועט שטאַרבן.

(באַוועגונג הינטערן בינע)

דריידל: בום, דוכט זיך, עמיץ גייט! שפּיל!

(בום שפּילט נומ. 2)

מײַן הער, נעמט פאַר אַ פּעני אײַער גורל-צעטעלע! דאָ זיצט אַ פייגעלע מיט אַ שיין אייגעלע, ניט קיין גאַנז, ניט קיין ענטל, — זי טרעפט אויפן הענטל, פאַר אַ פּעני וועט זי זאָגן, וואָס איר וועט פאַרמאָגן.

בום: קיינער נישטאָ!

דריידל: קאַלט, בום!

בום: נו, לאָמיר גיין אין דאָרף אַריין, דאָרט וועלן מיר בלייבן נעכטיקן; דעם קרעטשמערס טעכטער קויפן שטענדיק גורל־צעטעלעך!

דריידל: שוין באַלד דער דאָרף, בום?

בום: ניין. נאָך ווייט, דריידל!

דריידל: הער, בום, און אויב דעם קרעטשמערס טעכטער וועלן נים קויפן קיין גורל־צעטעלעך?

בום: זיי וועלן קויפן! דריידל, לייג אַוועק די פייגעלע אין בוזים, וואָרים זי וועט פאַרפראָרן ווערן!

דריידל (עפנט די שטייג): בום!

בום: וואָס?

דריידל: דאָס פייגעלע...

בום: נו?

דריידל: פאַרפראָרן! (וויינט)

בום: מען דאַרף אויף איר אָטעמען.

(ביידע אָטעמען אויפן פייגעלע)

דריידל: זי לעבט ניט אָפּ...

(וויינט, לייגט אַריין דאָס פייגעלע אין בוזים)

בום: נו, וואָס רעוועסטו?

דריידל: אַ שאָד דאָס פייגעלע!

בום: לייג עס אַוועק אין בוזים!

דריידל: איך האָב אַוועקגעלייגט. עס איז אינגאַנצן קאַלט ווי אַ שטיק אייז.

בום: לאָמיר גיין גיכער, דו וועסט זיך דערוואַרימען, וועט עס אפשר אָפּגיין!

דריידל: ניין. כ'וויל אָפּרוען. כ'וועל זי האַלטן אין בוזים וועט זי אָפּגיין.

בום: נו, גוט, דריידל.

(טוליען זיך איינס צום אַנדערן. קוקן אויפן הימל)

דריידל: זע, בום, ווי די שטערן באַוועגן זיך!

בום: דאָס איז אַ באַווייז אויף אַ פראָסט, דריידל!

דריידל: בום, אויפן הימל איז וואָרים?

בום: איך ווייס ניט. איך בין דאָרט ניט געווען.

דריידל: און ווי מיינסטו?

בום: איך מיין, אַז עס איז וואַרים — פון דער זון, פון די שטערן, — זיי זיינען דאָך הייסע, ווי קוילן!

דריידל: פון וואָס מאַכט מען זיי, בום?

בום: וואָס?

דריידל: פון וואָס מאַכט מען די שטערן?

בום: מען מאַכט זיי גאָרניט, זיי זיינען שוין געמאַכטע.

(זיי שווייגן, לייגן זיך, ווילן איינשלאָפן)

דריידל: קאַלט, בום! דו שלאָפסט?

בום: און דו, דריידל?

דריידל: איך שלאָף! און דו?

בום: איך שלאָף אויך!

(פינצטער. עס לאָזט זיך הערן אַ שטילע, צאַרטע מוזיק פון צויבער־פידלען. (נומ. 3) עס פאַלט אַ שניי, און אַלץ אַרום ווערט פאַרהילט אין אַ נעפּל. פון דעם נעפּל אַרויס באַווייזט זיך אַ פיגור פון אַן אַלטער פרוי)

דריידל: בום, איך זע אַ חלום!

בום: איך אויך, דריידל!

דריידל: בום, איך זע, עס גייט אַהער אַ שמאַטע־הענדלערין און טראָגט אַ טאָפּ קאַשע.

בום: און פון טאָפּ ציט אַ היץ!

שמאַטע־הענדלערין (קומט אָן, שמייכלט ליבלעך): זייט באַגריסט, בום! זייט באַגריסט, דריידל! איך בין צו אייך צו גאַסט געקומען, אַ טעפּל קאַשע מיטגענומען!

(דערלאַנגט די קינדער אַ טאָפּ מיט קאַשע. אין טאָפּ צוויי לעפל)

בום (עסט): דריידל, ס'איז דאָך אַן אמתע קאַשע!

דריידל (עסט): אַ וואַרימע, אַ געשמאַקע! בום, איך האָב מורא, אַז איך וועל זיך אויפכאַפּן — וועט די אַלטיטשקע אוועקגיין און וועט אַוועקטראָגן די קאַשע!

בום: באַבינקע, גייט נישט אַוועק!

שמאַטע־הענדלערין: עסט, עסט, קינדערלעך. מיין קאַשע איז גענוג פאַר אַלעמען, עס קומט פון איר גאָרנישט אָפּ! אַ פאַר־כישופטע קאַשע איז מיינע!

(רעטשיטאַטיוו — נומ. 4)

ניט קיין רויע, ניט געקאָכט,
ניט קיין איינגנס, ניט געבאָרגט;
עסט און עסט זי כאָטש אַ יאָר, —
ווערט ניט ווייניקער אַ האָר — כי־כי־כי...

און באַלד קומט אַהער דער קיניגלעכער שנײַדער!

בום (שטויסט דרײַדלען): אַך, ווי וואונדערבאַר!

דרײַדל: אַך, ווי פרײַלעך!

(די אַלטע גייט אָפּ אָן אַ זייט. נאָך איר דערשיינט דער וואונדערלע־כער קיניגלעכער שניידער מיט אַ גרויסער שער אין האַנט, געקליידט זייער עלעגאַנט, אין אַ גרינעם פראַק, זשאַבאָ, שיך מיט שנאַלן)

שנײַדער (פאַרנײַגט זיך): זײַט באַגריסט, פרײַלין דרײַדל! זײַט באַגריסט, הער בום.

בום: איר זײַט דער קיניגלעכער שנײַדער?

דרײַדל: פון גרויסן הויז לעבן קלויסטער?

שנײַדער: יאָ, פרײַלין דרײַדל! יאָ, הער בום!

בום און דרײַדל: וואוהין גײַט איר, הער קיניגלעכער שנײַ־דער?

שנײַדער: איך בין געקומען צו אײַך, פרײַלין דרײַדל און הער בום.

בום און דרײַדל: נאָך וואָס זײַט איר געקומען צו אונדז?

שנײַדער (גײַט צו, ווײַזט זײַ פעלצלעך):

(נומ. 5)

פרירן זאָלט איר נישט בײַ נאַכט, —
האָב איך פעלצלעך אײַך געבראַכט;
האַנט און אויער זאָלן שוויצן, —
האָב איך הענטשיקעם און מיצן!... (ביס)

(ער טוט אָן די קינדער)

דרײַדל (לאַכט): אַך, ווי פרײַלעך!

בום (שטויסט דרײַדלען): אַך, ווי וואונדערבאַר!

שנײַדער: נאָך מיר גײַט דער קיניגלעכער שוסטער, און נאָך אים — דער קיניגלעכער בעקער!

(פאַרנייגט זיך און גייט אָפּ אָן אַ זייט)

שוסטער (דערשײַנט): זײַט באַגריסט!

בום און דרײַדל: איר זײַט דער קיניגלעכער שוסטער?

שוסטער: זײַט אַזוי גוט, גיט אײַערע פיסעלעך, — איך האָב געבראַכט סאַמעטענע שיכעלעך.

(טוט זיי אָן)

דרײַדל: אַך, ווי פײַן!

בום: אַך, ווי וואונדערבאַר!

(דער שוסטער פארנייגט זיך און גייט אפ אן א זייט)

(דער בעקער קומט אריין)

בעקער:

(נומ. 6)

נאט אייך, קינדער, זיסע טארט
פון דעם סאמע ערשטן סארט!
אונטן צוקער, אויבן פרוכט, —
נעמט־זשע, קינדער, און פארזוכט! **(ביס)**

בום און דריידל: אך, ווי וואונדערבאר!

(דער בעקער פארנייגט זיך און גייט אפ אן א זייט)

די אלטע חלפנטע (גייט מיט א גרויסן טייסטער אין האנט): זייט באגריסט!

בום: איר זייט די אלטע חלפנטע?

דריידל: נאך וואס זייט איר געקומען צו אונדז?

די אלטע:

בום, זיי באגריסט! דריידעלע וואס מאכט?
איך האב אייך מטבעות א סך דא געבראכט —
מטבעות פון גאלד נאר געבראכט האב איך דא,
פון קופער און זילבער — קיין איינע ניטא.

(שיט פון טייסטער מטבעות די קינדער אין די קעשענעס)

עפנט די טאשן די פוסטע, די פרייע!
עס לאכן און פינקלען מטבעלעך נייע.

(די קינדער שטעלן אונטער די קעשענעס, די אלטע שיט אהין מטבעות, מורמלענדיק: „עפנט די טאשן...” א. אז. וו. אפ)

בום: ווייסט וואס, דריידל! איצט וואלט איך וועלן ס׳זאלן קומען וואונדערלעכע מוזיקער און זאלן שפילן א וואונדערלעך ליד!

(פון נעפל דערשיינען וואונדערלעכע מוזיקער אין ווייסע קליידער מיט גאלדענע פידלען אין די הענט)

בום: דריידל, זע! וואונדערלעכע מוזיקער זיינען געקומען... הער!

מוזיקער:

(שפילן און זינגען נומ. 7)

מיר זיינען מוזיקער, די גרעסטע,
פון א וויטן, וויטן לאנד!
זינגען לידער אייך די בעסטע
זיינען מיר געקומען היינט!

די וואָס פּלאָגן זיך און לײַדן
נעמען מיר אַרײַן אין קאָן!
זאָרג און לײַדן וועלן מײַדן, —
גוטע צײַטן קומען אָן!

פרײַד אויף וועלט וועט זיך צעגיסן
מענטשן וועלן ווערן פרײַ.
בוים אין וואַלד און גראָז אויף לאָנקע
אַלץ וועט לעבן אויף דאָס נײַ...

מיר זײַנען מוזיקער, די גרעסטע,
פון אַ ווײַטן, ווײַטן לאַנד!
זינגען לידער אײַך די בעסטע
זײַנען מיר געקומען הײַנט!

בום: וואונדערלעכע מוזיקער, גיט מיר אײַער גאָלדן פידל, וועל איך אײַך שפּילן אַ פרײלעכן טאַנץ!

דרייִדל: בום, שפּיל אונדז דעם פרייִלעכסטן טאַנץ, וואָס ס'איז נאָר דאָ אויף דער וועלט!

(אַ וואונדערלעכער מוזיקער גיט בומען אַ גאָלדענע פידל און בום שפּילט דעם פריילעכסטן טאַנץ. נומ. 8)

דרייִדל (גייט צו צו דער שמאַטע-הענדלערין): באָבינקע, טאַנץ מיט מיר!

שמאַטע-הענדלערין: מיט פאַרגעניגן! איך האָב נאָר גע־וואַרט, דו זאָלסט מיך רופן.

(זיי טאַנצן)

שנײַדער (גייט צו צום שוסטער): הער קיניגלעכער שוסטער, קומט מיט מיר טאַנצן!

שוסטער: מיט פאַרגעניגן! איך האָב נאָר געטרוימט, איר זאָלט מיך אײַנלאַדן!

(זיי טאַנצן)

בעקער (גייט צו צו דער אַלטער חלפנטע): געערטע אַלטע חלפנטע, קומט מיט מיר טאַנצן!

אַלטע: איך קען ניט, הער בעקער! איך דאַרף היטן די קיניגלעכע מטבעות!

וואונדערלעכער מוזיקער (גייט צו צום בעקער): טאַנצט מיט מיר, הער בעקער!

(זיי טאַנצן)

קיניגלעכער גאַס־שומר (גייט פון נעפּל אַרויס צו די טאַנצנ־דיקע): וואָס איז דאָ ביי אייך פאַר אַ טומל? איר ווייסט דען ניט, אַז אין אונדזער קיניגרייך טאָר מען זיך ניט ווילן אַזוי טומלדיק?

דריידל: אַך, הער קיניגלעכער שומר! דאָ איז אַזוי פריי־לעך! איר ווילט אפשר מיט אונדז אַ טאַנץ טאָן?

קיניגלעכער שומר: מיט פאַרגעניגן, איך האָב נאָר געוואַרט, איר זאָלט מיך רופן.

דריידל: יאָ, מיר וואָלטן גערן געטאַנצט מיט אייך, נאָר מיר זיינען איצט אַלע פאַרנומען!

2־טער וואונדערלעכער מוזיקער: קיניגלעכער שומר, טאַנצט מיט מיר!

קיניגלעכער שומר: מיט פאַרגעניגן! איך האָב פון אַזוינס גאָר קיינמאָל ניט געטרוימט! (זיי טאַנצן)

(אַלע טאַנצן, צוערשט אַלץ שנעלער און שנעלער; שפּעטער — שטי־לער און שטילער; די פריילעכע מוזיק פון בום הערט ביסלעכוויז אויף. עס באַווייזט זיך אַ פאַרנעפּלטע פרויען־געשטאַלט אונטער די קלאַנגען פון אַ ווייטער און פייערלעכער מעלאָדיע. נומ. 8)

שטים:

די שיינע, ליבע קינדערלעך,
דריידעלעך און בומען —
איז די גוטע מאַמעשי
אַהיים נעמען געקומען...

(אַ נעפּל פאַרהילט אַלץ, די טרויעריקע מעלאָדיע ווערט שטילער און מיטאַמאָל לאָזט זיך הערן אַ שטאַרקער שאַלן פון די קיניגלעכע העראָלדן. דער נעפּל פאַרשווינדט; עס זעט זיך ווי אויפן שניי זיצן, צוגעדריקט איינס צום צווייטן, בום און דריידל; מיטן וועג גייען ווידער די העראָלדן און פירן אַ הילצערנעם פערדל, אויף וועלכן עס זיצט דער קיניגלעכער משולח)

העראָלדן: אומגליקלעכסטע! אומגליקלעכסטע! אונדז האָט געשיקט נאָך אייך דער גוטער קיניג...

משולח: אַך, איך בעט אייך, טוט מיר אַ רייב די נאָז! דוכט זיך, אַז קיינמאָל איז ניט אַזוי שווער געווען צו געפינען די אומ־גליקלעכסטע, ווי היינטיקס יאָר! אַמאָל, האָט מען נאָר באַ־

דאַרפֿט די נאָז באַווײַזן, האָסטו שוין אָנגעטראָפֿן די אומגליק־לעכסטע, און איצט... ע־ע־ע־ע... טוט אַ קוק, איך בעט אײַך, וואָס פֿאַר אַ אומגליקלעכע האָבן זיך דאָס דאָרט צוגעטוליעט ווי די האָזן אין שניי! דאָס זײַנען, דוכט זיך, גאַס־מוזיקאַנטן!

העראָלדן (גייען צו צו בום און דריידל): הערט צו, אומ־גליקלעכע!

(בום און דריידל שוויגן)

הער קיניגלעכער משולח! זיי זײַנען אַזוי ניט דערצויגן, אַז זיי ווילן גאָר נישט ענטפֿערן!

משולח: וועקט זיי דאָרט אויף, איך בעט אײַך! וואָרים בײַ מיר וועט די נאָז אײַנגאַנצן אָפּפֿרירן!

העראָלדן (שטויסן בום און דריידל): אומגליקלעכסטע! שטייט אויף, איר הערט, בײַ דעם קיניגלעכן משולח וועט באַלד אָפּפֿרירן די נאָז!

(בום און דריידל שוויגן)

הער קיניגלעכער משולח, ס'ווײַזט אויס, אַז אײַער נאָז גייט זיי לחלוטין ניט אָן!

משולח: צי זײַנען זיי ניט פֿאַרפֿראָרן! רײַבט זיי גיכער אָפּ!

העראָלדן (רײַבן בום און דריידל): הער קיניגלעכער משולח! זיי זײַנעןווירקלעך פֿאַרפֿראָרן, נאָר באַלד וועלן זיי אָפּגיין! באַלד וועלן זיי זיך אויפֿכאַפּן.

בום (דערוואַכט, גענעצט): ווער זײַט איר?

העראָלדן: מיר זײַנען דעם גוטן קיניגס העראָלדן!

בום: וואו־זשע איז מײַן גאָלדן פֿידל? און וואו זײַנען די וואונדערלעכע מוזיקער? און פֿאַרוואָס טאַנצט איר ניט?

דריידל (דערוואַכט): וואו איז די אַלטע שמאַטע־הענדלערין? און דער קיניגלעכער שנײַדער? און דער קיניגלעכער בעקער? און דער קיניגלעכער שוסטער?

העראָלדן: זיי זײַנען אַזוי דערפֿראָרן, אַז זיי רעדן עפּעס משונהדיק.

משולח: שלעפּט זיי אַהער! אויב זיי זײַנען שיער ניט פֿאַר־פֿראָרן געוואָרן אויפֿן ברייטן וועג, זײַנען זיי דאָס, מסתמא, די אומגליקלעכסטע!

(די העראָלדן זעצן אַוועק בום און דריידל אויפֿן פֿערד, דער קיניג־לעכער משולח דעקט זיי איין מיט אַ פּעלץ און מען פֿירט זיי אַוועק צום גוטן קיניג)

בום: פאַרוואָס פירט איר אונדז אַוועק, אונדז איז דאָ גע־ווען אַזוי גוט!

דרײַדל: אַזוי וואַרים און פרײַלעך, ווי נאָך קײנמאָל ניט אין לעבן!

משולח: שווײַגט, שטיל, אומגליקלעכסטע! אָך, איך גע־דענק גאָרנישט די צײַט ווען ס'איז אַזוי שווער געווען צו גע־פינען די אומגליקלעכסטע, ווי איצט! אַמאָל האָסטו נאָר באַ־דאַרפט די נאָז באַווײַזן!... אָך, רײַבט מיר, איך בעט אײַך, די נאָז!... (פאָרן אַוועק)

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

צווייטער אַקט

פּערזאָנען:

בום
דרײַדל
גוטער קיניג
פרינצעסין „גאָלדן גלעקעלע”
משולח
קלוגער בעל־יועץ
צערעמאָנימײַסטער
קאַוואַליערן
דאַמען
קוכערס
דאָקטוירים
דינער

(קיניגלעכער פּאַלאַץ. אַ סאַלאָן. דער גוטער קיניג זיצט אויפן טראָן. גלייך מיט אים — די קיניגין, צווישן זיי — די בת־מלכה. פון די זייטן — קי־ניגלעכע בעלי־יועצים. רעכטס און לינקס — קאַוואַליערן און דאַמען. אין סאַלאָן — פיל טירן און דריי קלײנע פענצטערלעך. לעבן יעדער טיר שטייען קיניגלעכע דינער)

משולח (קומט אַרײַן): זײַ באַגריסט, גוטער קיניג! איך האָב דערפֿילט דײַן פֿאַרלאַנג און האָב געפֿונען צוויי, די סאַמע אומגליקלעכסטע אין דײַן קיניגרײַך. אָט זײַנען זיי!

בום און דרײַדל: זײַ באַגריסט, קיניג!

קיניג: זײַט באַגריסט, אומגליקלעכסטע! ווער זײַט איר?

בום און דרײַדל: מיר זײַנען גאַס־מוזיקאַנטן.

בום: מיך רופֿט מען בום!

דרײַדל: און מיך דרײַדל!

(די קאַוואַליערן און דאַמען ברעכן אויס אַ שטילן געלעכטער און הייבן זיך אָן סודען: „בום־בום־בום... דריידל... דריידל...")

קאַוואַליער (פֿון רעכטס): כי־כי־כי!

דאַמע (פֿון לינקס): כאַ־כאַ־כאַ!

(ביידע לאַכן)

בום: פֿון וואָס איז דאָ צו לאַכן, הער כי־כי!

דרײַדל: ניטאָ פֿון וואָס צו לאַכן, פֿרוי כאַ־כאַ!

בת־מלכּה: אַך, ווי איר זײַט מיר בײדע געפֿעלן! זײַט ניט בייז אויף זיי, בום און דרײַדל, דאָס זײַנען די סאַמע נאַרישע קאַוואַליערן און דאַמען! אמת טאַקע, אײַערע נעמען זײַנען אומ־געוויינטלעכע, איך האָב קיינמאָל אַזעלכע נעמען ניט געהערט; מיך, למשל, רופֿט מען „גאָלדן־גלעקעלע," ווײַל בײַ מיר איז אַ קלינגענדיקע שטים! זאָגט, פֿאַרוואָס רופֿט מען אײַך: בום און דרײַדל?

בום: דאָס איז דערפֿאַר, גאָלדן־גלעקעלע, ווײַל בעת איך בין געווען אַ קליינער און האָב נאָך גאָר ניט געקענט שפּילן אויפֿן פֿידל, האָט דאַן אויפֿן פֿידל געשפּילט מײַן פֿאָטער און איך האָב געשפּילט אויף אַ גרויסן פּויק און פֿלעג מאַכן אַזוי: בום! (די פּויק — בום!) דערפֿאַר האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבן בום!

בת־מלכּה: מיר געפֿעלט זייער דײַן נאָמען, בום!

דרײַדל: און מיך רופֿט מען דרײַדל דערפֿאַר, ווײַל בעת איך טאַנץ, דריי איך זיך ווי אַ דרײַדל, אָט אַזוי!

(זי דרייט זיך)

בום: וואַרט, דרײַדל! פֿריער איז מיט אונדז געגאַנגען כי־כי, זי האָט זייער גוט געזונגען און מיר האָבן דאַן זייער פֿיל פֿאַר־דינט, ווײַל אין גאַנצן לאַנד צאָלט מען פֿאַר זינגען מער ווי פֿאַר אַנדערע מוזיק און טענץ! איצט איז זי קראַנק געוואָרן!

בת־מלכּה: וואו וואוינט אײַער כי־כי?

בום: זי וואוינט בײַ דער שמאַטע־הענדלערין!

בת־מלכה: קיניגלעכער דאָקטאָר, וואו זײַט איר?

(דער דאָקטאָר קומט אַריין)

איר הערט, כי־כי וואוינט אין פּאַלאַץ בײַ דער שמאַטע־הענדלערין!

בום: גאָלדן־גלעקעלע, בײַ דער שמאַטע־הענדלערין איז ניטאָ קיין פּאַלאַץ, זי האָט נאָר אַ ווינקעלע, אין וועלכן עס שטייט אַ קאַסטן!

בת־מלכה: קיניגלעכער דאָקטאָר, איר הערט? כי־כי וואוינט בײַ דער אַלטער שמאַטע־הענדלערין, אין אַ ווינקעלע, אין וועלכן עס שטייט אַ קאַסטן! גייט צו איר און היילט זי מיט די בעסטע רפואות!

קיניגלעכער דאָקטאָר: איך הער, פּרינצעסין גאָלדן־גלעקעלע!

(אָפּ)

קיניג: די סאַמע אומגליקלעכסטע רייד עפּעם זייער האַפּער־דיק; אויב מען זאָל זיי געבן פולע פרײַהײַט, וועט מײַן גאַנצער פּאַלאַץ באַלד פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לאַגער פאַר אָרימעלײַט! אומגליקלעכסטע! פונוואַנען זײַט איר געקומען?

בום: מיר האָבן זיך געקליבן גיין אין די ווײַטע שטעט, צו די וואונדערלעכע מוזיקער! דאָס דאַרף זײַן אַזאַ שיינע רײַזע, אַז ס'איז אוממעגלעך מיטן פעדער צו באַשרײַבן און מיטן מויל צו דערציילן.

דריידל: קיינמאָל אין לעבן איז אונדז נאָך אַזוי גוט ניט געווען, גוטער קיניג! ס'איז געווען וואַרים! עס האָט זיך גאָר ניט געוואָלט עסן! און עס איז געווען אַזוי פריילעך! קיינמאָל אין לעבן איז אונדז נאָך אַזוי פריילעך ניט געווען!

בום: וואַרט, דריידל!

דריידל: גוטער קיניג! אונדז איז געווען אַזוי וואַרים, אַזוי וואַרים!

בום: וואַרט אַ ווײַלע, דריידל!

דריידל: און עס האָט זיך גאָרניט געוואָלט עסן!

בום: דו הזרסט איבער אַלץ דאָסזעלביקע! וואַרט, איך וועל דערציילן אַלץ כסדר! צוערשט איז צו אונדז געקומען די אַלטע שמאַטע־הענדלערין און האָט אונדז מכבד געווען מיט אַזאַ גע־שמאַקע קאַשע, וואָס אַפילו איר, גוטער קיניג, האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ ניט געגעסן!

(אַלע זיינען שטאַרק פאַרוואונדערט)

קאַוואַליער: כי־כי־כי! זיי מיינען, אַז דער קיניג עסט פּראָס־טע קאַשע!

בום: נאָכדעם האָט אונדז דער קיניגלעכער שנײַדער גע־בראַכט זײַער שײנע און װאַרימע שעפּסן־פּעלצלעך. אַזעלכע איז אַפילו בײַ אײַך צוקאָפּנס ניטאָ, גוטער קיניג!

(אַלע — זײער פאַרװאונדערט)

דאַמע: כאַ־כאַ־כאַ! זײ מײנען, אַז דער קיניג שלאָפט אויף שעפּסן־פּעלץ!

בת־מלכה: הערט זיך ניט צו צו אירע רײד, בום, דאָס איז די נאַרישסטע דאַמע! זײ האָבן פאַרגעסן, אַז דעם פאַריקן מאָל, אויף יאַגד, האָט דער קיניג געגעסן אַ פּראָסטע קאַשע און גע־שלאָפן אויף אַ שעפּסן־פּעלץ!

בום: דערנאָך האָט אונדז דער שוסטער געבראַכט סאַמע־טענע שיכעלעך!

(אַלע — זײער פאַרװאונדערט)

דרײדל: און דער בעקער האָט אונדז געבראַכט אַ זיסן טאָרט,
פון סאַמע ערשטן סאָרט!
אונטן — צוקער, אויבן — פרוכט,
מיר האָבן בײדע אים פאַרזוכט!

(אַלע — זײער פאַרװאונדערט)

בום: דערנאָך האָט די אַלטע חלפנטע אונדז אָנגעשאָטן פולע קעשענעס מיט גאָלדענע מטבע'לעך!

(אַלע זײנען שרעקלעך פאַרװאונדערט)

דרײדל: און די װאונדערלעכע מוזיקער...

בום: װאַרט, דרײדל! דערנאָך זײַנען געקומען װאונדער־לעכע מוזיקער און האָבן מיר געגעבן זײער גאָלדן פידל!

(אַלע — שרעקלעך פאַרװאונדערט)

דרײדל: צוערשט האָבן זײ אויסגעזונגען אַ װאונדערלעך ליד.

בום: און איך האָב געשפּילט אויף דער גאָלדענער פידל! דערנאָך האָבן מיר דערהערט, אַז אונדזער מוטער גײט נאָך אונדז! מיר האָבן שוין געהערט איר שטים! אין דעם האָט גראָד גע־בראַכט צוטראָגן דײַן משולח, און ער האָט אונדז אַװעקגעשלעפּט אַהער, כאָטש, דעם אמת רײדנדיק, האָבן מיר זיך זײער גע־עקשנט.

(אַלע איבערראַשט)

קיניג: קיניגלעכער משולח! דו האָסט מיך אָפּגענאַרט! איך האָב דיר באַפוילן ברענגען צװײ סאַמע אומגליקלעכסטע פון מײַן קיניגרײַך, כדי צו מאַכן זײ גליקלעך, און דו האָסט מיר געבראַכט צװײ סאַמע גליקלעכסטע!

משולח: גוטער קיניג! די גאַסן-בעטלער זײַנען פּשוטע ליג־נער און פאַרפירער. איך האָב זײַ געפונען דערפראָרענע, ווי שטיקלעך אײַז, איך האָב זײַ אַלײן מיט מײַנע הענט אָפּגעריבן מיטן ספּירט, וועלכן איך טראָג שטענדיק מיט זיך, ווײַל בײַ מיר פרירט די נאָז! דאָרט איז ניט געווען קײן טאָפּ מיט קאַשע, קײן שנײַדער... גוטער קיניג! ווי אַזוי וועט עס גײן דער קיניגלעכער שנײַדער אין וואַלד אַרײַן, אַז ער איז גאָר באַ־שעפטיקט מיט נײען אַ פאַרביקע וועסט פאַרן גוטן קיניג? דאָרטן זײַנען קײן שוסטער ניט געווען און קײן בעקער ניט. און וואָס פאַר אַ גאָלדענע מטבעות האָבן געקענט זײַן בײַ די אומגליקלעכע? גוטער קיניג! באַטראַכט נאָר אַלײן, וועלכע וואונדערלעכע מוזי־קער האָבן דאָרט געקאָנט זײַן, אַז אַלע בעסטע און וואונדער־לעכסטע מוזיקער זײַנען צוזאַמענגעקליבן דאָ, אין דעם צימער, צו שפּילן אויפן באַל בײַם גוטן קיניג! אויב איר ווילט זיך דער־קונדיקן, אַז זײַ זײַנען אַלע דאָ, איז גענוג נאָר עפענען אָט דאָס פענצטערל, וועט איר הערן. אָט הערט זיך צו, גוטער קיניג.

(ער גייט צו און עפנט אַ פענצטערל: פון דאָרטן הערט זיך אַ ווילדער ווימער פון אינסטרומענטן)

קיניג: פאַרמאַכט! איך הער, איך ווײס, אַז דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט די וואונדערלעכסטע מוזיקער, נאָר אפשר איז דאָרט פאָרט געווען דער הויף-שנײַדער און אַ וועלכער עס איז שוסטער, אָדער בעקער! וועלן מיר זיך דערוויסן, ווער איז גערעכט און ווער איז אומגערעכט!

קלוגער בעל־יועץ: דערלויבט מיר, גוטער קיניג, דערלײדיקן די זאַך.

קיניג: מײַן קלוגער בעל-יועץ, איך וועל זײַן זײער צופרידן, ווײַל איך פאַרשטײ דאָ לחלוטין גאָרנישט.

קלוגער בעל־יועץ: אומגליקלעכסטע! זײַט אַזוי גוט, זאָגט!

בום: מיך רופט מען בום!

דרײדל: און מיך — דרײדל!

קלוגער בעל־יועץ: זאָגט, זײַט אַזוי גוט, אומגליקלעכע בום און דרײדל...

בום: מיר זײַנען גאָרניט קײן אומגליקלעכע. דאָס מײנט אַזוי וועגן אונדז דער קיניגלעכער משולח!

דרײדל: דאָס איז ער אַלײן דער סאַמע אומגליקלעכסטער, ווײַל אויף קעלט פרירט בײַ אים שרעקלעך די נאָז! זײַן נאָז ווערט דאַן ענלעך אויף אַ פלוים!

משולח: איך בעט אײַך, גוטער קיניג, באַפֿעלן די אומגליק־לעכע, זײַ זאָלן ניט באַרירן מײַן נאָז!

בת־מלכּה: בום און דרײַדל, זײַט אַזוי גוט, רירט נישט אָן דעם משולחס גרויסע נאָז, ווײַל זי איז אַן אָפּגעפֿראָרענע און ווי מע וועט זי נאָר אָנרירן, קען זי זיך אָפּברעכן.

קלוגער בעל־יועץ: בום און דרײַדל! אויב איר האָט הײַנט אויפֿגעגעסן אַ גאַנצן טאָפּ קאַשע, ווילט איר דאָך מסתּמא ניט עסן?

בום: אָט דאָס איז דאָך, וואָס עס ווילט זיך שרעקלעך עסן!

דרײַדל: אַ שרעק, ווי עס ווילט זיך עסן, גוטער קיניג!

קיניג: איך פֿאַרשטײ לחלוטין גאָרנישט.

קלוגער בעל־יועץ: און אויב מען האָט אײַך אָנגעטאָן שעפּסן־פּעלצלעך און סאַמעטענע שיכלעך, דאַרף עס דאָך, הײסט עס, זײַן אויף אײַך?

בום (קוקט אויף זײַנע שיך): נײן, דאָס איז לחלוטין נישט ענלעך אויף סאַמעטענע שיך!

דרײַדל (קוקט אָן איר צעריסענע קלײדעלע): דאָס איז אויך זײער ווײניק ענלעך אויף אַ וואַרימען פּעלץ!

קיניג: איך פֿאַרשטײ גאָרנישט.

בום (קוקט אָן קרום דעם משולח): איך מײן, אַז דאָס איז זײַנע קונצן!

קיניג: מײַן משולח! דאָס איז שרעקלעך!

בת־מלכּה: אָפּנים, אַז די שעפּסן־פּעלצלעך האָט ער באַ־דאַרפֿט, אויף דערוואַרימען זײַן נאָז!

משולח: גוטער קיניג! די גאַסן־בעטלער זײַנען אײנפֿאַכע ליגנער און באַטריגער! איך וועל מיר דען דערלויבן וואַרימען די נאָז מיט אַ שעפּסן־פּעלץ?... פֿון דעם שמעקט דאָך שרעקלעך!

קיניג: איך פֿאַרשטײ גאָרנישט!

קלוגער בעל־יועץ: זאָגט, זײַט אַזוי גוט, בום און דרײַדל, אויב די אַלטע חלפֿנטע האָט אײַך געגעבן גאָלדענע מטבעות, דאַרפֿן זײ דאָך זײַן בײַ אײַך אין די קעשענעס!

דרײַדל (שטופּט די הענט אין די צעריסענע קעשענעס): פּאַ־ראַן! (שלעפּט אַרויס) אַ מעשענער קנעפּל!

בום (קוקט אָן קרום דעם קיניגלעכן משולח): איך מײן, אַז דאָס איז...

קיניג: מײַן משולח — דאָס איז שרעקלעך!

משולח: גוטער קיניג! טוט אַ קוק, איך בעט אײַך, ווי אַזוי האָט בײַ זײַ געקענט זײַן אין די קעשענעס גאָלדענע מטבעות, אַז, איך בעט איבער אײַער כבוד, אויף אים איז אַפילו קײַן הײַזן כמעט ניטאָ!...

בום: הײַזן איז בײַ מיר טאַקע געבליבן ווײַניק, אָבער די מטבעות זײַנען געלעגן אין די פּעלצלעך!

קיניג: איך פאַרשטײ גאָרנישט!

משולח: פרעג אים, גוטער קיניג, וואו איז זײַן גאָלדן פידל? איז דען דאָס שלעכטע פידעלע, וועלכע איז צעפּלאַצט פון פראָסט, ענלעך אויף אַ גאָלדנס?

קלוגער בעל־יועץ: גוטער קיניג! איך פאַרשטײ שוין, וואָס דאָ איז!

קיניג: אַך, איך בין צופרידן, קלוגער בעל־יועץ!

קלוגער בעל־יועץ: אַלץ וואָס זײ האָבן דאָ דערצײלט איז עס... איז עס...

אַלע (מיטאַמאָל): נו, נו, נו!?

קלוגער בעל־יועץ: דאָס אַלץ... איז אַ חלום!...

(נאָך די ווערטער הייבט דער קלוגער בעל־יועץ אָן צו דרעמלען)

אַלע (אין התפּעלות, מיטאַמאָל): אַך, אַך! וואָס פאַר אַ חכמה! וואָס פאַר אַ חכמה! אָט איז אַ שכל, אי אַ שכל!...

קיניג: מײַן קליגסטער בעל־יועץ! אַלס מתנה פאַר אײַער קלוגן אײַנפאַל באַשטעל איך בײַ מיר אין פּאַלאַץ אַ באַל, אויף וועלכן איר וועט באַקומען אַ אָרדן מיט אַן אויפשריפט: „גרוי־סער חכם.״ בום און דרײדל! איר הערט! אַלץ, וואָס איר האָט דאָ דערצײלט — איז געווען אַ חלום! דאָס אַלץ איז ניט קײַן אמת!

בום: נײַן, גוטער קיניג! אפשר איז עס טאַקע געווען אַ חלום, נאָר דאָס איז אַלץ געווען אַ רײנער אמת! איך האָב גע־געסן קאַשע — זי איז געווען גאָר אַ וואַרימע און אַ געשמאַקע; מיר איז געווען זײער וואַרים אין פּעלצל און אין די שיכלעך...

דרײדל: דער טאָרט איז געווען ווירקלעך פון ערשטן סאָרט!

קיניג: גענוג! בום און דרײדל! איר קענט זיך טראַכטן און רײדן, וואָס איר ווילט, נאָר אויב מײַן קלוגער בעל־יועץ האָט באַשטימט, אַז דאָס איז אַ חלום, — הײַסט עס, אַז אַזוי איז עס; איר זײַט די סאַמע אומגליקלעכסטע און איך וועל אײַך מאַכן פאַר די סאַמע גליקלעכסטע!

בום: גוטער קיניג! און לאַנג וועסטו אונדז מאַכן פאַר די סאַמע גליקלעכסטע?

קיניג: אַ גאַנצן יאָר!

בום: דאָס איז זייער לאַנג, גוטער קיניג! וואָס־זשע וועסטו מיט אונדז טאָן?

קיניג: איר האָט שוין דאָס געהערט פון מײַנע העראָלדן! אַגבֿ, איז עס, אײגנטלעך, ניט אײַער זאַך — דאָס וועלן מיר תיכף באַשליסן!

בום: גוטער קיניג! איידער דו וועסט אונדז אַהײבן מאַכן פאַר גליקלעכע, אפשר קענסטו אונדז עפּעס געבן עסן? עס ווילט זיך זייער עסן!

דרײַדל: און צי קען מען זיך דאָ ניט אָנוואַרימען אַ ביסל אויף אַן אויוון? בײַ מיר זײַנען שרעקלעך צעפראָרן די פיס! און די הענט! (זי באַהאַלט די הענט אין בוזים) בום!

בום: וואָס איז, דרײַדל?

דרײַדל (שלעפט אַרויס דאָס פייגעלע): דאָס פייגעלע איז גאָר אַ וואַרימס! דוכט זיך עס אָטעמט!

גאָלדן גלעקל (לויפט צו): דרײַדל, באַווײַז מיר דײַן פייגעלע!

(דריידל באַווייזט, זיי אָטעמען ביידע אויפן פייגעלע)

בום: גוטער קיניג! דו ווילסט אונדז מאַכן פאַר די גליקלעכסטע! מאַך אַזוי, אַז דאָס פייגעלע זאָל ווידער אָנהײבן זינגען!

קיניג: ניין, בום! אַזוינס קענען ניט מאַכן אַפילו אַלע גוטע קיניגן און אַלע קלוגע בעלי־יועצים פון דער גאַנצער וועלט!

גאָלדן גלעקל: דרײַדל, הער, דאָס פייגעלע אָטעמט, דוכט זיך! גיב עס מיר! איך וועל אויף איר אָטעמען אַ גאַנצן טאָג! איך וועל ניט וועלן ניט טרינקען און ניט עסן!

דרײַדל (גיט אָפּ דער פּרינצעסין דאָס פייגעלע): גאָלדן גלעקעלע, אָטעם אויף איר אָן אויפהער!

קיניג: מײַנע דינער! גייט, גיט זיי עסן און טרינקען, וואַרימט זיי אָן און טוט זיי אָן די שענסטע קליידער פון די קיניגלעכע גאַרדעראָבן!

(די דינער פירן אַוועק בום און דריידל)

דרײַדל (קערט זיך אום): ליבע פּרינצעסין, גאָלדן־גלעקעלע! אָטעם אויף איר אָן אויפהער! ביז נאַכט! איך וועל זיך באַלד אומקערן, איך וועל נאָר עפּעס אַ ביס טאָן!

(בום און דריידל גייען אַוועק. די בת־מלכּה גייט אַוועק, אַטעמענדיק אויפן פּייגעלע)

קיניג: קלוגער בעל־יועץ! מיר מוזן מאַכן בומען און דריידלען פאַר די גליקלעכסטע אין אונדזער קיניגרייך. וואָס וועט איר וועגן דעם זאָגן?

קלוגער בעל־יועץ: ר־ר־ר...

(שנאָרכט)

קיניג: וואָס?

קלוגער בעל־יועץ: כ־כ־ר־ר...

(שנאָרכט)

קיניג: קלוגער בעל־יועץ, איר האָט באַשלאָסן אַ ביסל אַ שלאָף טאָן?

קלוגער בעל־יועץ: כ־כ־כ־ר־ר־ר־ר...

(שנאָרכט)

קיניג: מיינע הערן, איך מיין, אַז דאָס מאָל וועלן מיר זיך באַגיין אָן דעם קלוגן בעל־יועץ, — ער האָט אַזויפיל געטראַכט, אַז עס איז ניט קיין חידוש, וואָס ער האָט זיך אַזוי פאַרמאַטערט. איך לייג פאַר תיכּף צו עפענען דעם באַל.

צערעמאָניאַמייסטער: גוטער קיניג! איידער מיר עפענען דעם באַל, דאַרפן מיר זיך דערוויסן: ערשטנס — צי האָבן די דאָקטוירים צוגעגרייט הייל־בערע וואַסערן? צווייטנס — צי האָבן די בעקערס צוגעגרייט גענוג זיסע געבעקסן? דריטנס — צי האָבן די מוזיקער צוגעגרייט די נייסטע מוזיק פאַר די טענץ?

קיניג: אַ דאַנק אייך, צערעמאָניאַמייסטער! מיט דער צייט וועט איר ווערט זיין צו פאַרנעמען דעם אַמט פון קלוגן בעל־יועץ!

צערעמאָניאַמייסטער:

(גייט צו צו די דריי פענצטערלעך און עפנט אויף דאָס ערשטע)

צי זיינען גרייט אַלע קוכערס?

(פון דאָרטן הערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּן מיט מעסערס. אין פענצטערל באַווייזט זיך אַ קוכער אין אַ ווייסער מיץ)

קוכער: אַלץ איז פאַרטיק, גוטער קיניג!

(דער צערעמאָניאַמייסטער פאַרמאַכט איין פענצטערל און עפנט אויף אַ צווייטע)

צערעמאָניאַמייסטער: צי זיינען גרייט אַלע דאָקטוירים?

(פון פענצטערל הערט זיך אַ קלאַפּן פון גלעזלעך און עס באַווייזט זיך אַ דאָקטאָר מיט אַ פלעשעלע און אַ רעצעפּט אין האַנט)

דאָקטאָר: אַלץ איז גרייט, גוטער קיניג!

צערעמאָנימײַסטער:
(עפנט דאָס דריטע פענצטערל, פון דאָרטן לאָזט זיך הערן אַ װיל־דער װימער פון אינסטרומענטן און עס באַװיַזט זיך אַ מוזיקער מיט אַ פידל אין האַנט)
צי זײַנען גרײַט אַלע מוזיקער?
מוזיקער: אַלץ איז גרײַט, גוטער קיניג!
צערעמאָנימײַסטער: קאַװאַליערן און דאַמען! צי זײַנען בײַ אײַך פאַרטיק די נײַסטע טענץ?
קאַװאַליערן און דאַמען (אַלע אין אײן קול): אָ, יאָ! אָ, יאָ!
צערעמאָנימײַסטער: עפנט אויף אַלע טירן און לאָזט אַרײַן אַהער די קוכערס מיט די בעסטע מאכלים און זיסטע װײַנען! די דאָקטוירים — מיט די הײַלבאַרסטע װאַסערן און די מוזיקער מיט די נײַסטע מוזיק!
(עס עפענען זיך די טירן און עס קומען אַרײַן די קוכער. זיי דעקן די טישן און שטעלן אויס מאכלים און װײַנען. עס קומען אַרײַן די דאָקטוירים און שטעלן זיך אויס אין אַ ריי, הינטער די דאַמען און קאַװאַליערן, מיט פלעשער אין די הענט. עס קומען אַרײַן די מוזיקער, װעלכע פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויף אַ באַזונדער עסטראַדע)
צערעמאָנימײַסטער: גוטער קיניג! עפנט דעם באַל!
קיניג: לאַדט אײַן אַהער די אומגליקלעכסטע בום און דרײַדל!
(משולח גייט אַװעק און ברענגט בום און דריידל. זיי זיינען אָנגעטאָן אין זייער שיינע קליידער)
בום: גוטער קיניג, מיר האָבן זײַער גוט אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען.
דרײַדל: און איך האָב זיך גוט אָנגעװאַרימט, גוטער קיניג!
בום: די קלײַדער זײַנען פיל שענער פאַר אונדזערע, כאָטש זײַ זײַנען אַ ביסל צו שװער!
דרײַדל: מיר געפעלן זײַ אויך בעסער װי אונדזערע אַלטע קלײַדער, כאָטש אַפילו יענע זײַנען געװען באַקװעמער!
קיניג: איך עפן דעם באַל!
(די מוזיקער הייבן אָן שפּילן אַ מענועט. די קאַװאַליערן און דאַמען טאַנצן אַ מענועט. אייניקע פון זיי עסן און טרינקען. די דאָקטוירים גייען צו צו זיי פון צייט צו צייט און לייגן זיי פאַר היילבאַרע װאַסערן. בום און דריידל שטייען אויפן עסטראַדע לעבן די מוזיקער, קוקן זיי אָן און לאַכן זיך פאַנאַנדער)
בום: דרײַדל! זײַ שפּילן אַזוי, װי זײַ װאָלטן דרײַ טעג ניט געגעסן! כאַ־כאַ־כאַ!...

דריידל: בום! זיי טאַנצן, ווי פאַרשלאָפֿענע פֿליגן! כאַ-כאַ-כאַ!...

בום: גוטער קיניג! אָט דאָס איז די פריילעכסטע מוזיק, וואָס דיינע מוזיקער קענען? כאַ-כאַ-כאַ!...

דריידל: גוטער קיניג! און דאָס זיינען די פריילעכסטע טענץ, וואָס דיינע קאַוואַליערן און דאַמען קענען טאַנצן? כאַ-כאַ-כאַ!...

גאָלדן גלעקעלע (לויפט אַריין מיט אַ שטייגל אין האַנט): בום, דריידל! איער פייגעלע האָט אָפּגעלעבט! טוט אַ קוק! איך האָב געאָטעמט אָן אויפהער, גאָר אָן אויפהער! און עס לעבט! לעבט! לעבט!

דריידל: פייגעלע, דו לעבסט?

גאָלדן גלעקעלע: עס לעבט! לעבט! לעבט!

בום: לעבט! לעבט! לעבט!

(זיי טשיריקען אַלע ווי פייגעלעך און טאַנצן אַרום שטייגעלע)

בום: קיניג און קיניגין! קאַוואַליערן און דאַמען! איצט, צוליב אַזאַ שמחה, וועל איך אייך שפּילן אַן אמתן טאַנץ און דריידל וועט טאַנצן.

גאָלדן גלעקעלע: און די פרינצעסין גאָלדן גלעקעלע וועט אייך זינגען אַ פריילעך לידעלע!

(בום שפּילט, דריידל טאַנצט, פרינצעסין זינגט)

גאָלדן גלעקעלע (זינגט):

מוזיק נומ. 9.

טאַפּי—טאַפּי—טאַפּי—טאַפּי
טאַפּ—טאַפּ—טאַפּ!
לינקס אַ פיסל, רעכטס אַ פיסל, —
קלאַפּ—קלאַפּ—קלאַפּ!

ס'טאַנצן דאַמען, קאַוואַליערן,
שפרינגען אונטער הויך!
אַלעמען זאָל פריילעך ווערן, —
טאַנצן אַלטע אויך!

(די מוזיקער שפּילן בומס פריילעכן טאַנץ. די בת־מלכה טאַנצט מיט דריידלען. די קאַוואַליערן און דאַמען הייבן אָן טאַנצן אַלץ לעבע־

דיקער, נאָך זיי הייבן אָן טאַנצן די קוכערס, דאָקטוירים, די בעלי־יועצים און צום סוף הייבן אָן טאַנצן לעבעדיק דער קיניג מיט דער קיניגין. די מוזיק און דער טאַנץ ווערט אַלץ לעבעדיקער און לעבעדיקער. אַלע זינגען צוזאַמען מיט גאָלדן גלעקעלע)

אַלע זינגען:

טאַפּי—טאַפּי—טאַפּי—טאַפּי
טאַפּ—טאַפּ—טאַפּ!
לינקס אַ פּיסל, רעכטס אַ פּיסל, —
קלאַפּ—קלאַפּ—קלאַפּ!...

לינקס אַ פּיסל, רעכטס אַ פּיסל, —
טאַפּ—טאַפּ—טאַפּ!
ס'טאַנצט דער קיניג אויך אַ ביסל
האָפּ, האָפּ, האָפּ!...

קלוגער בעל־יועץ:
(כאַפּט זיך אויף, גלייכט זיך אויס, ווערט לעבעדיק, הייבט אָן אונטערזינגען „טאַפּי—טאַפּי" און טאַנצט אונטער)
גוטער קיניג! איר קענט זיך ניט פאָרשטעלן, ווי שווער מיר איז זיך איינצוהאַלטן און ניט דרייען זיך אין דעם פריילעכן טאַנץ! די פיס הייבן זיך גאָר אַליין!

קיניג (טאַנצט): קלוגער בעל־יועץ! זייט ערנסט! איך בעט אייך זייער!

קיניגין: איך אויך!

קלוגער בעל־יועץ: גוטער קיניג! איך מאַטער זיך צו טאָן אַזוי, נאָר, איר וואָלט וויסן ווי שווער דאָס איז! דערלויבט מיר כאָטש לייכט צו אונטערטאַנצן!

קיניג: קלוגער בעל־יועץ! איך דערלויב אייך לייכט צו אונטערטאַנצן.

קלוגער בעל־יועץ: איך דאַנק אייך, גוטער קיניג! (טאַנצט)
אַלע:

טאַפּי—טאַפּי—טאַפּי—טאַפּי
טאַפּ—טאַפּ—טאַפּ!
לינקס אַ פּיסל, רעכטס אַ פּיסל, —
קלאַפּ—קלאַפּ—קלאַפּ!...

לינקס אַ פּיסל, רעכטס אַ פּיסל, —
טאַפּ—טאַפּ—טאַפּ!
ס'טאַנצט דער קיניג אויך אַ ביסל
האָפּ, האָפּ, האָפּ!...

(אַלע טאַנצן אויף וואָס די וועלט שטייט)

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

דריטער אַקט

פּערזאָנען:

(דיזעלבע וואָס אין צווייטן אַקט)

(דער זעלבער זאַל. דער קיניג, די קיניגין און די בת־מלכה. אַרום זיי — דער קלוגער בעל־יועץ, דער צערעמאָניע־מייסטער און דער קיניגלעכער משולח. פון די זייטן קאַוואַליערן און דאַמען. אַרום די טירן — קיניג־לעכע דינער)

קיניג: הײַנט איז געוואָרן דרײַ חדשים, זינט די סאַמע אומ־גליקלעכסטע וואוינען אין מײַן פּאַלאַץ, און פאַר דער גאַנצער צײַט האָב איך פון זיי ניט געהערט, אַז זיי זײַנען גליקלעך. קיניגלעכער משולח! ברענגט זיי אַהער און פרעגט, צי זײַנען זיי געוואָרן גליקלעך?

(קיניגלעכער משולח פאַרנייגט זיך, גייט אַוועק און ברענגט בום און דריידל)

בום און דריידל: זײַ באַגריסט, גוטער קיניג!

קיניג: זײַט באַגריסט, גליקלעכסטע!

בום: גוטער קיניג! מיר זײַנען גאָר ניט די גליקלעכסטע! כל זמן ס'איז געווען ווינטער און אומגעזין איבער די שטעט און דערפער איז זייער קאַלט געווען, האָבן מיר נאָך ווי עס איז גע־קענט אײַנזיצן בײַ דיר אין פּאַלאַץ, כאָטש אָפטמאָל פלעגט זיך

זייער וועלן דורכגיין אַ ביסל איבער די ווינטער־וועגן. נאָר איצט, ווען דער שניי איז צעגאַנגען, און אויף די ביימער גיסן זיך אָן קנאָספּן; אַז אין וועלדל האָבן זיך באַוויזן אַזוי פיל פרילינג־בלומען און עס בליט שוין די דופּטיקע ווערבע, — איצט וועלן מיר שוין ניט לאַנג בלייבן זיצן אין דיין פּאַלאַץ.

קיניגין: ס׳אַר אַ העזה! ס׳אַר אַ העזה! אַך! אַך! אַך!

דריידל: אין פרילינג איז פיל חתונות אין די דערפער, גוטער קיניג, און מוזיקער נעמט מען אויף מיט גרויס פרייד! מיידעלעך פרעגן זייער פיל ביי דער פייגעלע וועגן זייער גורל!

בום: בלייבן נעכטיקן אין וואַלד, גוטער קיניג, איז אַזוי וואויל און הערן ווי באַגינען זינגען פייגעלעך איז אַזוי פריילעך! לאָז אונדז אָפּ, גוטער קיניג!

קיניגין: ס׳אַר אַ העזה! ס׳אַר אַ העזה! אַך! אַך! אַך!

בום: גוטער קיניג! אויב דו וועסט אונדז ניט אָפּלאָזן, וועלן מיר אַליין אַוועקגיין, און אונדז וואָלט זיך ניט וועלן אַוועקגיין פון דאַנען, ניט באַדאַנקענדיק דיר פאַר דיין גאַסטפריינד־שאַפט!

קיניג (מיט גרויס פאַרדראָס): אומגליקלעכסטע! צי דען זייט איר אין מיין קיניגלעכן פּאַלאַץ ניט געוואָרן די גליקלעכסטע? פאַרוואָס? צי דען זיינען מיינע טאָרטן ניט פעט און מיינע וויינען ניט זיס? צי דען זיינען מיינע קליידער מיט גאָלד און זילבער ניט באַצירט און באַפּוצט, און מיינע בעטגעוואַנט ניט ווייך? צי דען קלינגט ניט מיין מוזיק, און מיינע טענץ זיינען ניט די נייסטע? איז דען ניט ליכטיק אין מיין פּאַלאַץ און די פייערן אין אים ניט העל? זיינען מיינע גערטנער דען ניט פּרעכטיק און די פאָנטאַנען ניט רייצנד־שיין?

בום: דיינע טאָרטן, גוטער קיניג, זיינען צופיל פעט!

דריידל: און דיינע וויינען, גוטער קיניג, — צופיל זיס!

בום: דיינע בעטגעוואַנט — צו ווייך!

דריידל: דיינע קליידער זיינען צו שווער!

בום: און דיין פּאַלאַץ איז ניט אַזוי ליכטיק, ווי די זון!

דריידל: דיינע פייערן — ניט אַזוי העל, ווי די שטערן!

בום: דיינע טענץ זיינען זייער אומעטיקע!

דריידל: און די מוזיק אויך!

בום: און דיינע פּרעכטיקע גערטנער זיינען אַרומגעצאַמט מיט שטיינערנע ווענט! און קיינער רעדט ביי דיר ניט וואָס

ער וויל! און קיינער טוט ניט, וואָס ער וויל! און קיינער האָט ניט קיין איינגענע פאַרלאַנגען!

דריידל: און קיינער זינגט ניט קיין פריילעכע לידער, און קיינער טאַנצט ניט קיין פריילעכע טענץ! און קיינער זעט ניט קיין זיסע חלומות!

בום: און מיר ווילן ריידן, וואָס מיר ווילן! און טאָן, וואָס מיר ווילן! און לעבן, ווי מיר ווילן!

דריידל: און זינגען פריילעכע לידער! און שפּילן די פריי־לעכסטע טענץ! און זעען די זיסטע חלומות!

קיניגין: ס'אַ רעזה העזה! ס'אַ רעזה העזה! אַך, אַך, אַך!...

בום און דריידל: לאָז אונדז אָפּ, גוטער קיניג!

קיניג: קלוגער בעל־יועץ, וואָס זאָלן מיר איצט טאָן מיט זיי?

קלוגער בעל־יועץ: גוטער קיניג! מען מוז זיי תיכּף אָפּ־לאָזן. זיי זיינען פּשוטע נאַראָנים, זיי פאַרשטייען ניט זייער איינגענע טובה!

גאָלדן גלעקעלע: קלוגער בעל־יועץ! אויב איר מיינט, אַז בום און דריידל זיינען פּשוטע נאַראָנים, דאַן בין איך אויך אַ נאַר! איר זייט אַ גרויסער העזהניק, קלוגער בעל־יועץ!

קלוגער בעל־יועץ: פּרינצעסין גאָלדן גלעקעלע, צי קען איך גאָר האָבן אַ העזה אַזוינס צו טראַכטן!

גאָלדן גלעקעלע: איך מיין אויך, אַז זיצן דאָ מיט אייך, הערן אייערע אומעטיקע מוזיק, טאַנצן אייערע פאַרשלאָפענע טענץ און הערן אייערע לאַנגווייליקע חכמות — איז זייער אומעטיק! פיל פריילעכער איז אַרומצוגיין איבער די גרויסע וועגן, שטעט און דערפער, און זינגען און שפּילן אויף דאָרפישע חתונות!

קיניגין: די בת־מלכה זאָל אומגיין איבער די גרויסע וועגן! אַך, אַך, אַך! איבער שטעט און דערפער! אַך, אַך, אַך! נעבּ־טיקן אין וואַלד! אַך, אַך, אַך! זינגען און שפּילן אויף דאָרפישע חתונות! אַך! אַך! אַך! ס'אַ שרעק! אַך! אַך! אַך!

קלוגער בעל־יועץ: גוטער קיניג! איך געפין, אַז מען מוז זיי תיכּף אָפּלאָזן! זייערע ווערטער ווירקן שטאַרק, און די פּרינ־צעסין גאָלדן גלעקעלע געדענקט אַלץ, וואָרט אין וואָרט! די גאַסן־בעטלער האָבן זי גאָר פאַרכישופט! הייסט, מען זאָל זיי אַוועקפירן וואָס גיכער!

גאָלדן גלעקעלע: דער קלוגער בעל־יועץ האָט מורא, בום זאָל ווידער ניט אָנהייבן שפּילן זיין פריילעכן טאַנץ און אים וועט ווידער אויסקומען צו אונטערטאַנצן!

קלוגער בעל־יועץ: גוטער קיניג! הייסט מען זאָל זיי אַוועקפירן וואָס גיכער!

קיניג: קיניגלעכער משולח! פירט זיי אַוועק וואָס גיכער!

בום: זייט געזונט, גוטער קיניג! אַ דאַנק! אויף ווידערזעען, פרינצעסין גאָלדן גלעקעלע!

דריידל: אויף ווידערזעען, גוטער קיניג! קום מיט אונדז, גאָלדן גלעקעלע, איצט וועלן מיר אָנהייבן אַ קיניגלעך לעבן!

בום: וואָס פאַר אַ טאַנץ וועלן מיר איצט אויסשפּילן פאַרן אַוועקגאַנג!

קלוגער בעל־יועץ: קיניגלעכער משולח! פירט זיי אַוועק וואָס גיכער!

(דער קיניגלעכער משולח פירט אַוועק בום און דריידל. פון הויף הערט זיך מוזיק: בום שפּילט אַ פריילעכן טאַנץ, הייבט אָן מיט נומ. 3 און ענדיקט מיט נומ. 9. די מוזיק ווערט אַלץ שטאַרקער. ג. גלעקעלע לויפט צו צום פענצטער)

גאָלדן גלעקעלע: אויף ווידערזעען, בום! אויף ווידערזעען, דריידל! מיר ווער זיין אומעטיק אָן אייך! איך ווייס ניט, וואָס וועל איך דאָ טאָן? ליבער בום! ליבע דריידל! קומט צו אונדז וואָס גיכער צו גאַסט!

(די מוזיק ווערט אַלץ שטאַרקער, צום פענצטער גייט צו דער קיניג מיט דער קיניגין, נאָך זיי לויפן צו די דאַמען און קאַוואַליערן, נאָכדעם — די יועצים און צום סוף — דער קלוגער יועץ)

זיי גייען אַוועק! זיי גייען אַוועק! זעט, זעט, — נאָך זיי גייען נאָך די קיניגלעכע מוזיקער! זעט, זעט, — קליינע קינדער לויפן זיי נאָך! די הויז־מיידלעך און די קליינע קוכערלעך לויפן זיי נאָך! זיי גייען אַוועק! זיי גייען אַוועק!... זיי זיינען שוין אַוועקגעגאַנגען! מען הערט זיי שוין ניט! בום, דריידל! קערט זיך אום! קערט זיך אום! מיר איז אַזוי אומעטיק! אַך, ס'איז אַזוי לאַנגווייליק!

(אַלע גייען אָפּ פון פענצטער צוריק אויף זייערע ערטער. ג. גלעקעלע בלייבט ביים פענצטער)

קיניג: מיר איז עפּעס מיטאַמאָל אומעטיק געוואָרן!

(ער גענעצט)

קיניגין: מיר אויך!

(גענעצט)

דאַמען: גוטער קיניג! אונדז איז זייער אומעטיק!

(גענעצן)

קוכער:

(קומט אַריין מיט מעסער, גאָפּל און טעלער אין די הענט)

גוטער קיניג! מיר זיינען געקומען זאָגן אייך, אַז אונדז איז מיטאַמאָל אַזוי אומעטיק געוואָרן, אַז אַלץ פאַלט פון די הענט!

(זיי גענעצן און עס פאַלט ביי זיי אַרויס אַלץ פון די הענט)

דאָקטוירים:

(קומען אַן מיט פלעשלעך און רעצעפּטן אין די הענט)

גוטער קיניג! מיר זיינען געקומען זאָגן, אַז אונדז איז מיטאַמאָל אַזוי אומעטיק געוואָרן, אַז אַלץ פאַלט פון די הענט! אָט אַזוי!

(זיי גענעצן און די פלעשלעך פאַלן ביי זיי פון די הענט)

קיניג: קלוגער יועץ! ס'איז מיר שרעקלעך לאַנגווייליק! וואָס וועלן מיר איצט טאָן?

קלוגער בעל־יועץ (גענעצט): גוטער קיניג! מיר איז אַזוי אומעטיק, אַז מיין גאַנצע חכמה פאַלט מיר פון די הענט!...

גאָלדן גלעקעלע: גוטער קיניג, פאָטער מיינער! היים תיכף שיקן נאָך בום און דריידל און בעט זיי איין, זיי זאָלן בלייבן דאָ! אויב ניט, וועל איך אַוועק צו זיי! אַך, ס'איז מיר לאַ־אַנג־ווייליק! ס'איז מיר לאַ־אַנג־ווייליק!

(גענעצט)

קלוגער בעל־יועץ: גוטער קיניג! איך גיב אייך אַן עצה וואַרטן נאָך אַ ביסל, אפשר וועט נאָך אַלץ קומען אין אָרדענונג! אָבער ווי לאַנגווייליק מיר איז!...

קיניג: אַך, ווי מיר וואָלט זיך וועלן, קלוגער יועץ, אַז אַלץ זאָל קומען אין אָרדענונג. ס'איז אַזוי לאַנגווייליק!

(ער גענעצט און שלאָפט איין)

אַלע (אין איין קול): אַך, לאַנגווייליק! אַך, ווי אומעטיק! אַך! אַך! אַך!...

קיניגין: אַך, לאַנגווייליק! אַך, ווי אומעטיק! אַך! אַך! אַך!...

גאָלדן גלעקעלע: גוטער קיניג! איך בעט דיך: שיק נאָך בום און דריידל, זאָלן זיי צוריק קומען! זע ווי אַלע גענעצן! עס איז אַזוי אומעטיק! איך קאָן נישט לעבן אַזוי! שיק נאָך זיי!... שיק נאָך זיי!...

(זי וויינט)

קיניג (צו דער קיניגין): דאָס קינד וויינט... זאָל איך שיקן אומקערן די אומגליקלעכסטע?

קיניגין: אַך, אַך, — אַזעלכע העזה'ניקעס!... וואָס זאָל מען טאָן... שיק און קער זיי אום.

גאָלדן גלעקעלע (טאַנצט פאַר פריידן): אַ דאַנק, פאָטער! אַ דאַנק, מוטער!

(וויל קושן דעם קיניג)

קיניג: וואַרט, קינד, לאָז מיך זיך אויסגעניצן... מײַן משולח! תיכף נעמט די העראָלדן און לאָזט זיך אין וועג אַרײַן. געפינט בום און דריידל און ברענגט זיי צוריק אַהער!

משולח: איך הער, מײַן גוטער קיניג! (אָפּ)

קלוגער בעל־יועץ: ווײַ, ווײַ! דאָס לאַנד איז אין סכנה!

(געניצט. עס לאָזן זיך הערן העראָלדן־טראָמפּייטן)

גאָלדן גלעקעלע: קיניגלעכער משולח! (ביים טיר) באַהאַלט אײַער נאָז אין בוזים, איר זאָלט עס ניט אָפּפרירן ווידער...

קיניגין: אַך, אַך...

(אַלע געניצן. שטילע פויזע)

קיניג: וואו זײַנען די מוזיקער? זאָלן זיי עפּעס שפּילן! זאָל מען טאַנצן אַ ביסל, וועט ניט זײַן אַזוי לאַנגווײַליק!

(געניצט. אַלע נאָך אים)

שיקט רופן די מוזיקער!

(דינער אָפּ. קומט באַלד מיט די מוזיקער)

זאָל מען טאַנצן! מײַנע קאַוואַליערן און דאַמען! איר זײַט געבעטן צום טאַנץ!

(מוזיקער שפּילן אַ מענועט. אַלע הייבן אָן טאַנצן, קוים וואָס זיי רירן זיך, געניצן און עס ווערט אַ געניץ־מענועט)

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

פערטער אַקט

באַטייליקן זיך:

בום
דרייִדל
גאָלדן גלעקעלע
משולח
ערשטער העראָלד
צווייטער העראָלד
דער קרעטשמער
די כלה
די שוועסטער
דער חתן

(באַגינען. פאַרן קיניגלעכן פּאַלאַץ. ביים אַריינגאַנג זיצט דער קיניגלעכער שומר און שלאָפט שטאַרק. עס הערט זיך מוזיק (נומ. 3) בום און דריידל קומען אָן)

בום: הער קיניגלעכער שומר, גוט מאָרגן!

דרייִדל: גוט מאָרגן, הער קיניגלעכער שומר!

בום: הער קיניגלעכער שומר, מיר זײַנען דאָך מיט אײַך אַלטע באַקאַנטע! צי קאָנט איר ניט אַ רוף טאָן אַהער די פּרינצעסין גאָלדן גלעקעלע?

(דער שומר שנאָרכט)

דרייִדל! אפשר זאָלן מיר גאָר אויפוועקן די פּרינצעסין מיט אַ פרייִלעכן טאַנץ?

דרייִדל: ניין, בום, שפּיל ניט קיין פרייִלעכן טאַנץ, וואָרים דער גוטער קיניג וועט דערהערן און וועט מסתמא ווידער וועלן מאַכן אונדז פאַר די סאַמע גליקלעכסטע...

בום: געדענקסט די קיניגלעכע פערענעס?

דרייִדל: און די זײַדענע קאָלדרעס? און די קיניגלעכע נאַכט-מיצן?... (זי לאַכט) בום!

בום (לאַכט: דרייִדל! וואָס זשע זאָלן מיר טאָן, דרייִדל?

דרײַדל: בום, גאָלדן גלעקעלע וואַרט דאָך אויף אונדז, לאָ־מיר איר זינגען אַ לידל, וועט זי דערהערן און וועט זיך באַלד אויפכאַפּן.

בום: גוט, לאָמיר איר זינגען אַ לידל, דרײַדל!

(זיי זינגען מוזיק נומ. 10.)

אַך, פּרינצעסין גאָלדן גלעקל,
שטײַ שוין אויף פון בעט,
קום מיט אונדז, מיר גייען ווײַטער,
באַלד וועט ווערן שפּעט!
ענג און לאַנגווײַליק דײַן פּאַלאַץ,
קום אין פעלד, אין וואַלד, —
זיסע קלאַנגען, שיינע לידער
וועסטו הערן באַלד.
אויפן לאַנקע וועסטו הערן
ווי די לערכע זינגט
און וועסט זען ווי אַ וואָלקן
הינטער באַרג פאַרזינקט!...
שפּעטער גייען מיר אין דערפל
צו דער אַלטער פּאָר,
זייער שיינע, יונגע טאָכטער
הייראַט הײַנטיקס יאָר...
אַך, פּרינצעסין גאָלדן גלעקעל
זאָם נישט מיט דײַן גאַנג,
בום און דרײַדל פאַר דײַן פּאַלאַץ
וואַרטן דיך שוין לאַנג...

גאָלדן גלעקעלע (באַווײַזט זיך אין פענצטער): גוט מאָרגן בום! גוט מאָרגן, דרײַדל! איך האָב אויף אײַך אַזוי געוואַרט! איר זײַט געקומען צו מיר צוגאַסט?

בום: ניין, פּרינצעסין גאָלדן גלעקעלע! מיר קאָנען צו דיר ניט קומען צוגאַסט. מיר זײַנען זייער פאַרנומען. מיר גייען שפּילן אויף אַ דאָרפישער חתונה.

דרײַדל: דעם דאָרפישן שנײַדערס טאָכטער האָט הײַנט חתונה. די פייגעלע האָט איר נאָך אין ווינטער אַרויסגעזאָגט איר גורל. מע וואַרט אויף אונדז דאָרטן, פּרינצעסין גאָלדן גלע־קעלע!

גאָלדן גלעקעלע: בום און דרייַדל! איר גייט אוועק און איך וועל ווידער בלייַבן אַליין? איך וועל וויינען אויף גאַנץ קיניגרייַך!

בום: זייַנען מיר דאָך טאַקע געקומען נאָך דיר, כדי דו זאָלסט ניט וויינען אויף גאַנץ קיניגרייַך...

דרייַדל: מיר וועלן דיך נעמען אויף דער דאָרפישער חתונה.

בום: מיר וועלן אַזוי טאַקע זאָגן דעם שניידערס טאָכטער, אַז די בת-מלכה אַליין איז מיט אונדז געקומען צו איר חתונה!

דרייַדל: אָט וועט זייַן פריילעך, גאָלדן גלעקעלע!

בום: און אויפן וועג וועלן מיר הערן ווי פייגעלעך זינגען! דאָס איז אַזאַ פרייד!

דרייַדל: און מיר וועלן בלייַבן נעכטיקן אין וואַלד, — דאָס איז אַזוי צויבערלעך!

גאָלדן גלעקעלע: בום און דרייַדל! מיך וועלן אָבער ניט אַרויסלאָזן פון פּאַלאַץ די קיניגלעכע דינער און היטער.

בום: ווי אַזוי קאָנען דייַנע קינער דיך נישט אַרויסלאָזן? ווי אַזוי, גאָלדן גלעקעלע?

גאָלדען גלעקעלע: אָך, בום און דרייַדל! זיי היטן יעדער טראָט מייַנעם.

דרייַדל: טאָ טרייַב זיי דורך, די נאַרישע דינער דייַנע, גאָלדן גלעקעלע!

גאָלדן גלעקעלע: איך קאָן זיי אַלע ניט פאַרטרייַבן, זיי זייַנען זייער פיל.

דרייַדל: אָבער איצט שלאָפן זיי דאָך אַלע!

גאָלדן גלעקעלע: לעבן טויער שטייט דער קיניגלעכער שומר. מע זאָגט, אַז ער שלאָפט קיינמאָל ניט, ניט בייַטאָג און ניט בייַנאַכט.

דרייַדל: גלויב נישט דעם, ווער עס זאָגט עס דיר, פּרינצעסין גאָלדן גלעקעלע. דער קיניגלעכער שומר שלאָפט אַזוי שטאַרק, אַז מע קאָן אים נישט דערוועקן אַפילו מיט אַ פּויק!

גאָלדן גלעקעלע: אויב אַזוי, בום און דרייַדל, טאָ עפנט מיר גיכער די טיר. איך וועל גיין מיט אייַך אויף דער דאָרפישער חתונה.

(עס קומען אָן: דער משולח און די העראָלדן)

דרייַדל: בום, זע, ווער עס איז געקומען, — די נאָז מיט די העראָלדן...

משולח: אָט זייַנען זיי, די אומגליקלעכע נאַראָנים. נעמט זיי, לאָזט זיי ניט אָפּ, שלעפּט זיי צוריק. מיר מוזן זיי מאַכן

גליקלעך! דער גוטער קיניג וויל אַזוי. און ווער עס פֿאָלגט אים ניט, דעם שמײַסט ער, און אַז מע לאָזט זיך ניט... שווײַגט ער.

בום: ווילסט שוין אונדז ווידער גליקלעך מאַכן? מוחל! מיר ווילן ניט.

דריידל: מוחל אַזעלכע גליקן! לעבן ווי שלאָפּעדיקע פֿליגן!

ערשטער העראָלד: אומגליקלעכסטע! אומגליקלעכסטע! דער גוטער קיניג האָט אונדז געשיקט אומקערן אײַך צוריק...

צווייטער העראָלד: און ברענגען אײַך אין פּאַלאַץ צו גאָלדן גלעקעלע.

דריידל: גאָלדן גלעקעלע קומט באַלד אַהער, מיר האָבן זי אויפֿגעוועקט...

משולח: ו־ו־אַ־ם?

ערשטער העראָלד: דער טויער איז דאָך פֿאַרשלאָסן!

צווייטער העראָלד: דער שומר וועט זי נישט אַרויסלאָזן!

בום: דער שומר שלאָפֿט ווי אַ געהרגעטער.

דריידל: און דעם טויער האָבן מיר אַליין געעפֿנט. אײַערע שלעסער זײַנען גאָרנישט ווערט, — ווי מע רירט זיך צו צו זיי, עפֿענען זיי זיך.

(גאָלדן גלעקל קומט אַרײַן)

בום און דריידל: גוט מאָרגן, גאָלדן גלעקעלע!

גאָלדן גלעקעלע: גוט מאָרגן, בום! גוט מאָרגן, דריידל! גוט מאָרגן, פֿייגעלע! דו לעבסט, פֿייגעלע? זע, די נאָז איז אויך דאָ און די טראָמפּייטניקעס אויך!? איר דאַרפֿט דאָך זוכן בום און דריידל! דאָס האָט איר זיי געבראַכט אַהער?

בום: ניין, גאָלדן גלעקעלע! מיר זײַנען אַליין געקומען אַהער!

דריידל: מיר זײַנען געקומען רופֿן דיך צו דער דאָרפֿישער חתונה.

(משולח און העראָלדן קוקן זיך אָן)

גאָלדן גלעקעלע: איך וועל גיין מיט אײַך צו דער דאָרפֿישער חתונה. נאָר זאָגט זיי ניט, אַז איך בין אַ פּרינצעסין! איך וויל זײַן אַ פּראָסט מיידעלע!

דריידל: גוט, גאָלדן גלעקעלע! זיי דאַרפֿן נישט קיין טיטלען, בײַ זיי איז יעדער מענטש אַ פּרינץ, יעדער מיידעלע אַ פּרינצעסין. בײַ זיי איז פֿריילעך.

משולח: ו־ו־אַ־ם?! ווי ‏ געשריען, איך בלײַב באַלד אָן אַ נאָז!... וואָס הייסט, פרינצעסין, איר וועט גיין צו אַ דאָרפישער חתונה? און וואָס וועלן מיר זאָגן דעם קיניג?

גאָלדן גלעקעלע: קיניגלעכער משולח, אויב איר האָט קיין מורא ניט פאַר אײַער נאָז, טאָ קומט אויך מיט אונדז צו דער דאָרפישער חתונה. דריידל זאָגט, אַז דאָרט איז פריילעך. אמת, דריידל?

דריידל: זייער פריילעך!

בום: קומט מיט אונדז, קיניגלעכער משולח!

(משולח און העראָלדן קוקן זיך אָן)

ערשטער הערלאָלד: קיניגלעכער משולח, אפשר טאַקע?

צווייטער הערלאָלד: לאָמיר טאַקע אויך גיין צו דער חתונה אין דאָרף. דאָרט איז פריילעך און בײַ אונדז אין קיניגלעכן פּאַלאַץ איז, דעם אמת זאָגנדיק, טאַקע לאַנגווײַליק...

משולח: ו־ו־אַ־ם?! אוי, מײַן נאָז!...

בום: קומט טאַקע מיט אונדז צו דער דאָרפישער חתונה. דאָרט איז פריילעך, דאָרט זינגט מען און מע טאַנצט ניט ווי בײַ אײַך, און די קליידער זײַנען ניט אַזעלכע שווערע ווי בײַ אײַך און מע רעדט וואָס מע וויל און מע טוט וואָס מע וויל... קומט מיט אונדז!

(עס דערהערט זיך אַ פייף און אַ שטים: בום, דריידל, וואו זייט איר?)

דריידל: דער קרעטשמער קומט אַהער. דאָס זוכט ער אונדז. (ווידער אַ פייף) זיכער ער!

(זי לויפט אָפּ אָן אַ זײַט און קוקט אין דער ווייטקייט)

אוודאי ער, דער קרעטשמער! די טעכטער גייען אויך מיט אים און דער חתן אויך... זיי גייען אַהער...

(אַ פייף. עס קומען אָן דער קרעטשמער, חתן, כלה, שוועסטער)

קרעטשמער: אָט זײַנען זיי דאָך! ס׳ט געהערט אַזוינס?! אַ גאַנצע נאַכט, אַז מיר זוכן אײַך. פאַרוואָס זײַט איר אַוועקגעגאַנגען?

כלה (לויפט צו דריידלען): פאַר וואָס ביסטו אַוועקגעגאַנגען, דריידעלע? איך האָב אַזוי מורא געהאַט, אַז מיר וועלן דיך ניט געפינען!

דריידל: דאָס זײַנען מיר געגאַנגען רופן גאָלדן גלעקעלע צו אונדז צו דער חתונה. מיר האָבן אײַך געוואָלט איבעררעשן.

מיר האָבן זי אויפגעוועקט. אָט איז זי. זע, גאָלדן גלעקעלע, דאָס איז די כלה און דאָס איז איר טאַטע, דער קרעטשמער. און דאָס איז איר חתן, און איר שוועסטער...

(אַלע פאַרנייגן זיך)

איצט וועלן מיר גיין, גאָלדן גלעקעלע, יאָ?

גאָלדן גלעקעלע: יאָ, יאָ, איך וויל גיין מיט אײַך, אָבער שרײַט ניט, וואָרים דער שומר וועט זיך אויפכאַפּן!

בום: אָ, דער שומר שלאָפֿט, כאָטש קלאַפּ איבער אים מיט האַמערס.

משולח: און וואו בין איך, אַ? וואָס מיינט איר אײַך? — איך וועל ניט לאָזן! וואָס וועל איך זאָגן דעם קיניג?

גאָלדן גלעקעלע: קום אויך מיט אונדז, קיניגלעכער משולח, און איר אויך, העראָלדן! קומט אַלע! דאָרט וועט זײַן פריילעך. וואָס טויג אונדז דער לאַנגווײַליקער און נארישער פּאַלאַץ?! קומט אַלע!

קרעטשמער: קומט, קומט אַלע! אין דאָרף איז גוט, ליכטיק, זוניק, פריילעך. אַלע זײַנען פאַרנומען, יעדער טוט עפּעס. קיינער לאַנגווײַליקט זיך ניט. קומט אַלע.

ערשטער העראָלד: קיניגלעכער משולח! אפשר טאַקע?...

צווייטער הערָאלד: אפשר טאַקע? לאָמיר טאַקע אויך גיין צו דער דאָרפישער חתונה. וואָס טויג אונדז די הערָאלדן-מיץ מיט די טראָמפּייטן?

משולח (פאַרטראַכט): אַ־אַ־אַ...

בום און דריידל: קומט, קומט אַלע!

חתן: הער קיניגלעכער משולח און הערָאלדן! איך פאַרבעט אײַך אַלעמען צו אונדזער שמחה, איר וועט קיין חרטה ניט האָבן.

שוועסטער: איך בעט אײַך אויך.

משולח: אַ?... אפשר טאַקע?... וואָס זאָגט איר?...

הערָאלדן: זיכער, קיניגלעכער משולח, לאָמיר גיין!

ערשטער הערָאלד: וואָס טויגן אונדז די פּוסטע, אָנגעבלאָזענע קיניגלעכע צערעמאָניעס?...

צווייטער הערָאלד: די קיניגין, די שררות, — זיי טויגן אַלע אויף כפּרות! לאָמיר טאַקע גיין.

בום און דריידל: קומט, קומט אַלע!

גאָלדן גלעקעלע: קיניגלעכער משולח! פֿאָלגט מיך, באַ־האַלט אײַער נאָז אין קעשענע, און קומט מיט!

משולח: אָבער טומלט ניט. וואָרים דער שומר וועט זיך אויפֿכאַפּן!

בום: דער שומר שלאָפֿט אַזוי, אַז מע וועט אים מיט אַ שטעקן ניט דערוועקן. אָט באַלד וועט איר זען. דרייִדל, לאָמיר לכבוד דעם שומר אויסזינגען אַ לידל.

גאָלדן גלעקעלע: און אויסטאַנצן אַ טאַנץ!

קרעטשמער: און וואָס וועט איר טאָן אויף דער חתונה?

בום: מיר וועלן אײַך אויסלערנען דעם קיניגלעכן טאַנץ, וועלן מיר עס אַלע טאַנצן אויף דער חתונה.

ערשטער העראָלד: יאָ, יאָ, מיר וועלן אַלע טאַנצן אויף דער חתונה!

דרייִדל: נו, בום, שפּיל. גאָלדן גלעקעלע, זינג און מיר וועלן טאַנצן...

(בום שפּילט. ג. גלעקל זינגט „טאָפּי־טאָפּי.״ אַלע העלפֿן צו אין כאָר און עס הייבט זיך אָן דער טאַנץ. קרעשטשענדאָ. טייטלען אויפֿן שומר און פֿאַרשווינדן מיטן טאַנץ. מוזיק נומ. 9)

טאָפּי־טאָפּי־טאָפּי־טאָפּי
טאָפּ־טאָפּ־טאָפּ,
לינקס אַ פּיסל, רעכטס אַ פּיסל —
האָפּ—האָפּ—האָפּ!

לינקס אַ פּיסל, רעכטס אַ פּיסל
טאָפּ־טאָפּ־טאָפּ!
ס'טאַנצט דער קיניג אויך אַ ביסל!
קלאַפּ—קלאַפּ—קלאַפּ...

(ביס)

(פֿ אָ ר ה אַ נ ג)



ווייטערדיקע ווערטער ווערן געזונגען מיט דעמזעלביקן ניגון.

10.


ach printze-sn gol-dn gle-kl
shtei shoin oif fun bet kum mit uns min
gei-en vai-ter bald vet ve-rn shpet
eng u lang vai-lik dain pa lotz kum in feld in
valtd zi-se klan-gen shei-ne li-der


Dance
oich


con moto
9.
To - pi to - pi
tap tap tap
links a fi - sl
rechts a
fi - sl Klap Klap Klap
stan-tzn da-men
stan-tzn he-rn
springen un-ter hoich
a - le - men zol
frei-lech ve-rn
tan-tzn al-te








ne - men mir a - rain in kon
zorg un lai - dn ve - ln moi - dn
gu - te tzai - tn ku - men on


7
canto
mir
zai-nen mu-zi-ker di gres-te
fun a vai-tn vai-tn land zin-gen li-der
aich di bes-te zai-nen mir ge-ku-men haint
di vos plo-gn zich un lai-dn


5.
Fri-rn zolt ir nit bai-nacht hob ich peltz-lech
aich ge-braeht hant un oi-er zo-ln shi-tzn
hob ich hentch-kes-un mi-tzn
6.
nat aich kin-der si-se tort un-tn tzu-ker
fun dem sa-me bes-tn sort
oi-bn frucht nenit-ze kin-der un far-zucht

4.



2.



3.



1.



מאָטל טרעמפּ

א קינדער־שפּיל אין איין אַקט און 2 בילדער

מאָטל טרעמפּ

אַ קינדער־שפּיל אין איין אַקט און 2 בילדער

●

באַטייליקן זיך:

יאַנקעלע גאַלאַגאַן
יאָסל לעקער
מאָטל טרעמפּ
אַן אַלטע ניאַניע
הינדעלע
רבקהלע
אסתרקע
קינדער

ערשט בילד (פּראָלאָג)

(אַ גאָרטן לעבן אַ רייך הויז.ביימער, קוסטעס, בלומען. אין דער טיף פון גאָרטן — ביינקלעך, קראָקעט און קינדערשע שפּיל־מכשירים. אויף דער בינע — מאָטל טרעמפּ)

יאָסל לעקעך (שפּרינגט אַרויס פון הינטער אַ בוים): אָט ביסטו און אָט בין איך. מע דאַרף דיך אָנהייבן גוט היטן. דו פאַרשטייסט שוין אַליין פאַרוואָס.

מאָטל (בייז): אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין מיט יאַנקעלע גאַלאַגאַן צוזאַמען!

יאָסל: מאָטל, בעסער הייב זיך ניט אָן מיט מיר. און מיט יאַנקעלען זאָלסטו ניט מאַכן קיין הינטישע שטיק! ביסט אַ יאָלד, פאַרשטייסט? מיר זיינען ניט שולדיק, וואָס מיר ווילן עסן און טרינקען און ווילן האָבן אַן אָרט וואו צו שלאָפן. דאַרף מען דאָך דאָס ערגעץ נעמען. איז וואו? און די אַרבעט איז גאָרניט אַזא שווערע. פאַרוואָס זאָלסטו ניט וועלן?

מאָטל: איך פיל, אַז עס איז ניט גוט, עס איז ניט ערלעך...

יאָסל: כאַ־כאַ־כאַ... דו ביסט דאָך ניט שולדיק. האָסט דען אַן אַנדער ברירה? ביסט אַ נודניק. (קליינע פּויזע) נו, ברודערל, שטעק אָפּ אַ העלפּט. און טאַקע מיט גוטן. די לעצטע צייט ביסטו עפּעס געוואָרן צו קלוג. נו, שטעק אָפּ!

מאָטל: איר טיילט זיך מיט מיר ניט, טאָ פאַרוואָס זאָל איך זיך מיט אייך טיילן?

יאָסל: ע, ברודערל, פאַרשטייסטו דאָך טאַקע גאָרנישט! און דו רעדסט נאָך וועגן ערלעכקייט... אַ יאָ מיר האָבן דיך געלערנט? און אַכטונג געבן אויף דיר דאַרף מען? טאָ ווי מיינסטו — קומט אונדז אַ העלפּט אָדער ניט?

מאָטל (פאַרוואונדערט און בייז): פאַר אויסלערנען גנבענען? פאַר היטן מיך?

(יאָסל גיט אַ פּיף, רופנדיק עמיצן, כאַפּט מאָטלען און האַלט אים ער זאָל ניט אַנטלויפן. זיי הייבן זיך אָן ראַנגלען. עס קומט אַריין יאַנקעלע גאַלאַגאַן וואויל־יונגעריש, די הענט אין די קעשענעס, (שטאָלץ)

יאַנקעלע: וואָס איז, חברה לאַפּאַצאַנעס?

יאָסל: ווי געפעלט ער דיר, דער חברה מאַן, — ווידער מאַכט ער הינטישע שטיק.

יאַנקעלע: אַזוי גאָר?...

יאָסל: ער וויל זיך ווידער אַרויסדרייען, וויל זיך ניט טיילן מיט דער פּרנסה.

יאַנקעלע: נו, גוטער ברודער מאָטל, עס וועט זיין שלעכט מיט דיר, זייער שלעכט. בעסער מיט גוטן. דו ווייסט דאָך, וואָס מיר טוען מיט אַזעלכע חברה לייט. ווילסט ניט טאָן דיין אַר־בעט — איז ניט. אָבער אויב דו טוסט עס — מוזטו זיך, ברודערל, טיילן.

מאָטל: איך וויל ניט.

יאַנקעלע: דו מוזט דאָך אונדז אָפּצאָלן! דו מיינסט, אַז מיר האָבן דיך אומזיסט געלערנט? אומזיסט צייט פאַרלאָרן?

מאָטל: אין דרערד גייט אַלע!...

יאַנקעלע (וואוילויונגעריש מיט איראָניע): נו, ברודערל, בעט זיך איבער און ווער אַ גוטער יונג, מיר וועלן דיך דערפאַר פיין באַהאַנדלען, פיין און ערלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אונדז...

יאָסל: וואָס טענהסטו מיט אים אַזוי פיל? אונדזער משפּט איז אַ קורצער. זעסט דאָך, ער וועט מיט גוטן גאָרנישט טאָן...

יאַנקעלע: אַ נו, יאָסל, גיב אים נאָר אַ לאָז אָפּ. נו, מאָטל, אַהער מיט די זאַכן. אַלע זאַכן. אין גאַנצן, וויפיל דו האָסט, גאָר אין גאַנצן, ניט אַ העלפט. דו הערסט? דאָס וועט זיין דיין שטראָף.

(מאָטל שווייגט, רירט זיך ניט פון אָרט)

יאַנקעלע: איך האָב דאָך עפּעס געזאָגט! הערסט ניט? אַהער אַלע זאַכן! (שרייט) נו, אַהער, זאָג איך דיר, אַהער! אַ נו, יאָסל, גיב אים אַ נעם פאַר די הענט!

(יאָסל כאַפּט מאָטלען פאַר די הענט)

מאָטל (שרייט): אַוועק... אַוועק...

יאָסל (שרײַט): איך האָב אים. איך האָב אים. יאַנקעלע! אהער! אהער!

(יאַנקעלע פּאַלט אויך אַרויף אויף מאָטלען און הייבט אָן שלעפּן ביי אים פון די קעשענעס זאַכן. מיט אַמאָל דערהערט זיך אַ שטים פון עמיצן, וואָס גייט פון הויז אין גאָרטן אַריין. יאָסל און יאַנקעלע אַנטלויפן. מאָטל שטייט אויף שנעל און רוקט זיך אָפּ אָן אַ זייט, אַ בייזער, און שטופּט די זאַכן צוריק אין די קעשענעס)

(פאָרהאַנג פאַלט — גייט באַלד אויף צוריק)

צווייט בילד

(אויף דער בינע געפינען זיך: הינדעלע, רבקה און די ניאַניע. הינדעלע האַלט אין האַנט אַ ליאַלקע צום שפּילן זיך; רבקה איז פאַרטאָן אין אירע שפּילערייען אין הינטערגרונט. די ניאַניע קלייבט זיך אַוועקגיין)

ניאַניע (פאַרן אַוועקגיין): זע זשע, הינדעלע, זאָלסט זיך שפּילן שיין, שטיפּט ניט, פאַרשמוצט זיך דאָ ניט און צעטרעט ניט די בלומען. לאָז קיינעם ניט אַרײַן אין הויז. טאַטע-מאַמע זײַנען ניטאָ, איך גיי אויך אַוועק, — זאָלסטו קיינעם ניט אַרײַנלאָזן. דו הערסט, הינדעלע?

הינדעלע: גוט, ניאַניעלע, גוט. גיי זיך. מיר וועלן זיך שפּילן גוט. מיר וועלן ניט שטיפן. גיי זיך, גיי.

ניאַניע: טאָמער וועסטו עפּעס וועלן, הינדעלע, וועסטו זיך נעמען. דער אַלמער איז אָפן. דאָרט איז פאַראַן צוקערלעך און פרוכטן.

הינדעלע: גוט, ניאַניעלע, גוט. (זי קושט די ניאַניע) גיי זיך און ברענג מיר אַ גוטע זאַך. (ניאַניע אָפּ). רבקהלע, רבקהלע, מיר וועלן ניט שטיפן, מיר וועלן זיך שפּילן שיין. אַ יאָ? ווייסטו וואָס? — רוף אַרײַן אסתרקען און אַלע, אַלע קינדערלעך. איצט

איז קיינער ניטאָ, וועלן מיר זיך שפּילן פרײַ, מיר וועלן זײַן גרויסע. יאָ?

רבקה: גוט, הינדעלע, אָט רוף איך זיי אַרײַן. (אָפּ).

(הינדעלע עסקט זיך מיט דער ליאַלקע, לייגט זי שלאָפן, וויגט זי און יענע וויל ניט איינשלאָפן. זינגט זי איר אַ לידעלע און בייזערס זיך: „שלאָף, דו שלעכט מיידעלע, שלאָף, זאָג איך דיר")

רבקה (קומט אַרײַן מיט די קינדער): אָט זײַנען זיי אַלע. אָט האָב איך זיי געבראַכט.

אסתרקע: איך האָב נישט געקאָנט אַוועקגיין. מײַן מאַמע איז קראַנק. איז רבקהלע צוגעשטאַנען איך זאָל נאָר גיין. האָט מיך די מאַמעלע געלאָזן גיין, אָבער איך זאָל זיך ניט לאַנג זאַמען.

הינדעלע: גוט, אסתרקע, מיר וועלן שפּילן ביז די ניאַניע וועט קומען. אָבער פאַרוואָס איז קראַנק דײַן מאַמע? עס טוט איר וויי דער קאָפּ?

אסתרקע: ניין, זי ליגט אין בעט. געווען הײַנט דער דאָקטאָר און געהייסן זי זאָל ליגן אין בעט. זי אַרבעט צופיל, זאָגט דער דאָקטאָר. מײַן טײַערע מאַמעלע, דאַרף נעבעך ליגן.

רבקהלע: נו, קינדער, וואָס שטייט איר? לאָמיר מאַכן עפּעס אַ שפּיל. הינדעלע, קום!

הינדעלע: איך דאַרף פריער פאַרוויגן מײַן ליאַלקע, זי וויל ניט אײַנשלאָפן. ווייסט איר וואָס? — איך וועל זי אַוועקלייגן דאָ אויפן גראָז. איך וועל איר זינגען אַ לידעלע, איר וועט מיר אונטערהעלפן, וועט זי גיך אײַנשלאָפן און דאַן וועלן מיר מאַכן אַ שפּיל. גוט?

אַלע: גוט, גוט, הינדעלע. טו אַזוי.

הינדעלע:

(לייגט אַוועק די ליאַלקע, דעקט זי צו מיט אַ טוך און זינגט)

שלאָף, מײַן ליאַלקע, גוטע, שיינע
אויף דעם גרינעם גראָז.
און ניט וועק זיך ווען אַ ווינטל
לײַכט וועט טאָן אַ בלאָז.

שלאָף, מײַן ליאַלקע, מײַן געטרײַע,
צאַרט איז דאָך דער ווינט.
און די בלומען וועלן ברענגען
דופטן דיר, מײַן קינד.

שלאָף זשע, ליאַלקע, באַיו,
שלאָף זשע איַין געשווינט.
זינגען וועל איך דיר אַ לידל,
העלפן וועט דער ווינט.

הייב איך זינגען אָן מיַין לידל,
קינדער העלפן צו.
שלאָף זשע גיכער, ליאַלקע שיינע,
ליו ליו ליו ליו ליו.

(געענדיקט דאָס ליד)

הינדעלע: זי שלאָפט שוין. איצט קאָנען מיר שוין מאַכן אַ שפּיל. לאָמיר שפּילן אין כאַפּעניש. איינע וועט לויפן פריער און אַנדערע וועלן זי נאָכיאָגן. ווער עס וועט די ערשטע כאַפּן, יענע וועט קריגן אַ פּריז.

אַלע: יאָ. יאָ, יאָ.

רבקהלע: און ווען וועט לויפן פריער?

הינדעלע: אסתרקע וועט לויפן. זי קאָן גוט לויפן. אסתר־קע, דו ווילסט?

אסתרקע: איך וועל לויפן. אָבער ביַי אונדז דאָרט, אַז מע שפּילט אין כאַפּעניש, שטעלט מען זיך אויס אין שורות, מע זינגט אויס אַ מאַרש, דערנאָך מאַכט מען אַ קאַראַהאָד און מע הייבט זיך אָן יאָגן.

הינדעלע (שפּרינגט אונטער): גוט אַזוי, גוט. מיר וועלן אויך טאָן אַזוי. קומט זשע אַלע קינדערלעך אַהער. אָט אַזוי. נו, הייבט אָן.

איינס צוויי, איינס צוויי,
שטעלט זיך, קינדער, אין אַ ריי,
פלעכט די הענטלעך אין אַ ראָד,
רונד אַרום אין קאַראַהאָד.

און מיר גייען, איינס נאָך איינס,
יאָגן אום זיך, גרויס נאָך קליינס,
און מע כאַפּט זיך אינדערמיט
און דער קאַראַהאָד צעפליט.

לויפט אַ צווייטער שוין פאַראויס,
גאַס אַריַין און גאַס אַרויס,
ווידער פאַרטיק איז דער ראָד
און מע טאַנצט אין קאַראַהאָד.

גיי זשע ערשטער גלייַך אַרויס,
לאָז זיך לויפן אין פאַראויס,
יאָגן וועלן מיר זיך גיך,
ביז מיר וועלן כאַפּן דיך.

איינס צוויי, איינס צוויי,
שטעלט זיך, קינדער, אין אַ ריי,
פלעכט די הענטלעך אין אַ ראָד,
רונד אַרום אין קאַראַהאָד.

(געענדיקט. מע לאָזט זיך שפּילן אין כאַפּעניש. אסתרקע לויפט פאַר־אויס, רבקה כאַפּט זי באַלד. די שפּיל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טאַנץ. צום סוף פון טאַנץ באַווייזט זיך געגנבעטערהייט מאָטל טרעמפּ. ער קוקט נאָך די טענצער און נעמט צו שטילערהייט דאָס טיכל מיט וועלכן הינדעלע האָט צוגעדעקט די ליאַלקע און באַהאַלט עס אין בוזיק. ווען מע ענדיקט דעם טאַנץ פּאַטשן די קינדער בראַוואָ. הינ־דעלע באַמערקט מאָטלען)

הינדעלע: זעט, זעט, קינדער, אָט איז עפּעס אַ ייִנגל גע־קומען צו אונדז.

(זי גייט צו אים)

ווער ביסטו? ווי אַזוי ביסטו געקומען אַהער?

מאָטל: ניט דייַן עסק! געקומען... כ'האָב געוואָלט, בין איך געקומען... פון הימל אַראָפּגעפאַלן... געקומען זען ווי איר טאַנצט...

הינדעלע (קוקט אים אַרום): פאַרוואָס איז בייַ דיר צעריסן די קליידער? ביסט געקראָכן איבערן פּאַרקן?

מאָטל: געקראָכן... ניט דייַן עסק! דייַנע קליידלעך ניט צעריסן, — איז דיר גוט. טפו...

(ער וויל אַוועקגיין. הינדעלע לאָזט אים ניט אָפּ)

הינדעלע: וואוהין גייסטו אוועק? זײַ דאָ. קום זיך שפּילן מיט אונדז.

מאָטל: איך האָב פֿײַנט שפּילן זיך. איך האָב קיין צײַט ניט.

(ער קוקט זיך כסדר אום, זוכט עפּעס מיט די אויגן, טאַפּט זיך בײַ די קעשענעס. קערט זיך אום צוריק)

שפּילט זיך אײַך, וועל איך קוקן. איך קאָן ניט אײַערע שפּי־לערײַען.

אסתּרקע: איך דאַרף שוין גיין אַהיים. מײַן מאַמע איז קראַנק. זי האָט מיך געלאָזן גיין נאָר אויף אַ ווײַלע, איך מוז שוין גיין צוריק.

הינדעלע: וואַרט, אסתּרקע, דאָס יִינגל וויל, מיר זאָלן אים ווײַזן ווי אַזוי מיר שפּילן זיך. לאָמיר אים ווײַזן אונדזער ליאַלקע שפּיל, דערנאָך וועסטו זיך גיין אַהיים.

רבֿקה: בלײַב, אסתּרקע, בלײַב. זאָל דאָס יִינגל האַלטן די ליאַלקע און אויך שפּילן מיט אונדז.

(צו מאָטלען)

ווי רופֿט מען דיך? ווי איז דײַן נאָמען?

מאָטל: איך האָב קיין נאָמען ניט... מע רופֿט מיך מאָטל טרעמפּ. די יִינגלעך רופֿן מיך אַזוי.

די קינדער (לאַכן): טרעמפּ... טרעמפּ... טרעמפּ...

הינדעלע: טרעמפּ... אַ שיינער נאָמען טרעמפּ. קום, טרעמפּ, קום, וועסטו האַלטן די ליאַלקע און מיר וועלן מאַכן אַ ליאַלקע־שפּיל.

מאָטל: ביסט אַליין אַ טרעמפּ. איך וויל ניט שפּילן מיט אײַך. איך האָב קיין צײַט ניט.

הינדעלע (זי בעט אים): קום, יִינגעלע, קום. עס וועט זײַן פֿריילעך, קום. די ניאַניע איז אוועקגעגאַנגען, דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען אין דער היים ניטאָ, מיר זײַנען אַליין און מיר קאָנען טאָן וואָס מיר ווילן. קום.

מאָטל (ער טראַכט אַ ווײַלע אַנגעשטרענגט און באַשליסט צו בלײַבן. ער גייט פֿאַרזיכטיק צו די קינדער, מיט פֿאַרדאַכט): נו, גוט, לאָמיר שפּילן.

רבֿקה: נו, אסתּרקע, דו וועסט בלײַבן? קום הינדעלע, נעם די ליאַלקע און שטעל זיך אין מיטן, וועסטו שפּילן.

הינדעלע: ניין, טרעמפּ וועט שטיין אין מיטן מיט דער ליאַלקע.

(זי גייט נעמען די ליאַלקע און כאַפּט זיך, אַז די ליאַלקע איז אָפּ־געדעקט)

די ליאַלקע ליגט אָפּגעדעקט... וואו איז מײַן טיכל?

מאָטל (אין פאַרלעגנהייט, דערשראָקן): אוועקגעגאַנגען דאָס טיכל... איך האָב אַליין געזען ווי אַ טיכל איז אוועקגעגאַנגען פון דאַנען... איך האָב אַליין געזען.

הינדעלע: ווי אַזוי קאָן אַ טיכל גיין?

מאָטל (מיט כעס): אָט אַזוי, גענומען און אוועקגעגאַנגען. וואָס ווייסטו ניט, וואָס? איך האָב אַליין געזען, ווי איך בין אַ ייִד...

(די קינדער וואונדערן זיך. געלעכטער)

רבקה: קומט זשע, קינדער, לאָמיר שפּילן.

(הינדעלע גיט מאַטלען די ליאַלקע, ער נעמט עס ניט־ווילנדיק, זיי שטעלן אים אַוועק אין מיטן און עס הויבט זיך אָן די שפּיל: הינדעלע כאַפּט אַרויס די ליאַלקע ביי מאָטלען, רבקה ביי הינדעלען און אַז. וו. אין דער צייט זינגען זיי:)

זאָג זשע, ליאַלקע, זאָג זשע מיר,
ווער זאָל טאַנצן איצט מיר דיר:
איך צי זי, צי זי צי ער,
זאָג זשע, גיכער, קום אַהער.

ווילסט ניט גיין — אָט כאַפּ איך דיך
און מיר גייען טאַנצן גיך,
און מיר טאַנצן ליאַלקע־טאַנץ,
שפּרינגען ליאַלקעס אין אַ קראַנץ.

לאָמיר טאַנצן — האָפּ, האָפּ, האָפּ,
יאָגן ליאַלקעס אין גאַלאָפּ,
שפּרינגען ליאַלקעס ווי די ציגן,
לאַכן קינדער אין די וויגן.

טאַנץ זשע, ליאַלקע, טאַנץ זשע פֿײַן,
קום מיט אונדז אין ראָד אַרײַן,

און פאַרפּלאָנטער אונדז אין טאַנץ
אין אַ לײַכטן ליאַלקע־קראַנץ.

טאַנצן אַלע — האָפּ, האָפּ, האָפּ,
יאָגן מיר זיך אין גאַלאָפּ,
שפּרינגען אַלע ווי די ציגן,
לאַכן קינדער אין די וויגן.

(טאַנץ געענדיקט. פּאַטשעריי, בראַוואָ)

מאָטל: מיר געפעלט ניט דער טאַנץ אײַערער. פע. מיר טאַנצן שענערע טענץ. איר ווילט — וועל איך אײַך ווײַזן. בײַ אונדז איז דאָ אַ מײדעלע, טאַנצט זי, איז טאַקע פאַראַן וואָס צו זען. בײַ אײַך אין די רײַכע הײַזער און פאַרפּוצטע גערטנער לעבט מען ווי די ליאַלקעס און מע טאַנצט ווי די ליאַלקעס. בײַ אונדז איז לעבעדיק. דעם טאַנץ, וואָס מע טאַנצט בײַ אונדז האָט מען אויך אַ נאָמען געגעבן ווי מיר. ער רופט זיך „דער טאַנץ פון די טרעמפּס.“ איר ווילט — וועל איך אײַך ווײַזן.

אסתרקע: איך האָב קיין צײַט ניט. איך דאַרף לויפן צו דער מאַמען.

הינדעלע: וואַרט, אסתרקע, וואַרט, זאָל ער ווײַזן זײַן טאַנץ.

אַלע: זאָל ער ווײַזן! ... זאָל ער ווײַזן! ...

מאָטל: דאָס דאַרף מען אָבער אין צווייען. (צו הינדלען) קום, וועלן מיר עס טאַנצן ביידע.

(טאַנצן אַ מין אַפּאַשן־טאַנץ. קינדער גאַפן. פּאַטשן בראַוואָ)

אסתרקע (נאָכן טאַנץ): איצטער מוז איך שוין גיין. מאַמעלע וואַרט אויף מיר. זי איז קראַנק, מײַן מאַמע.

אַלע: מיר וועלן דיך באַגלײַטן, אסתרקע. קום.

רבקה: איך וועל אויך גיין מיט אײַך און שפּעטער וועלן מיר אַלע קומען צוריק.

הינדעלע: נו, גוט. נאָר זאַמט זיך נישט.

(קינדער אָפּ)

הינדעלע (צו מאַטלען) : דערפֿאַר וואָס דו האָסט געטאַנצט מיט אונדז, וועל איך דיר ברענגען צוקערלעך.

מאַטל : איך דאַרף ניט קיין צוקערלעך, איך וויל ניט.

הינדעלע : איך וועל ברענגען. וואַרט, אסתרקע, איך וועל דיך באַגלייטן.

(זי לויפֿט אַוועק. מאַטל גנבעט זיך אַריין אין הויז און גייט באַלד אַרויס שטופּנדיק אין קעשענע אַ לעפֿל, אַ גאָפּל א.אַ.)

מאַטל : קיינער ניטאָ. איך האָב מורא די מיידעלע זאָל ניט מאַכן קיין טומל, זי קאָן מיך פֿאַרשיטן. איך וואָלט געקאָנט אַ סך זאַכן צונעמען. אַ רוח זיי אין די זײַטן אַרײַן! אַ פֿולע הויז מיט גוטע זאַכן.

הינדעלע (קומט אַרויס און זעט ווי מאַטל עסקט זיך מיט די חפֿצים) : וואָס טוסטו דאָס, טרעמפּ?

מאַטל (דערשראָקן) : גאַרנישט... איך דאַרף קויפֿן ברויט. איך מעג... איך מעג... מײַן טאַטע איז אויך קראַנק...

הינדעלע : וואָס רעדסטו, איך פֿאַרשטײ ניט.

(קוקט אים אָן מיט רחמנות)

נאַ דיר צוקערלעך, גוטע. די ניאַניע האָט געלאָזן אָפֿן דעם אַלמער...

מאַטל : אָפֿן דעם אַלמער?... וואָסער אַלמער?...

(לאָזט זיך אינסטינקטיוו גיין צום אַלמער)

הינדעלע : וואוהין לויפֿסטו? וואו ווילסטו גיין?

מאַטל (פֿאַרלאָרן) : ערגעץ ניט... איך גײ ניט...

(קוקט זיך אום, פּלוצלונג)

איך וויל עסן. איך בין הונגעריק. פֿון נעכטן אָן גאַרנישט געגעסן. נעכטן אַ גאַנצן טאָג גאַרנישט געמאַכט...

הינדעלע : די מאַמע האָט דיר גאַרניט געגעבן עסן?... פֿאַרוואָס?

מאַטל (קרימט זי איבער) : פֿאַרוואָס... פֿאַר דאָס! די מאַמע האָט אויך גאַרנישט געגעסן אַ רוח זיי אין די זײַטן אַרײַן... לויפֿן אין אויטאָמאָבילן און מיר זײַנען הונגעריק. איך וועל זיי... אַלץ וועל איך בײַ זיי אַרויסשלעפּן פֿון די הײַזער.

הינדעלע : האָסט גאַרנישט געגעסן? וואַרט, אָט שוין ברענג איך דיר עסן. די ניאַניע האָט געלאָזן אָפֿן דעם אַלמער. איך וועל דיר ברענגען עסן.

(אָפּ)

מאָטל (נעמט די ליאַלקע): ליאַלקעס דאַרפֿן זײַ מיט זײַדענע קלײדעלעך, אַ רוח זײ אין די זײַטן אַרײַן! און איך האָב קײן הויזן ניט.

(וויל שטופּן די ליאַלקע אין קעשענע, קריכט עס ניט, שליידערט ער עס אָן דער ערד)

אַ גוט מײדל די הינדעלע. זי רעדט אַזוי גוט. אַ רחמנות אויף איר, וואָס זי לעבט נעבעך אין אַזאַ רײַך הויז. אין די רײַכע הײַזער זײַנען אָפּט שלעכטע מענטשן. יאָסל לעקעך האָט מיר געזאָגט און גאַלאַגאַן אויך...

הינדעלע (ברענגט עסן): אָט האָב איך געבראַכט עסן. נאַ, עס אויף דער גיך, וואָרים באַלד וועט קומען די ניאַניע. זי האָט מיך אָנגעזאָגט איך זאָל קײנעם ניט אַרײַנלאָזן.

(מאָטל כאַפּט זיך צו צום עסן, שטופּט אין בײדע באַקן. הינדעלע קוקט אים אין מויל אַרײַן)

דו גײסט אין סקול? וואו איז דײַן הײם? דו וואוינסט ווײַט פֿון דאַנען?

(פּויזע)

פֿאַרוואָס שווײַגסטו?...

מאָטל (מיט אַ פֿול מויל): איך האָב נישט קײן היים... סקול... אין דער ערד אַרײַן...

הינדעלע: פֿאַרוואָס ביסטו ברוגז?

(מאָטל שווייגט. עסט אָפּ און לאָזט זיך גײן. הינדל קוקט אים נאָך פֿאַרלאָרן. מיט אַמאָל קערט ער זיך אום, שלעפּט פֿון די קעשענעס וואָס ער האָט געגנבעט און גיט עס הינדעלען אָפּ פֿאַרשעמט)

מאָטל: נאַ דיר אָפּ, נאַ... איך דאַרף עס ניט. איך בין שוין זאַט. פֿאַר דער מאַמען וועל איך זוכן אַנדערשוואו. דו ביסט אַ גוט מײדעלע.

הינדעלע: פֿון וואַנען האָסטו דאָס? וואו האָסטו דאָס גע־נומען? אָי, זע, אָט איז דאָך דער ליאַלקעס טיכל!... פֿאַר־וואָס האָסטו עס צוגענומען? און די לעפֿל אויך אונדזערע... די ניאַניע וועט זיך בײזערן... זאָג, טרעמפּ, פֿאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?

מאָטל (פאַרשעמט): דיר וועל איך דערציילן. דו ביסט אַ וואויל מיידעלע. קיין טאַטן האָב איך ניט, מײַן מאַמע איז אַ קראַנקע און איך האָב נאָך אַ קליין ברודערל, האָבן מיר ניט וואָס צו עסן און וואָס צו אָנטאָן אויפן לײַב. האָבן מיך יאַנקל גאַלאַגאַן און יאָסל לעקערט אײַנגערעדט איך זאָל גיין מיט זיי אַרבעטן, וועל איך פאַרדינען אויף ברויט פאַר מײַן מאַמען. בין איך געגאַנגען. האָבן זיי מיך אויסגעלערנט שלעפּן פון די קע־שענעס וואו מע קען נאָר און גנבענען פון די הײַזער. פאַרדין איך פאַר מײַן מאַמען און פאַרן ברודערל אויף ברויט. עס איז מיר שווער צו אַרבעטן אַזוי. אַ גאַנצן ווינטער האָבן מיר קיין קוילן ניט געהאַט, געפרוירן אין קעלער. די מאַמע קאָן נישט אומגיין. מע שלאָגט מיך אָפּט. זעסט די האַנט? — אַ פּאָליסמאַן ט׳געגעבן אַ קלאַפּ. און יאַנקעלע גאַלאַגאַן, אַ רוח אין זײַנע זײַטן אַרײַן, נעמט אָפּ בײַ מיר העלפט פון דעם וואָס איך פאַרדין. וואָס זאָל איך טאָן...

(ער וויינט)

איך דאַרף ברענגען ברויט דער מאַמען... אָבער איצטער שעם איך זיך... דו ביסט אַזאַ גוטע. נאַ דיר אָפּ דײַנע זאַכן. איך דאַרף זיי ניט...

הינדעלע (זעצט אים אַוועק): גיי ניט מער צו דײַן לעקערן, ער איז אַ שלעכטער. איך וועל זאָגן מײַן פּאַפּאַ ער זאָל דיר געבן געלט, וועסטו קויפן ברויט און אַנדערע זאַכן פאַר דײַן מאַמע און פאַרן ברודערל. יאָ? גוט?...

מאָטל: איך וויל נישט קיין געלט. איך וויל אַרבעטן און פאַרדינען פאַר מײַן מאַמען און פאַר זיך. זאָל דײַן טאַטע מיר געבן אַרבעט, וועל איך זיך ניט דאַרפן אומשלעפּן מיט יאַנקעלע גאַלאַגאַן איבער די גאַסן און שלעפּן פון די קעשענעס. איך וואָלט עס ניט טאָן, ווען ניט מײַן קראַנקע מאַמע. איך וויל גאָר גיין אין סקול. איך וויל לייענען ביכלעך און איך קאָן ניט. מײַן קליין ברודערל וויל אויך גיין אין סקול.

הינדעלע: ווייסטו וואָס? — בלײַב בײַ אונדז. פּאַפּאַ וועט דיך צונעמען. דו וועסט זײַן מיט אונדז, וועסט גיין אין סקול, דײַן מאַמע וועסטו אויך ברענגען אַהער.

מאָטל: מאַמע וועט ניט וועלן... ניין, גיב מיר בעסער אַרבעט און לעבן וועל איך מיט מײַן מאַמע און מיט מײַן ברו־דערל. זאָל נאָר זײַן אַרבעט, וועט שוין זײַן גוט. מע וועט שוין

ניט דאַרפֿן שלעפּן פֿון די קעשענעס. אָבער... איך וועל עס סײַ ווי מער ניט טאָן...

ניאַניע (קומט אַרײַן): מיט וועמען ביסטו דאָ, הינדעלע? ווער איז דאָס יינגל? ווי קומט ער אַהער? ווער האָט דאָ געגעסן?

(מאָטל וויל אַנטלויפֿן. הינדעלע פֿאַרהאַלט אים)

הינדעלע: גיי ניט, טרעמפּ, וואַרט. דאָס איז אַ גוט יינגעלע, ניאַניע. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז הונגעריק, האָב איך אים געגעבן עסן. און דער פּאַפּאַ וועט אים געבן אַרבעט, וועט ער מער ניט צונעמען קיין לעפֿל...

ניאַניע: ווײַ איז מיר, ער איז אַ גנבֿ?! וואָס האָט ער צוגענומען?

מאָטל: ביסט אַליין אַ גנבֿטע... איך אַרבעט. יאָסל לעקעך זאָגט, אַז מע גיט אונדז ניט קיין אַנדער אַרבעט, איז דאָס אונדזער אַרבעט... אָבער איך וועל עס סײַ ווי מער ניט טאָן...

רבֿקה (קומט אַרײַן מיט די קינדער): אָט זײַנען מיר ווי־דער דאָ. אסתרקע נאָר געבליבן אין דער היים מיט דער מאַמען.

הינדעלע: גוט וואָס איר זײַט געקומען, קינדער. טרעמפּ וועט איצט אויך שפּילן מיט אונדז. ער איז אַ גוטער יינגל, ער אַרבעט פֿאַר זײַן מאַמען. קומט, קינדער, לאָמיר אַרײַננעמען טרעמפּן צו אונדז און מיר וועלן אים ווײַזן ווי מיר טאַנצן אונדזער קאַראַהאָד. יאָ, ניאַניע, איך מעג?

ניאַניע: אַ געזונט צו דײַן קעפּעלע, מײַן קינד. טאַנצט נאָר אויף גיך, וואָרים באַלד וועלן קומען טאַטע־מאַמע צום עסן.

הינדעלע: נו, גוט. גיכער קינדער. מאָטל וועט מיט אונדז אויך עסן. קומט.

(די קינדער שטעלן זיך אויס אין אַ רעדל. מאָטלען שטעלט מען אוועק אין מיטן ראָד. זיי זינגען און טאַנצן)

איינס — צוויי, איינס — צוויי,
שטעלט זיך, קינדער, אין אַ ריי.
פֿלעכט די הענטלעך אין אַ ראָד
רונד אַרום אין קאַראַהאָד.

קום זשע, מאָטל, קום, קום, קום,
דריי זיך אין דעם ראָד אַרום ;
נעמט אים, קינדערלעך, אַריַין,
אַ גוטער יינגל וועט ער זיַין.

גיין וועט ער מיט אונדז פּוס-טריט
ביַי די זיַיטן, אין דער מיט,
וועט ער נאָר אַ טופּע טאָן,
הייבן מיר פון אָנהייב אָן.

גיי זשע, ערשטער, גליַיך אַרויס,
לאָז זיך לויפן אין פאַראויס.
יאָגן וועלן מיר זיך גיך,
ביז מיר וועלן כאַפּן דיך.

איינס — צוויי, איינס — צוויי,
שטעלט זיך, קינדער, אין אַ ריי,
פלעכט די הענטלעך אין אַ ראָד,
רונד אַרום אין קאַראַהאָד...

(פאַרהאַנג פאַלט)


eins noch eins yo - gn um zich
grois noch kleins un men
chapt zich in der - mit
un der ka - ma - hod. tze - flit.


alle:tt
2.
Eins tzvei eins tzvei eins tzvei eins tzvei
shtelt zich kin-der in a rei
flecht di hent-lech in a
rood rund a-rum in
Ka-ra-hod. Fine un mir gei-en


Andantino
1.
Shlof main lial-ke gitn-dem shei-ne
oif dem gri-nem groz
un nit vek zich ven a vin-tl
laich vet tlon a bloz

פורים צו דער סעודה

(אַ חסידיש בילד)

פורים צו דער סעודה

(אַ חסידיש בילד)

●

באַטייליקן זיך:

רב אלחנן, באַלעבאָס. אַ חסיד
רב שלמה, אַ חסיד, אַ וויצלינג
זלמן־חיים
אייזיק־מאיר
אברם־ירמיה, אַ חזן
שרגא, אַ בעל־שחרית
ערשטער ייד
צווייטער ייד
רחל־לאה, באַלעבאָסטע
ממוכן
אחשורש
מרדכי
אַ דינער

פורים־שפּילער. אַלע אין אויסגעקערטע קאַפּאָטעס, מיט פאַרביקע פּאַפּירענע היט־לען אויף די קעפּ און מיט הילצערנע שווערדלעך אויף שטירקלעך. ביי אַחשורשן — אַ פּאַפּירענע קרוין אויפן קאָפּ.

יינגלעך מיט קאַלאַקאָטקעס און גראַגערס

(אַ שיין געדעקטער טיש מיט משקאות און פאַרבייסן. אַ טראַדיציאָנעלע קיטקע, אַ שיסל אַרבעס. אַלע, חוץ די פורים־שפּילער, וועלכע קומען שפּעטער, זיצן ביים טיש צו דער סעודה. אַלע גוט אויפגעלייגט. רחל־לאה זיצט ביים עק טיש און קוקט זיך צו מיט הנאה. די ייִנגלעך זייִנען פאַרנומען אָן אַ זייט מיט זייערע גראַגער עניִנים. ווען דער פאָרהאַנג גייט אויף זינגט מען:)

מוזיק נומ. 1.

פּורים אַלייִן
קומט צוגייִן,
פאַרגעסט זשע אַלע יסורים.
טאַנצט, קינדער,
יעדערער באַזונדער
לכבוד דעם הייִליקן פּורים (ביס)

דאָס איז קלאָר
ווי אַ האָר,
אַז המן האָט געהאַט אַ מפּלה,
און מרדכי היהודי
ט'געפּראַוועט די סעודה
ואת המן על העץ תלו (ביס)

ווער עס לאַכט
און חוזק מאַכט
פון דעם שייִנעם פּורים,
יענער וועט טאַקע
געניסן אַ מכה
און ט'האָבן גרויסע יסורים (ביס)

רב אלחנן: עפּעס אומעטיק זינגט זיך, ייִדן, מרה שחורהדיק. משמעות אַז עס איז נאָך ווייִט פון עד דלא ידעי... הא? וואָס?

הכלל — נעמט צו ביסלעך, נעמט, איך בעט אײַך, זײַט זיך נוקם אָן המן בן המדתא, ימח שמו

(ײנגלעך דערהערן די ווערטער „המן בן המדתא" — הויבן זײ אָן גראַגערן)

אָט אַזוי, קונדסים, רעכט אויף אים, אויפן צורר, גיט אים קלעפּ און וואָס מער איז בעסער.

רב שלמה: גערעכט, רב אלחנן. אָנו, רב אײַזיק־מאיר, גיסט אָן, זײַט מוחל, איר זיצט נעענטער.

(מע גיסט אָן, מע מאַכט לחיים און אברם־ירמיה הויב אָן אַ ניגון און אַלע כאַפּן אונטער)

מוזיק נומ. 2.

צווײַטער ייִד (שטאַמלט): זאָגט מיר, רב אלחנן, איך בעט אײַך, וואָס איז דאָס אַזוינס אַדעלעיאַדע? שוין אַ האַלב לעבן אָפּגעלעבט און איך ווייס נאָר, אַז עס איז אַ מצווה צו נעמען אַביסל משקה, אָבער וואָס דער אַדעלעיאַדע מיינט ווייס איך ניט.

רב אלחנן: ע... פע... ביסטו דאָך גאָר, מחילה, אַ מתנגד. רב שלמה, זאָגט אים וואָס איז דאָס אַזוינס עד דלא ידעי.

רב שלמה: מהיכא תיתי, מחזיר למוטב זײַן אַמתנגד — זייער רעכט. טאָ הערט זשע, מתנגד: אָרור המן און ברוך מרדכי איז די זעלבע גמטריא, — אַזוי האַלטן מיר. אַנדערע זאָגן, אַז עס איז אַ נפקה מינה אין איינס, איז דאָ אָבער אַן עצה דערבײַ, — מע דאַרף שטאַרקער אַביסל קוועטשן דעם אַלעף פון אָרור וועט זײַן צוויי זאַכן: אי די קללה וועט זײַן שטאַרקער פאַר המנען און אי דער חשבון וועט שטימען... פאַרשטאַנען? הייסט עס, אַז מע דאַרף טרינקען אַזויפיל, ביז מע זאָל ניט מבחין זײַן דעם אונטערשייד פון דער גמטריא. אָט דאָס הייסט עד דלא ידעי. פאַרשטאַנען?

ערשטער ייִד: אָ וואַ, אָ וואַ! אַן אײַנפאַל, כ'לעבן.

צווייטער ייִד (שטאַמלט): א־א־אויב אַ־אַ־אַזוי, דאַ־אַרף מען דאָ־אָ־אָך נעמען אַ ביסל בראַנפן...

רב אלחנן: נעמט טאַקע, נעמט. און זאָל זײַן לחיים ולשלום און זאָגט טאַקע אַ ניגון אויך. רחל־לאה, זאָלסט מיר געזונט זײַן, גיב עפּעס פאַרבײַסן.

רחל־לאה: תיכף.

(אָפּ. קומט באַלד צוריק מיט פאַרבייסנס. מע טרינקט און מע הויבט אָן זינגען)

מוזיק נומ. 3.

הײַנט איז פּורים, ברידער,
ס׳איז דער יום-טוב גרויס.
לאָמיר זינגען לידער
און גײן פון הויז צו הויז.

לאָך, מרדכי׳לע, לאָך,
אַ יום-טוב׳ל מאַך.
קינדס-קינדער געדענקען דעם נס.
זינגט, ברידערלעך, זינגט,
טאַנצט פריילעך און שפּרינגט,
דעם טײַערן טאָג ניט פאַרגעסט.

המן איז אַ רשע,
דאָס ווייסט אַ יעדער ייד.
אָבער גאָט, נישקשה,

שווײַגט דעם רשע ניט.
וואַרט, המנקע, וואַרט,
דו זײַ ניט גענאַרט,
אַ נס האָט געטאָן מיט אונדז גאָט.
זינגט, קינדערלעך, זינגט,
טאַנצט פריילעך און שפּרינגט,
מאַכט, קינדערלעך, גרעסער די ראָד...

(קינדער-טאַנץ. עלטערע פּאַטשן צו)

רב שלמה: נו, רב אברם-ירמיה, וואָס שווײַגט איר עפּעס? ס׳טײַטש! פאַר אַ חזן איז אפשר פּורים טאַקע ניט קיין גרויסער יום-טוב, אָבער דאָך, יידן זײַנען זיך משמח, טאָ זאָגט עפּעס.

אַלע: זאָגט, זאָגט, רב אברם-ירמיה!

רב אברם-ירמיה: מילא, אַז אַלע זאָגן שכור, מוז מען גײן שלאָפן. זאָלט איר זשע אָבער אַלע אונטערהעלפן.

מוזיק נומ. 4.

אַלע: אדרבה, אדרבה...

(ער הויבט אָן דאָס ליד „אונדזער רביניו" — נומ. 4 — אַלע כאַפּן אונטער. אַז מע ענדיקט דאָס ליד, בעט דער עולם ער זאָל זינגען נאָך עפּעס. זינגט ער אַליין)

דער אויבערשטער איז דער מחותן,
די תורה איז די כלה,
משה רבינו איז דער שדכן געווען.
דער אָרימער ישראליק
איז דער חתן דער שײַנער.
אויף דעם הײליקן באַרג סיני
איז די תנאים געווען.
ס'פליען ײדעלער, זינגען לידעלעך,
יעדער שרײַט באַזונדער,
חתנם צד! כלהם צד!
מזל טוב, מזל טוב!

ערשטער ייד: אָ וואָ, אָ וואָ! אַן אײַנפאַל כ'לעבן...

רב אלחנן: אָט אַזוי, נאָר לעבעדיקער, אַביסל מער התלהבות. גוואַלד, וואו איז נעלם געוואָרן דער ברען? ניטאָ, ניט געוואָרן. מע דערציילט אויף רב חיים וויטאַל, נשמתו עדן, אַז בשעת ער פלעגט זינגען „שושנת יעקב" און קומען צום פסוק „וגם חרבונה זכור לטוב" פלעגט ער זיך לאָזן אין אַ ריקודל מיט אַזאַ התלהבות, אַז אַלע פלעגן זיך לאָזן מיט אים טאַנצן. און איצט איז גאָרנישט, ווי מיט יענעם מתנגד: — אַ גאַנץ יאָר שכור, פורים ניכטער.

רב זלמן־חיים: אַי, טאַקע, דערציילט זשע, רב אלחנן, די מעשה מיט דעם שנײַדער דעם מתנגד. עס איז אַ מעשה־נורא, דער־ציילט, וועלן זיי פאַרשטיין וואָס עס מײנט אַ גאַנץ יאָר שכור, פורים ניכטער.

אַלע: דערציילט, דערציילט, רב אלחנן!

רב אלחנן: וואָס איז די פעולה? ס'ט דען העלפן? נו, גוט. כ'וועל דערציילן. ס'איז אַזאַ מעשה: אין אַ קלײן שטעטל אין פוילן האָט געוואוינט אַ רבי. געווען איז ער אַ גרויסער אָרעמאַן. און ס'איז בײַ אים אַ מנהג געווען, אַז אויף פורים פלעגן זיך צו־נויפפאָרן צו אים אַלע זײַנע חסידים פון סביבה צו דער סעודה. די סעודה האָט זיך געלאָזט הערן אין גאַנצן געגנט. מע פלעגט דאָרט הוליען ביז ראש חודש ניסן. די מצווה פון שלוח־מנות ומתנות לאביונים איז דאָרט אויסגעפירט געוואָרן מיט דער ברייט־טער האַנט. חסידים פלעגן דערציילן פון דער סעודה נסים ונפלאות. אין אַ דערבײַאיק שטעטל האָט געוואוינט אַ שנײַדער,

זייער אַן ערלעכער ייִד, נאָר אַ מתנגד. האָט זיך אים אַמאָל פאַר־
גלוסט זען, וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ סעודה בײַ דעם רבין.
באַשליסט ער צו גייִן אין אַנדערן שטעטל בײַצוואוינען די
סעודה. דערבײַ האָט ער זיך מישבֿ געווען, ווי אַ מתנגד איז,
אָפּצוטאָן אַ שפּיצל, נעמלעך: דערלאַנגען דעם רבין שלוח מנות
אַ פּוסטן טעלער און זען וואָס פון דעם וועט זײַן. כך הוה. דער
שנײַדער איז געקומען צום רבין. דער רבי האָט אים, נאַטיר־
לעך, גלײַך באַמערקט, געגעבן אים שלום, געפרעגט כלומרשט
פון וואַנען ער קומט און שטיל צוגעגעבן: ד׳ ישמרך מכל רע...
עולם, קייִן עין־הרע, איז געווען כחול הים; טישן געדעקט מיט
כל־טוב: פישן, פליישן, משקאות אַלערליי און ווײַנען די בעסטע.
פאַר דער סעודה האָט מען אָנגעהויבן טראָגן דעם רבין שלוח־
מנות, — ווער מזומן אַ פײַנע אַפּותיקי, ווער גאָלד און זילבער,
ווער ווײַנען, פירות וכדומה. ווילט זיך דעם שנײַדער גייִן דער־
לאַנגען דעם רבין אַ ליידיק טעלער — זען וואָס וועט זײַן — קען
ער זיך פון אָרט ניט רירן. אַ מאָל און צוויי — ער קען ניט אויפ־
שטייִן. לאָזט ער אָפּ די מחשבה. דערווײַל איז געוואָרן שפּעט־
לעך, מע האָט זיך געזעצט צו דער סעודה און דער עולם האָט
געמאַכט לחיים כדבעי, עד דלא ידעי, און דער שנײַדער מער
פאַר אַלע, אַזוי ווײַט אַז ער איז גוט שכור געוואָרן. מיט אַמאָל
כאַפּט ער זיך אַ שכורער אַרויס פון טיש, נעמט אַ טעלער, דעקט
עס צו מיט אַ טיכל און לאָזט זיך גייִן צום רבין. ווי נאָר ער איז
צוגעגאַנגען צו אים און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, האָט
דער רבי אַ קוק געטאָן אויף אים, איז יענער געפאַלן אויף דער
ערד חלשות. ס׳איז געוואָרן אַ טומל, אַ לויפערײַ. האָט דער רבי
געהייסן אָפּטראָגן דעם ייִדן אויף זײַן אכסניה און די סעודה
זאָל געפּראַוועט ווערן ווײַטער, היה כלא היה. קורץ, — דער
שנײַדער איז נעבעך געלעגן קראַנק אין גרויס היץ מער ווי אַ
חודש, ער איז געווען ממש נוטה למות. מיט אַמאָל איז אַרײַנ־
געקומען צו אים דער רבי מבקר חולה זײַן און האָט אים געזאָגט
בזה הלשון: „קינד מײַנס, מע טאָר גאָט ברוך הוא כביכול קייִן
נסיונות ניט שטעלן. מער זאָלסטו עס ניט טאָן. דו וועסט אם
ירצה השם געזונט ווערן, נאָר עס איז אַרויס אויף דיר אַ גזר,
אַן עונש: — דו זאָלסט אַ גאַנץ יאָר זײַן שכור און פּורים ניכ־
טער. אָפּגעזאָגט, איז דער רבי אַוועק. אין עטלעכע טעג אַרום

איז דער שנײַדער געזונט געוואָרן און איז, פאַרשטייִט זיך, געוואָרן אַ חסיד, נאָר ער פלעגט, רחמנא לצלן, אַ גאַנץ יאָר זײַן שכור, געטרונקען, חוץ פורים. פורים פלעגט ער זײַן בײַם רבין און קיין טראָפּן משקה צום מויל ניט נעמען. אָט דאָס איז די מעשה. והמבין יבין...

ערשטער ייִד: אַ וואַ, אַ וואַ! אַן אײַנפאַל, כ'לעבן!

שטימען: פלאי פלאים!

צווייטער ייִד (שטאַמלט): אויב אַזוי, דאַרף מען דאָך טאַקע נעמען אַ ביסל משקה!

שטימען: אַוודאי, אַוודאי, געוויס דאַרף מען נעמען.

(מע טרינקט לחיים)

אײַזיק מאיר: דער קאָידאַנאָווער וואָלט ניט דערלאָזן דעם שנײַדער נכשל ווערן, ער וואָלט אים באַצײַטנס געוואָרנט.

רב שלמה: ביסט אַ טיפּוש, אײַזיק־מאיר. וואָס איז דער פּשט — ער וואָלט ניט דערלאָזן? דאָס איז דאָך טאַקע דער ענין פון נסיון. דער רבי האָט עס באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מבחינת נסיון און מע טאָר זיך אין וועג ניט שטעלן. דײַן קאָידאַנאָווער איז פּשוט ניט דערוואַקסן צו דער מדרגה.

אײַזיק־מאיר: רב שלמה, גאָט איז מיט אײַך! איר ווייסט וואָס און וועמען איר רעדט? איר ווייסט וואָס רב אַרעלע, זכרונו לברכה, איז בכוח געווען צו טאָן? — פאַר פיר הונדערט מײַל איז ער אַמאָל צופוס געקומען אין אַ דאָרף צו אַ ברית, ווײַל ער האָט געוואוסט, אַז דאָרט פעלט אַ צענטער צו אַ מנין. ווי רעדט עס אַ ייִד אַזוינס? עס איז הפקר אַ וועלט, חלילה?

רב אלחנן: שאַ־אַ שאַ־אַ! אלו ואלו דברי אלקים חיים. בייזערט זיך ניט, קריגט זיך ניט. הלוואי וואָלטן מיר געהאַט אַ סך אַזעלכע ווי רב אַרעלע. ס'אַ דאגה, זכותם יגן עלינו. זאָל בעסער רב שרגא זאָגן אַ ניגון און טאַקע אַ פרייִלעכס.

רב שלמה (מיט קאַטאָוועס): רב שרגא איז דאָך אַ בעל־שחרית, קען ער אין אָוונט ניט זינגען, האַ? וואָס?

(אַלע לאַכן)

פונדעסטוועגן פּרוּווט, רב שרגא.

שרגא: מילא, לאָמיך פּרוּוון זײַן אַ בעל מעריב.

(ער זינגט)

מוזיק נומ. 6.

בין איך מיר אַ חסידל אַ פריילעכע בריה,
בין איך מיר אַ חסידל גאָר אָן אַ פּניה,
בין איך מיר אַ חסידל אַ חסידאַק,
און איך מאַך מיר האָפּ־טשיק, טשאַק.

באָרוועס גיי איך אום, צעריסן
און אין שטוב איז ניטאָ קיין ביסן.
בין איך מיר אַ חסידל אַ חסידאַק,
און איך מאַך מיר האָפּ־טשיק, טשאַק.

דורך אין לאַטעס ז'מיין קאַפּאָטע
און אין שטוב איז פול מיט בלאָטע,
בין איך מיר אַ חסידל אַ חסידאַק,
און איך מאַך מיר האָפּ־טשיק, טשאַק.

פּורים צו דער סעודה איז זייער פריילעך,
איך פּראַווע מיר די סעודה כיד המלך.
מיין ווייב צעשרייַט זיך גאַנץ געשמאַק,
און איך מאַך מיר האָפּ־טשיק, טשאַק.

(אַלע פּאַטשן בראַוואָ. מיט אַמאָל עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין משה־יאָשע דער שניידער מיט נאָך צוויי, אויסגעפּוצט ווי פּורים־שפּילער. דאָס זיינען אחשורש, ממוכן און אַ דינער. אַלע מיט פלאַקסענע בערד צוגעבונדן און אָנגעטאָן ווי באַשריבן)

ממוכן: גוט יום־טוב! גוט יום־טוב! אָ, דאָ האַלט דאָך טאַקע אין רעכטן קנאַק!

(ער שפּרינגט אויף איין פוס. די יינגלעך גראַגערן)

שטיל, קונדסים!

בין איך מיר ממוכן פון די אחשתרנים,
נאָך גאָר אַ יונגער הער, — דאָס זעט איר אין מיין פּנים;
אויף איין פוס טו איך טאָן שפּרינגען
און אויף מיין זיסער שטימע טו איך זינגען.

אחשורש:

(זעצט זיך ווי אַ קיסר, לעבן אים דער דינער מיטן שווערד)

זאָג, מיין ליבער קנעכט, ממוכן,
וואָס ביסטו געקומען אהער צו קריכן?

ממוכן:

זאָל דער קיניג אחשורש קוקן
ווי מע וויל פאַר המנען ניט בוקן.

אחשורש:

ווער טוט עס ווידערשפּעניקן מײַנע ווערטער
וואָס איך האָב באַפּעלן אין אַלע ערטער?

ממוכן:

אַ פאַרפלוכטער יודע, ער טוט שבת האַלטן,
די קאַפּאָטע איז בײַ אים הינטן ניט צעשפּאָלטן,
אויפן אַכטן טאָג טוט ער די קינדער צו באַשנײַדן
ווי קענסטו אַזוינס אין דײַן קיניגרײַך גאָר לײַדן?

אחשורש:

אויב אַזוי, זאָל מען דעם יודע אהער טאָן ברענגען,
מיר וועלן אים אויף אַ הויכן בוים טאָן אויפהענגען.

ממוכן:

(אין טיר)

אַרײַן, אַרײַן
ברודער, מרדכי, דו מײַן.

מרדכי:

(קומט אַריין הכנעהדיק)

איך בעט דיך קיניג זאָלסט באַפעלן
איך זאָל אין קורצן אַלץ דערצײלן.

אחשורש:

(אין גרימצאָרן)

דערצײל!

מרדכי:

גרויסער קיניג פון הודו ביז כוש,
איך בין אינגאַנצן אין דײַן רשות.
איך בין מרדכי בן יאָיר,
צום עזזאל טויג איך פאַר אַ שעיר,
קענסט מיך הענגען, קענסט מיך בראָטן,
יידן זאָל דאָס נאָר ניט שאָטן.
מע מאַכט אויף אונדז אומזיסטע מסירות,
— מיר זינגען פאַרן קיניג זמירות,
מיר בעטן אונדזער גאָט דעם גרויסן
ער זאָל שטראָפן אונדז ניט הײַסן.

אַז אָך און וויי צו אונדזער נאָמען
אויב אַ באַלעבאָס וועט ווערן המן...

אחשורש:

(מיט כעס)

דערוויַיז מיט עדות,
אַז איר באַהאַלט פון מיר קיין סודות!

מרדכי:

אברהם, יצחק זייַנען אונדזערע זיידעס
און תרי"ג מצוות זייַנען אונדזערע עדות.

אחשורש:

(געריירט)

לאָזט אים אָפּ!
איך שענק אים זייַן קאָפּ.
לאָזט אים אָפּ!
לאָזט אים אָפּ!

אַלע פורים־שפּילער:

הייַנט איז פורים, מאָרגן איז אויס,
גיט אַביסל משקה און טרייַבט אונדז אַרויס!

(ממוכן טאַנצט אויף איין פוס. רב אלחנן איז מכבד מיט משקה. רחל־לאה גיט פאַרבייסן און עטלעכע מטבעות. די יינגלעך גראַגערן, קלאַפּן מיט די קאַלאַקאַטקעס. מיט אַ ברייטן „אַ גוטן יום־טוב" גייען די פורים־שפּילער אַוועק)

ערשטער ייִד: אַן אייַנפאַל, כ'לעבן.

רב אלחנן: וואָס זאָגט איר צו משה־יאַשען? אַ קונדס אַ ייִד. אָבער חברה האָט טאַקע פריילעכער געמאַכט.

צווייטער ייִד (שטאַמלט): אויב אַזוי, דאַרף מען דאָך נעמען אַ ביסעלע מ־מ־משקה...

רב שלמה: אַוודאי. און טאַקע עד דלא ידעי.

(מע טרינקט. שטימען: אַ ניגון! מע זינגט — מוזיק נומ. 7)

שטימען: אַ ריקודל! אַ ריקודל!

(מע מאַכט אַ רעדל. די קינדער זיינען די הויפּט טענצער און טומ־לער. רב שלמה פירט דעם רעדל. מען זינגט מוזיק נומ. 8. מע פּאַטשט צו מיט די הענט)

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

8



Freilech
a - le in ei - nem a - le
in ei nem lo- mir tzu - za - men
frei - lech zain
zain
D.C. ad Lib

7



6.


Moderato
Bin ich mir a cho-si-dl a
frei-le-che bri-e bin ich mir a
cho-si-dl on a pri-e
bin ich mir a cho-si-dl a chsi-dack
un ich mach mir hop tchik tchak


hei-li-kn barg si-nai iz di
tno-im ge-ven
fli-en yi-de-lech
zin-gen li-de-lech
ye-der shaint ba-
zun--der
cho-sns tzad
ka-les tzad
ma-zl tov
ma-zl tov

5


Der oi - ber sh-ter iz der me-chu - tn di
toi - re iz di ka - le moi - she ra-
bei- nu iz der shad - chn ge- ven der
o - ri - mer yis- ro - lik iz der
cho - sn der shei - ner oif dem


re - be - niu re - be - niu un - zer
re - be - niu re - be - niu un - zer re - be -
niu un - zer un - zer
re - be - niu oi vei un - zer re - be -
I
niu oi vei re - be - niu
II


3
frei - lech un springt dem tai - e - rn
3
tog nit far- gest
3
D.C.
ad Lib.

4.

Moderato


Un - zer re-be-niu
un- zer re-be-niu

3


con moto
Haint iz pu- rim bri-der es iz der
yom tev grois lo-mir zin-gen li-der un
gein fun hoiz tzu hoiz lach mord-che le lach a
yom-tev-l mach kind kin-der ge- den-ken den
nes zingt bri-der-lech zingt tantzt

2.



1.


moderato
Pu – rim a – lein kumt tzu gein far-
gest że a – le ye- su – rim
tantzt kin – der ye – de – rer ba – zun – der
I
l'kO - ved dem hei – li – kn pu – rim
II
l'kO - ved dem hei – li – kn pu – rim

אין פּאָדריאַד

(אַלטער יידישער שטייגער)

אין פּאָדריאַד*

(אַלטער יִדישער שטייגער)

●

פּאַרשוינען:

רב עזריאל, בעל הבית און משגיח
חיה־סאָשע, אַן עלטערע יִדענע, אַ משגיחטע פון גאָטס וועגן
דניאל, אַ זעצער, אַ גוואַלדיקער מנגן, דער עיקר אין חזנות
אפרים, אַ רעדלער, אַ וואוילער יונגערמאַן, האָט אויך ליב
אונטערזינגען
שפרה, אַ קנעטערין
ביילקע, אַ מעל־שיטערן
צירל
פריידל } וועלגערקעס
חנהלע
8־10 מיידלעך
פרומע־גאָלדע, אַ בעל הביתטע
ירוחם, אַ טרעגער מיט אַ קויש. ער טראָגט פאַנאַנדער מצה
צו די בעלי בתים.

(אַלע לידער וואָס ווערן דאָ געזונגען, — דאַרפן זיין פאָלקס־לידער און
אַרבעטער־לידער. דניאל זינגט בלויז חזנישע שטיקלעך)

* וואו מע באַקט מצה.

אַ בעקערײַ אין אַ פּריוואַטער הויז. אַ ברענענדיקער אויוון. אין ווינקל ביים אויוון — שטעקנס, לאָפּעטעס וכדומה, מכשירים פאַרן מצה באַקן. ביים אויוון שטייט דניאל דער זעצער, אָן אַ ראָק, בלויז אין אַ טלית־קטן, יאַרמולקע און פּאַנטאָפל. אין מיטן צימער שטייט אַ טיש מיט אַ בלעך און רעדל. אפרים מיט אַ רעדל אין האַנט שטייט לעבן טיש. ער איז אָן אַ ראָק, אין שטיוול און אין אַ היטל.

אין הינטערגרונט — אַ באַנק מיט אַ גרויסן בעקן, אין וועלכן מע קנעט מיירעס. שפרה די קנעטערן טראָגט אַ גרויסן ווייסן פאַרטעך און אויפן קאָפּ אַ ווייס טיכל. לעבן באַנק שטייט אַ קליין טישל, אויפן טישל — מעל. ביילקע שטייט און וואַרט אויף באַפעלן.

אַרום די ווענט שטייען לאַנגע טישן, אויף וועלכע מע וועל־גערט מצות. אַלע וועלגערקעס טראָגן ווייסע פאַרטעכער. אויף די קעפּ ווייסע טיכלעך.

ווען עס גייט אויף דער פאַרהאַנג זינגען די וועלגערקעס אַ ליד, אַרבעטנדיק. אַז דאָס זינגען האַלט שוין ביים סוף, קומט אַריין ירוחם; שטייט, קוקט און הערט זיך צו, איז אויפגע־רעגט און אומרואיק.

מוזיק נומ. 1.

שלאָף ניט, דו אַרבעטער, האַלט פּעסט דאָס שטילעכל
פליִיסיק צו אַרבעטן איז ניט קיין שפּילעכל.
דרייַ זיך גוט, דרייַ זיך גוט, רייַדעלע רייַדע,
קנעט אוים דאָס טייַגעלע — קנעט.

ירוחם: נו, וואָס וועט זייַן? ווי לאַנג וועל איך נאָך דאַרפן וואַרטן? שוין צוויי שעה ווי איך דרייַ מיך דאָ אַרום, אַרייַן און אַרוים, וואַרט אַלץ אויף די מצה און גאָר־נישט... וואָס בין איך עפּעס אַ קהלשער גוייער? מייַן ווייַב און קינדער דאַרפן ניט אויף פּסח? אַ טאָג אַ גאַנצן דאָ פּוכניען פאַר צוויי גילדן! אַ

מגפה אויף די בעלי־בתים מיט די פּאַדריאַטשיקעס אין איינעם...

עזריאל (בייזערט זיך): שאַ, דו, גראָבער יונג איינער, וואָס האָסטו זיך אַזוי צעשריען, וואָס? חמור דו! מע איז דיר מחויב? קאָנסט נישט וואַרטן — דאַרף מען ניט. קיינער האָט דיר ניט געהייסן קומען מיט דריי שעה פריער...

ירוחם: איך בין נישט געגאַנגען אַליין, מע האָט מיך געשיקט.

עזריאל: טאָ גיי צו דעם, וואָס האָט דיך געשיקט און טענה דאָרטן. גיי דיר געזונטערהייט, מע וועט דאָ אויסקומען אָן דיר. ס'ט געהערט אַ חוצפה פון אַ ייִדן!...

חיה־סאָשע (מישט זיך אַריין): זאָלט איר געזונט זיין, זאָל זיין שטיל, איך בעט אייך. די מיידלעך וועלן דערווייל אין טומל חמצדיק מאַכן אַ טייגל. עס איז דאָך כּרת יאָרן, ווי איז מיר.

ירוחם: טאָ גיט מיר שוין מצה, גיט מיר! אַ טאָג, אַז איך וואַרט. איך קאָן שוין נישט מער.

(אויפגעבראַכט)

גייט צו אַלדי רוחות מיט די מצה, גייט...

(אָפּ)

רוחות מיט די מצה, גייט... (אָפּ)

עזריאל (שרייט אין טיר): הער, דו, חכם מיינער, ווי רופט מען דיך, ירוחם! קער זיך אום! וואָס ביסטו אַנטלאָפן, וואָס? גיי, ס'ט נעמען מצה. ס'ט געזען אַ ביסל. ווי ער האָט זיך דאָס צעשריען! אַ... גראָבער יונג איינער, אַזאַ חוצפה...

חיה־סאָשע: זאָלט איר געזונט זיין, זאָל זיין שטיל, איך בעט אייך. מע וועט נאָך חלילה חמצדיק מאַכן אַ טייגל. עס איז דאָך כּרת יאָרן — ווי איז מיר...

ירוחם:

(קומט אַריין שווייגנדיק, הייבט אָן לייגן מצה אין קויש)

אויף אייך, אַז מע זאָל ניט שרייען, קאָן מען פּאַר אייערע פּיס פאַלן און קיינעם וועט עס ניט אַרן. שרייען... אין דער היים אַ ווייב מיט קליינע קינדער, האַלב הונגעריקע, און דאָ שטיי אין דער וועלט אַריין און וואַרט... אַוודאי שרייט מען... עס שרייט זיך — שרייט מען...

עזריאל: גוט, נו, ביסט גערעכט. זאָל שוין זיין גענוג.

ירוחם (נעמט דעם קויש אויפן פּלייצע): אַ גוטן טאָג אייך.

(אָפּ. שטיל. אַלע אַרבעטן. אייניקע מיידלעך קוקן נאָך ירוחמען)

צירל (שטיל): ער איז נישט גערעכט, וואָס? אַ פּולע שטוב

מיט קליינע קינדערלעך, קיין עין הרע, און ער דאַרף געשוואָלן ווערן אַ גאַנצן טאָג פאַר צוויי גילדן.

אפרים: אַוודאי איז ער גערעכט, וואָס דען, ער איז נישט גערעכט? עס אַרט דען אימעצן?...

דניאל: מיידלעך, מיידלעך, — סאיז ניט אייער עסק! זעט בעסער, וואָס איר טוט, — די מצה ברענט, ניט גלייך געוועלגערט, מע קאָן עס אין אויוון ניט איינהאַלטן.

(די מיידלעך ווערן שטיל, וועלגערן ווייטער)

אפרים! רעדלער מיינער! עס בלעזלט, אָווא, ווי עס בלעזלט. גערדיכטער, מאַך עס גערדיכטער. לייג צו די ידים דיינע.

(ער נעמט אַרויס פון אויוון אַ צעברענטע מצה)

זעט נאָר, זעט נאָר, — וואָס זייט איר דאַרט משוגע געוואָרן, שונאי ישראל, צי וואָס? רב עזריאל, זייט מוחל, טוט נאָר אַ קוק, וואָס עס טוט זיך ביי אייך אין פאַדריאַד, — די מצה בלעזלט און ברענט, ניט איינצוהאַלטן עס אין אויוון.

עזריאל: נאַ!... עס איז טאַקע משוגע צו ווערן. הערט נאָר, חברה, איך בעט אייך נאָך אַ מאָל — טוט ווי מענטשן, זעט, וואָס איר טוט. מע וועט דאָך אומגליקלעך מאַכן אַ וועלט, מע וועט זיך חלילה אָנעסן מיט חמץ.

חיה־סאָשע: אָי, ווי איז מיר, ס'איז דאָך כרת יאָרן...

עזריאל: טומלט נישט, חיה־סאָשע, גייט שוין געזונטערהייט מיט אייערע כרת יאָרן... איר שטערט נאָר די אַרבעט.

מוזיק נומ. 2.

(חיה־סאָשע רוקט זיך אָפּ אָן אַ זייט. עס ווערט שטיל. די אַרבעט גייט אָן. עס הערט זיך דאָס קלאַפּן פון די וועלגער־העלצלעך און דעם רעדל. דניאל הויבט אָן אונטערברומען אַ ניגון, קוקט אין אויוון אַריין. ער צעזינגט זיך אַלץ שטאַרקער מיט אַ שטיקל חזנות. אַלע שפּיצן זיך אָן און הערן צו. כבקרת רועה עדרו... פּלוצלונג כאַפּט ער זיך, אַז אַ מצה האָט זיך צוגעברענט)

דניאל: אָי, ווי, פאַרזונגען זיך... צוגעברענט אַ מצה. אָווא.

(שטילע פּויזע. די אַרבעט גייען אָן ווייטער)

שפרה: ביילקע, ביילקע! וואוהין האָסטו זיך פאַרקוקט? וואו ביסטו? לייז די מיירע... גיב גיכער אַ ביסל מעל, עס וועט חמצדיק ווערן די מיירע.

(ביילקע גיט מעל)

חיה־סאָשע: אָי ווי איז מיר, כרת יאָרן...

אפרים: אָ, איר זײַט שוין ווידער דאָ מיט אײַער כרת יאָרן, חײַה־סאָשינקע? וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף דער וועלט מיט אײַער כרתן? איר וועט בײַ אַלעמען די יאָרן אַוועקנעמען און מע וועט פּסח נישט דערלעבן! ט׳זײַנען אַרויסגעוואָרפן אונדזער אַרבעט מיטן באַקן מצה...

(מיידלעך צעלאַכן זיך. חיה־סאָשע ווערט שטיל. די אַרבעט ווערט פאַרגעזעצט שטיל. שפרה, קנעטנדיק דעם בעקן טייג, הויבט אָן זינגען, צוערשט שטיל, שפּעטער שטאַרקער. דאָס ליד איז אַ טרויעריקס. די מיידלעך הערן זיך צו. זי ענדיקט דאָס ליד. שווערער איינדרוק. פּויזע)

מוזיק נומ. 3.

די וועלט איז דאָך קײַלעכדיק, אַזוי ווי אַ הינערש איי,
פון דער וועלט אַוועקצוגיין איז דאָך אָך און ווײ.

אפרים: וואָס איז מען עפּעס שטום געוואָרן מיט אַמאָל? ס׳איז אַ פּאָליציימאַן געבאָרן געוואָרן? בײַ צינע־מערען אין פּאָדריאַד הערט מען נישט אויף צו זינגען און דאָ איז ווי אין אַ מתנגדישער שול... נו, מיידלעך, זינגט עפּעס, זינגט!

צירל: אַז די משגיחים בייזערן זיך... געהערט חײַה־סאָשען?...

עזריאל: וואָס איז שײַך די משגיחים? וואָס שטערן זיי אײַך? זינגט אײַך געזונטערהייט. נאָר וועלגערט גוט, גלײַך, די מצה זאָל ניט ברענען... ביילקע, כאַפּ זיך אַרוים און ברענג אַ פּאָר שטיקלעך גלאָז אָפּצושאָבן די וועלגער־העלצלעך, זיי קלעפּן זיך שוין צו די הענט...

חײַה־סאָשע: גיכער, ביילקע, גיכער, מײַן קינד. עס וועט נאָך חלילה חמצדיק ווערן אַ מצה. ס׳איז דאָך כרת יאָרן, ווײ איז מיר.

אפרים: שאַ, שמערל איז דאָ... חײַה־סאָשע מיט איר מוסר.

(אַלע לאַכן)

נו, מיידלעך, איצט מעגט איר דאָך שוין זינגען,— רב עזריאל הייסט דאָך. אַנו, הויבט עפּעס אָן.

צירל: באַלד. פריידל־חנהלע,— הויבט אָן עפּעס.

(זינגען עפּעס אַ ליד, אָבער עס גייט אָן ענטוזיאַזם. ענדיקן)

מוזיק נומ. 4.

מיט אַ גאָלדענעם ווײַזער.
ווער עס האָט נאָר שולד אין אונדזער ליבע,

זאָל גייִן אין די הײַזער.
ר'האָט מיר געשיקט אַ זייִגער,

אפרים: אָט דאָס איז גאָר? אַ שמחה אויף דער באָבע. ס'ט געהערט אַ זינגען... פּע, שעמט זיך. ווען איך בין געווען אַ מייִדל און דערצו נאָך אַ יונגע, אין אַנדערע יאָרן, פלעגט זיך מיר דער מויל ניט צומאַכן פון זינגען...

(אַלע לאַכן)

און דאָ... אָט האָסטו דיר די אַנדערע טעג יום־טוב, — שייִנע זינגערקעס, ניטאָ וואָס צו רעדן. טאָמער וואָלט איר געפּרוּווט נאָך אַ ליד און טאָקע לעבעדיקער, ניט ווי די פאַרשלאָפענע פליגן? נו־זשע, לאָזט זיך נישט בעטן, עס רעדלט זיך פרייִלעכער.

פרייִדל: ווי די ציגײַנער... עס ווילט זיך שוין עסן און ער מיטן זינגען... עס איז שוין צײַט עסן, מייִדלעך. עס חלשט דאָס האַרץ.

אפרים: מ'עט עסן, אַז די צײַט וועט קומען... זינג דערווײַל, פוילערקע, דו!...

(ער הויבט אָן אַ ליד. אַלע מיידלעך זינגען מיט)

מוזיק נומ. 5.

מיר זײַנען ניכטער, מיר זײַנען ניכטער,
טרוקן איז בײַ אונדז אין האַלדז.
גיט אַ ביסל משקה, גיט אַ ביסל משקה,
וועלן מיר טרינקען באַלד...

(דאָס זינגען ענדיקט זיך)

דניאל (שלעפּט אַרויס אַ מצה פון אויוון): אַ, אַ וואַזשנע מצה... אָט באַלד, קינדער, וועלן מיר ענדיקן פרומע־גאַלדעס מעל און מיר וועלן גייִן עסן. רב עזריאל, זײַט מוחל, טוט אַ קוק: עס איז נאָך דאָ אַ סך צו ענדיקן?

שפרה (ווען עזריאל איז אַרוים זען צי איז דאָ נאָך אַ סך מעל צו ענדיקן): באַלד, באַלד, קינדערלעך, אַ סוף. שוין ניט פיל געבליבן, אפשר אַ פינף מייִרעס, נישט מער.

עזריאל (קומט אַרײַן): שוין גאָר אַ קטנות געבליבן. אפשר אויף אַ פערטל שעה געבליבן צו זינגען... כ'מייִן צו באַקן...

(אַלע לאַכן)

צירל: אפרימטשע, זע נאָר, דו ווילסט עס גאָר ניט עסן? טאָ, פאַרוואָס זינגסטו עפּעס ניט? זײַ אויך אַ ציגײַנער...

שטימען: טאַקע, טאַקע, אפרימל...

אפרים: איך האָב מורא עס זאָל נישט בלעזלען די מצה. איך וועל כאַפּן אַ פינצטערן סוף... רב דניאל, עס בלעזלט? וואָס? ער שווייגט, איז אַ סימן, אַז עס איז גוט, קאָן מען טאַקע אַביסל ציגייַנערן...

דניאל: זע אָקאָרשט, רעדלער מייַנער, וועסט זיך צעזינגען און וועסט מאַכן אַ זה כפרתי צו פרומע־גאָלדעס מצה.

אפרים: נישקשה, רב דניאל, נישקשה, ס׳וועט זייַן גוט. נו, מייַדלעך, העלפט אונטער!

(ער זינגט אַ ליד. אַלע העלפן אונטער)

מוזיק נומ. 6.

און מיר זייַנען אַלע ברידער, אוי אוי, אַלע ברידער
און מיר זנגען שייִנע לידער, אוי, אוי, אוי!

עזריאל: וואָס זאָגסטו דיר צו אפרימען! איך האָב גאָר ניט געוואוסט פון זייַנע מעלות... ביי מיר איז גאָר אַ פּאַדריאַד פון זינגער, בנאמנות. דו, דניאל, מאַכסט אויך גאָר ניט שלעכט, — איך האָב געהערט דייַן „יבוא אדיר.” ביסט דאָך אַ וואַזשנער מנגן...

(די מיידלעך רעדן צווישן זיך עפּעס)

העי, מייַדלעך, קאַטשקעס, זאָל זייַן שטילער, איר וועט נאָך אין טומל חמצדיק מאַכן די מצה.

(חיה־סאָשע לויפט צו, וויל זאָגן איר פּסוק, נאָר פאַרהאַקט זיך און ווערט אַנטשוויגן. די מיידלעך צעלאַכן זיך)

איך האָב אַמאָל געהערט רב לוי יצחק באַרדיטשעווער, צי רב ניסן בעלזער, — כ׳געדענק ניט גוט, — האָט ער געזונגען „יבוא אדיר” איז געווען נשתומם צו ווערן, שטייִנער האָבן ממש גע־וויינט. אָט דאָס איז געווען אַ בעל מנגן, מע זעט שוין איצט גאָר ניט אַזעלכע.

דניאל: ווער קאָן זיך דאָס גלייַכן צו אַזוינע? — דאָס זייַנען דאָך געווען וועלט חזנים! און דער ווילנער בעל־הביתל איז וואָס? מאַגנאַטן פלעגן דאָך פאַלן פאַר אים! דעם גראַף פּאָ־טאָצקים אַ טאָכטער האָט זיך דאָך מגייר געווען צוליב אים און צוליב זייַן זינגען...

אפרים: נישקשה, רב דניאל, איר מאַכט ניט ערגער פון ווילנער בעל־הביתל. אדרבה, זינגט נאָך עפּעס.

(ער זינגט עפּעס אַ שטיקל חזנות)

מוזיק נומ. 7.

הבן יקיר לי אפרים...

עזריאל: זאָל שוין זײַן גענוג. מע דאַרף ענדיקן פרומע־גאָלדעס מעל און שפּעטער וועלן מיר שוין זינגען... איר האָט שוין פאַרגעסן דעם טרעגער מיט זײַן מענה לשון...

פרומע גאָלדע (קומט אַרײַן אין מיטן עזריאלס רייד): איך הער מע דערמאָנט מײַן נאָמען, בין איך צופרידן. איך האָף, אַז ניט צום שלעכטן. אַ גוט־מאָרגן אײַך אַלעמען.

(זי גייט צו די מיידלעך, קוקט ווי זיי וועלגערן, זי קוקט זיך צו ווי די קנעטערן מאַכט די מיירעס, ווי דער רעדלער רעדלט און גייט דאַן צו צום אויוון)

ע... ע... רב דניאל, עס ברענט דאָך די מצה. אַי וויי, זעט, וואָס איר טוט, — העלפּט מצה אוודאי פאַרברענט... כ׳האָב גאָר ניט געזען — וואָס ירוחם האָט געבראַכט. יענע אויך אַזוינע? ווי איז מיר, איך וועל דאָך בלײַבן אָן מצה. רב עזריאל, וואָס מיינט איר זיך, איך וועל עס שווײַגן?

עזריאל: שאַ־אַ! וואָס איז, וואָס? וואָס בייזערט איר זיך, גאָט איז מיט אײַך, פרומע־גאָלדע!

דניאל: פרומע־גאָלדע וויל זיך מסתמא אויסדרייען פון געבן די מיידלעך אויף נים, שרײַט זי, טשעפּעט זי זיך.

צירל: פע, פרומע־גאָלדע, דאָס איז ניט שיין, גאָר צעדרייען אונדזער נים־געלט. מיר מיען זיך פאַר אײַערט וועגן. פּרוּאווט נאָר ניט געבן קײַן נים־געלט, — וועלן מיר אײַך אײַער מצה ניט אַרויסגעבן...

(מיידלעך לאַכן)

פרומע־גאָלדע: זע נאָר ווי מע איז דאָס אָנגעפאַלן אויף מיר! זיי זײַנען נאָך גערעכט... איך זאָג אײַך, רב עזריאל, איר זאָלט אַכטונג געבן די מצה זאָל ניט ברענען. און איר, מיידלעך, האָט קיין עגמת־נפש ניט, שרעקט אײַך ניט, — אײַערס וועל איך אָפּגעבן. באַלד שיק איך ירוחמען נאָך די מצה, וועט

ער אײַך ברענגען אײַער נים-געלט. אַ גוטן טאָג און אַ כשרן פּסח. (אָפּ)

חיה-סאָשע: אמן!

אפרים: אַ מענה לשון אַביסל, קיין עין הרע ניט...

דניאל: פון די גרעסטע בעל-הביתטעס, וואָס גייען תמיד אַרום מיט פֿאַרשליומפּערטע קליידלעך און מיט אַ מויל אויף שרויפֿן...

צירל: אויף איר האָט מען דאָך געמאַכט אַ לידל וועגן דעם בליומפּער...

עזריאל: ווידער אַמאָל מיט די לידלעך? — זאָל שוין זײַן גענוג. מע וועט דאָך פֿון אײַער זינגערײַ צעלויפֿן וואו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט.

צירל: לאַכט פֿון זיי, רב עזריאל, קיינער וועט פֿון אײַך ניט אַנטלויפֿן...

שפרה: נו, קינדערלעך, די לעצטע מיירע. באַלד פּטור פֿון פֿרומע-גאָלדען און מיר גייען עסן.

אפרים: נו, מיידלעך, וועלגערט פֿריילעכער. פֿרומע-גאָלדע וועט שיקן אויף נים, — וועט עס זײַן אויף בענק און אויף טיש... זינגט איר נאָך אָפּ אַ חד גדיא און פּטור...

(זינגען „חד גדיא" פֿון מיכל געלבאַרטס „געזאַנג בוך")

שפרה: אַ סוף, קינדערלעך, פֿאַרטיק. איך גיי צעוואַשן די הענט און מיר גייען עסן. מאַכט עס גיכער.

חיה-סאָשע: זעט, קינדערלעך, ליבינקע, אין אײַלעניש מאַכט כאָטש ניט חמצדיק קיין מצה...

צירל: באַלד, חיה-סאָשינקע, אוים מצה, אוים כרת יאָרן...

(עס קומט אַריין ירוחם. די מיידלעך לייגן צונויף די וועלגער-העלצלעך. אפרים צעשפּילט זיך מיטן רעדל אויף אַ לײדיקער בלעך. דניאל קלאַפּט מיטן לאָפּעטע אין אויוון. חיה-סאָשע כאַפּט אַ שטיקל גלאָז און שאָבט די וועלגער-העלצער. דניאל דרייט זיך אַרום די פֿאַרטיקע מצה)

צירל: ירוחם! פֿרומע-גאָלדע האָט געשיקט פֿאַר אונדז אויף נים?

ירוחם: אוודאי, ווי דען, באַלד וועט זי אײַך שיקן, שטעלט נאָר אונטער די קעשענעס... זאָל זי דאָס אַליין פֿאַרמאָגן...

(אַלע צעלאַכן זיך)

עזריאל: הער, דו, עזות־פּנים אײנער, וואָס איז דאָס פּאַר אַ שעלטן זיך? וואָס ביסטו, אַ גוי, להבדיל, צי וואָס? גראָבער יונג, דו אײנער. אַן אָרט, וואו ייִדן באַקן מצה, זידלט ער זיך ווי אין אַ שענק. פּע, חלשות, אַ ייִד זאָל עס גאָר קיין חרפּה נישט האָבן! נעם דיר די מצה און גײ דיר געזונטערהייד פון דאַנען.

ירוחם (פאַרשעמט): אַ־אַ־אַז זי איז אַ שלעכטע, איז זי פאַר קײנעם אָרט איר ניט, נאָר זיך און זיך.

(ער לייגט די מצה אין קויש)

דניאל: נו, עד כאן הקפה אלף. אַ סוף. חברה, עסן און מע דאַרף זיך נעמען צו די שמורה. רב עזריאל, חיה־סאָשע הײסט תיכף אויסברענען דעם אויוון, אָפּרײניקן די טישן מיט גלאָז, די וועלגער־העלצלעך אויך, און אַלץ פאַרטיק מאַכן צו שמורה באַקן.

חיה־סאָשע: אַוודאי... אַוודאי... וויי איז מיר, עפּעס אַ קלײניקײט, — שמורה!

עזריאל: שפּרה! הײסט אַרײַנטראָגן די שמורה־וואַסער... גיכער טאָקע. דעם צעבערל, אין קלײטל שטײט ער.

(אַלע קלייבן זיך גיין עסן. ירוחם נעמט דעם קויש אויפן פלייצע, גייט און פאַרטשעפּעט זיך, פאַלט און צעשיט די מצות)

ירוחם: צו אַלדי רוחות!

עזריאל: אַ חוצפּהניק אײנער!

חיה־סאָשע: וויי איז מיר, חמצדיק געמאַכט... כרת יאָרן...

(אַלגעמיינער געלעכטער. ירוחם קלייבט די מצה)

(פ אָ ר ה אַ נ ג)


Adagio
7.
Ha - vein ya - kir li
li
li li ef - ra - yim
mod.
li li li ef - ra - yim
li li ef - ra - yim
li ef - ra - yim



con moto
6.
Un mir zai-nen a - le bri - der
oi oi a - le bri - der un mir zin-gen
shei-ne li - der oi oi oi un mir zai-nen
a - le bri-der oi oi a - le bri - der
un mir zin-gen shei-ne li - der oi oi oi!


con moto
5
mir zai-nen nich-ter tru-kn iz-ba
uns in halz
git a-bi-sl mash-ke
ve-ln mir trin-ken bald


and.
4.
R'hot mir ge- shikt a zei-ge- rl
mit a gol-de-nem vai -zer
mit a gol- de- nem vai - zer
ver es hot nor shuld in un- zer li -be
der zol gein in di hai -zer


And.
3
Di velt iz doch kai- lech - dik a -
zoi vi a hi - nersh ei
fun der velt a - vek - tzu - gein
iz doch och un vei fun der velt a-
vek-tzu-gein iz doch och un vei


Rec.
2
Kva – Ko – ras
roi – e roi – e ed roi
Kva – Ko – ras
roi – e roi – e ed-roi
Kva – Ko – ras
roi – e ed-
roi
Kva – Ko – ras
roi – e ed- roi
roi – e ed – roi


Mod.
1.
shlof nit du ar-be-ter
halt fest dos shti-le-chl
flai-sik tzu ar-be-tn
iz nit kain shpilechl
drei zich gut
re-de-le
rei-de-le
Knet ais dos tei-ge-le
I
II
Knet
Knet

קאָנראַדס חלום

(אַ שפּיל אין איין אַקט מיט אַ פּראָלאָג)

קאָנראַדס חלום

(אַ שפּיל אין איין אַקט מיט אַ פּראָלאָג)

(אַדאַפּטירט פון ענגליש)

●

באַטייליקן זיך:

פּראָלאָג:

פּעטערקין
פּרימאָרגן-לוסט
זילבערטוי פּייעס
רעגנבויגן-פאַרב
אַנדערע דרײַ פּייעס
קאַל און פאַל, גנאָמען

אין שפּיל:

דיים אַליס, מוטער
קאָנראַד, אַ יינגל, איר זון

פּראָלאָג

(פּעטערקין ליגט אונטער אַ בוים. עס לאָזט זיך הערן פֿייגל־געזאַנג. ער הויבט זיך לאַנגזאַם אויף, קוקט זיך אַרום און צעשמייכלט זיך)

פּעטערקין: כי כי כי... איך בין שוין מיד פֿון די מענטשלעכע חלומות. מעגן מענטשן אַלט זײַן ווי די וועלט, בלײַבן זיי אַלץ קינדער. טראָגן זיך אַרום מיט קינדישע חלומות און זוכן עפּעס הינטער די האָריזאָנטן. כי כי כי... זיי מיינען, אַז אין דער ווירקלעכקייט פּאַסירן וואונדער... עך, עך! זאָלן זיי חלומען. צוריק גערעדט — צונעמען בײַ די מענטשן זייערע חלומות, — טאָ מיט וואָס וועלן זיי לעבן? און הײַנט שטייט מיר פֿאָר אַ שווער שטיקל אַרבעט מיט דעם קליינעם קאָנראַד, דעם טרוימער. מע דאַרף זיך צוגרייטן. העי, מײַנע פֿייעס וואַלדיקע, מײַנע זינגער נאַכטיקע, — קומט אַלע אַהער. מיר האָבן אַן אויפֿגאַבע אַ שווערע, מיר דאַרפֿן דעם קליינעם קאָנראַד אַ חלום דערקלערן, אַ טרוים אַ קינדישן אין ווירקלעכקייט פֿאַרוואַנדלען!

((פֿייגל־געזאַנג. עס קומען אַריין אַלע פֿייעס)

פֿאַרוואָס זײַט איר אַזוי פֿאַרשלאָפֿן אַלע? וואו זײַט איר געוועזן? איר האָט דען פֿאַרגעסן אַז מיר האָבן הײַנט אַ גאַסט אַ קליינעם, קאָנראַדן דעם פּאַסטעכל? זײַט לעבעדיק, מונטער און גרייט זיך צו. גרייט אַ לידל צו פֿאַר אים און גרייט צו אַ פֿרימאָרגן טאַנץ.

פֿרימאָרגן־לופֿט: גוט, פּעטערקין, גוט. מיר וועלן זיך גלײַך צוגרייטן. קומט פֿייעס, לאָמיר זינגען אונדזער ליד פֿון פֿרימאָרגן. לאָמיר טאַנצן אונדזער טאַנץ אָן זאָרגן.

(שטעלן זיך אין לייכטע פּאָזעס און זינגען)

בײַ די זילבערדיקע שוועלן
פֿון באַגינען פֿון דעם העלן
שוועבט אַ לײַכטער טוי אין לופֿטן
באָדט זיך רוים אין זיסע דופֿטן.

זוכן מענטשן ווײַטע ווײַטן
זעען צויבער פֿון דערווײַטן.
ווערט דער צויבער נאָענט, גרעסער, —
דאַן פֿאַרשווינדן צויבער־שלעסער.

און פֿאַרגאַפֿט פֿון ווײַטן וואונדער
טרוימען אַלץ די מענטשן קינדער...
קומט אַ חלום אַ באַנײַטער
און זיי טרוימען, טרוימען ווײַטער...

חלומט, מענטשן, לעבט אין טרוימען,
לעבט אין חלומדיקע שוימען,
מאַכט דאָס לעבן שענער, לינדער,
טרוימט, איר ליבע מענטשן־קינדער!

און איצט לאָמיר ווײַזן פּעטערקינען אונדזער טאַנץ.

(טאַנץ)

פּעטערקין: גוט, עס געפֿעלט מיר. און איצט — יעדערער אויף זײַן אָרט און אַלע זאָלן זײַן גרייט אויף מײַן ערשטן רוף.

(די פּייעס פֿאַרנויגן זיך און פֿאַרשווינדן)

נו, מײַן קליינער קאָנראַד, אַלץ איז גרייט פֿאַר דיר, איצט קענסטו קומען. איך וועל דיר באַווײַזן ווי טרוים אוןווירקלעכקייט לעבן זיך צוזאַמען... כאַ כאַ כאַ...

(ער פֿאַרשווינדט. פֿאַרהאַנג פֿאַלט, ניט אויף לאַנג. ווען דער פֿאַר־האַנג גייט אויף, הייבט זיך אָן די שפּיל גופֿא)

(עס קומען אַריין איינציייטיק דיים אַליס און קאָנראַד פֿון פֿאַרשיידענע זייטן. דיים אַליס טראָגט אַ בינטל דינע שייטלעך האָלץ)

קאָנראַד: אָ, מוטער, לאָז מיך טראָגן דעם בינטל האָלץ, איך בין שטאַרקער פֿאַר דיר.

דיים אַליס: אָ, דאָס ביסטו, קאָנראַד! איך האָב טאַקע גע־טראַכט, אַז דאָס מוזן זײַן דײַנע טריט הינטער מיר. נאַ, טראָג די עטלעכע שײַטלעך האָלץ, אויב דו ווילסט. דער טאָג איז נאָך גרויס, עס וועט נאָך זײַן גענוג אַרבעט פֿאַר מיר אויך. און איך בין טאַקע מיד.

(זי זעצט זיך אויף דעם בינטל האָלץ)

זאָג, מיר, וואו ביסטו געוועזן דעם גאַנצן פֿרימאָרגן?

קאָנראַד: מיט די גענדז, ווי שטענדיק, מוטער, אַלעמאָל מיט

די גענדז. זיי באָדן זיך איצט דאָרט אין טײַכל. ביים זון־אויפגאַנג האָב איך זיי געגומען אויפן שפּיץ באַרג. פון דאָרטן זעט מען די טורעמס פונעם קיניג הילדעבראַנדס שלאָס גלאַנצן אין שײַן פון דער זון. און שפּעטער האָב איך זיי אַרונטערגעפירט אין טאָל, לעבן שטיבל פונעם קאַרגן מערטראַם, וואָס ליגט באַהאַלטן צווישן ביימער. איז עס אמת, מוטער, אַז דער אַלטער, קאַרגער מערטראַם האָט מער גאָלד איידער דער קיניג אַפילו האָט?

(ער זעצט זיך אויפן גראָז לעבן דער מוטער)

דיים אַלים: מענטשן זאָגן אַזוי, קאָנראַד. דאָ אין וואַלד מוז עס ערגעץ ליגן באַגראָבן.

קאָנראַד: הלוואי וואָלט איך געווען דער קאַרגער מערטראַם. דו וואָלסט מער ניט באַדאַרפט קלײַבן קיין העלצלעך, מוטער, און דו וואָלסט געגעסן ווײַס ברויט און מילך אָנשטאָט די חזירשע נים און שוואַרץ־ברויט. און פאַר מיר וואָלט עס געווען אַ סוף צום פיטערן די גענדז.

(ער שטייט אויף)

דיים אַלים: ווען וואונטשן וואָלטן מקוים געוואָרן, קאָנראַד, וואָלט די וועלט זיך איבערגעקערט קאַפּויר. אָבער אַזוי ווי אַר־בעט און ניט וואונטש דרייט די וועלט, וועט בעסער זײַן, אַז איך וועל אָנקלײַבן נאָך אַ ביסל האָלץ איידער די זון פאַרגייט.

(זי שטייט אויף)

אָבער זע, קאָנראַד, היט די גענדז ביז איך וועל צוריקקומען און הער אויף צו חלומען און צו טענהן, ווי דו טוסט עס כסדר. טענות היילן ניט און לינדערן ניט קיין אָרעמקייט. און טאָג־חלומות, ווידער, זײַנען גאָר ניט אַזוי גוט פאַר קליינע יינגלעך.

(אָפּ לינקס)

קאָנראַד (לאָזט זיך אַראָפּ אויפן גראָז): יאָ, אָבער וואָס וואָלט געווען ווען מײַן חלום וואָלט געוואָרן אַן אמת? ווען איך וואָלט אויפגעשטאַנען אין אַ פרימאָרגן און וואָלט אויסגעפונען, אַז איך בין אויף אַן אמת דער קאַרגער מערטראַם און דאָס גאַנצע גאָלד זײַנס איז בײַ מיר אין די קעשענעס?! ווי טרויעריק עס איז, וואָס נאָר די פייעס קענען פאַרווירקלעכן די פאַרלאַנגען פון די מענטשן! אַך, ווען זיי וואָלטן באַפרידיקן אויך מײַן פאַר־לאַנג! אָ, ווען אַ פייע וואָלט אַהער געקומען, וואָלט איך געזאָגט: „גוטע פייע, איך בין מיד און כ׳וויל מער ניט זײַן קאָנראַד דער היטער פון די גענדז. מאַך מיך פאַר עמיצן אַנדערש.

(ער פאַרמאַכט די אויגן אין טרוים)

פּעטערקין (רוקט זיך שטיל אַרײַן הינטער קאָנראַדן) : אַ נאַ־רישער וואונטש, קאָנראַד. דאָס פּאַסט זיך מער פאַר דײַנע געגנדז ווי פאַר דיר.

קאָנראַד :

(זעצט זיך אויף, קוקט פאַרוואונדערט, רייבט זיך די אויגן)
ווער ביסטו? ביסטו דען אויף אַן אמת אַ פּייע?

פּעטערקין : קוק איך דען אַזוי אויס?... פּיטערנדיק די געגנדז האָסטו זיך פאַרשטאָפּט דעם מוח מיט פעדערן. בלאָז עס אַרויס פון דײַן קאָפּ און הער אויף צו שטאַרצן דײַנע אויגן אויף מיר אַזוי. געזען האָסטו אונדז קיין מאָל ניט, אָבער דו האָסט זיכער עפּעס געהערט פון אונדז, פון פּייעס און שדים צוזאַמען.

קאָנראַד : געהערט פון אײַך? כ׳ווייס ניט. אַמאָל האָט זיך מיר געדוכט, אַז יאָ. אַמאָל... ווען די לבנה קומט אַרויס רונד און גאָלדיק איבערן ראַנד פון דעם טונקעלן וואַלד, איז די לופט ווי אָנגעפּילט מיט פּייע־שטימען. און אין די ווינטער נעכט, ווען איך ליג האַלב אײַנגעשלאָפן, הער איך ווי דער ווינט שפּילט שדים־מוזיק אַרום די ביימער.

פּעטערקין : דו האָסט זיך, זעט אויס, גוט צוגעהערט, בע־סער ווי איך האָב געדענקט.

קאָנראַד : אָבער איך האָב ניט געוואוסט, אַז דאָס פּייע־לאַנד איז אַזוי נאָענט.

פּעטערקין : עס איז אַלע מאָל נאָענט צו די, וואָס זוכן עס, קאָנראַד.

קאָנראַד : ווילסטו פאַרווירקלעכן מײַן פאַרלאַנג?

פּעטערקין : איך וועל טאָן מער ווי דאָס, — איך וועל דיר אַרײַנגעבן דרײַ פאַרלאַנגען און וועל זיי אַלע דרײַ פאַרווירקלעכן, ווי איך בין פּעטערקין!

קאָנראַד : דרײַ פאַרלאַנגען?! דאָס איז וואונדערבאַר און גרויסמוטיק! וועל איך אויך זען דאָס פּייע־פאָלק?

פּעטערקין : אָ, זיכער, קאָנראַד. (ער פּאַטשט מיט די הענט) זעסט, אָט קומען זיי.

(ער רופט)

העי, פרימאָרגן־לוסט!

פרימאָרגן־לוסט (קומט אַרײַן) : פון די טויערן פון פרימאָרגן אַ גרוס צו דיר, פּעטערקין.

(קאָנראַד פאַרנויגט זיך)

פּעטערקין (רופט): ז י ל ב ע ר ט ו י!

זילבערטוי (קומט אַרײַן): פון דעם פּאַלאַץ פון די פליענדיקע זומער פעדים, אַ גרוס צו דיר, פּעטערקין.

פּעטערקין (רופט): ר ע ג נ ב ו י ג ן - פ ל י!

רעגנבויגן־פלי (קומט אַרײַן): פון די טויען זיסע פון דער לופט אַ גרוס צו דיר פּעטערקין.

פּעטערקין: און וואו זײַנען קאַל און פּאַל, פּאַר וועמען מײַן וואָרט איז אַ געזעץ?

(קאַל און פּאַל לויפן אַריין, קוקן אָן פּעטערקינען. ער גיט זיי אַ וואונק)

קאַל און פּאַל (רעדן צוזאַמען. צו קאָנראַדן): וואָס איז דײַן פאַרלאַנג, מענטש?

קאָנראַד: איך וויל זײַן דער קאַרגער מערטראַם, ווײַל ער האָט מער גאָלד פאַר יעדער איינעם אויף דער וועלט.

(פּעטערקין פאַרוואַנדלט קאָנראַדן אין דעם אַלטן קאַרגן מערטראַם. ער וואַרפט אויף אים אַרויף אַ לאַנגן צעריסענעם מאַנטל און אַ פּאַרוק פון גרויע, צעשויבערטע האָר. ווען קאָנראַד דערפילט עס אַלץ אויף זיך, ווערט ער איינגעבויגן אין דרייען און עס דערהערט זיך פון אים אַ שווערער קרעכץ)

פּעטערקין: דײַן פאַרלאַנג איז באַוויליקט, קאָנראַד.

(אַלע טאַנצן אַרום קאָנראַדן אין אַ ווילדן קאַראַהאָד מיט געשלאָסענע הענט)

קאָנראַד: הערט אויף מיט אײַער טאַנצן!

(דער טאַנץ הערט אויף)

איך קען קוים גיין. אַ שטעקן, גיט מיר אַ שטעקן.

(פרילינג־לוסט דערלאַנגט אים אַ סענקאַוואַטן שטעקן)

ניין, איך קען זיך ניט רירן. זעצט מיך אַוועק. אוי ווײ, יעדער ביין פון מײַן קערפער האָט אַ ווייטיק און יעדער ווייטיק איז זייער גרויס.

פרילינג־לוסט (זעצט אים אַוועק): אָבער זעט ווי שיין די זון איז!

קאָנראַד: זי קען אָבער ניט דערוואַרעמען מײַן אָפּגעצערט לײַב!

רעגנבויגן־פלי: און ווי שיין דער הימל איז!

קאָנראַד (ווייל אויפהייבן דעם קאָפּ און קען ניט): וואָס טויג עס מיר, אַז איך בין איַינגעהויקערט און קען אים ניט זען.

פּעטערקין: און דיַין אַרבעט? — דו דאַרפסט מער ניט פיטערן קיין גענדז. אַלע דיַינע טעג זיַינען איצט פריַיע, דו קענסט טאָן וואָס דו ווילסט.

קאָנראַד: יאָ, איך בין פריַי צו קרעכצן גאַנצע טעג...

פּעטערקין: חזירשע נים און שוואַרץ־ברויט וועסטו מער ניט פאַרזוכן. די בעסטע פרוכטן און דער בעסטער האָניק זיַינען דיַינע, דו דאַרפסט נאָר פאַרלאַנגען.

קאָנראַד: וואָס וועט דאָס מיר העלפן, אַז איך האָב אַפילו קיין איין צאָן אין מיַין מויל ניט.

(ער פּרואווט גיין, קרעכצט)

פּעטערקין: טראַכט, קאָנראַד, פון דעם גאָלד וואָס דו האָסט.

קאָנראַד: וואָס פאַר אַ באַדיַיט האָט עס אין פאַרגליַיך מיט די ווייטיקן, וואָס איך האָב, גוטער פּעטערקין? יאָ, איצט זע איך, אַז צוזאַמען מיט מערטראַמס גאָלד גייט אויך דעם קאַרגנס עלטער און זיַינע ווייטיקן. פאַר יעדער שטיק גאָלד אין ביַיטל האָב איך אַ שטעכעניש אין רוקן. איך בעט דיך, גוטער פּעטערקין, גיב מיר דעם צווייטן פאַרלאַנג און דו וועסט זען, ווי קלוג און גוטמוטיק איך וועל עס אויפנעמען.

פּעטערקין: וואָס ווילסטו איצט, קאָנראַד?

קאָנראַד: איך וואָלט וועלן זיַין דער יונגער קיניג הילדע־בראַנד. ער איז אין זעלביקן עלטער ווי איך, און האָט גאָלד און גליק און אויך מאַכט.

(פּעטערקין רייסט אַרונטער פון קאָנראַדן דעם פאַרוק און מאַנטל און טוט אים אָן אַ פּורפּורנעם בגד און אַ גאָלדענע קרוין אויף אַ טונקל געקרייזלטן פאַרוק. קאָנראַד נעמט אָן פּרינצלעכע מאַנירן)

קאָנראַד: האָט שוין ווער אַמאָל געזען אַזאַ שיינעם בגד? אָדער אַזאַ בריליאַנטענע קרוין? מיַינע אייגענע גענדז וואָלטן מיך ניט דערקענט! איך וויל זען אין שפּיגל פון טיַיך ווי איך זע אויס.

פרילינג־לוסט: ניין, קאָנראַד, קיניגן באַנוצן ניט אַ גע־וויינטלעכן טיַיך פאַר אַ שפּיגל.

קאָנראַד: אויב אַזוי, וועל איך צולויפן צו אַסוואַלד דעם האָלצהעקער, וועלן מיך אַלע קענען זען, אַסוואַלד און גרעכע און אַלע איבעריקע.

(ער איז גרייט צו לויפן)

רעגן־בויגן־פלי: קיניגן לויפן נים, קאָנראַד, זיי חברן זיך ניט מיט קיין האַלצהעקער און רופן זיי קיין מאָל ניט מיט זייערע נעמען.

קאָנראַד: אויף נאמנות, ס'איז אַ לאַנגווײַליקע זאַך צו זײַן אַ קיניג, אויב מע קען ניט טאָן וואָס מע וויל. און די קרוין איז זייער שווער און דריקט אויפן קאָפּ.

פּעטערקין: קרוינען זײַנען קיין מאָל ניט גרינג געווען צו טראָגן, אײַער מאַיעסטעט.

קאָנראַד: קען איך טאַקע קיין זאַך ניט טאָן פאַר מײַן אייגענעם פאַרגעניגן וועגן? האָב איך ניט קיין אונטערטאַנען, וואָס זאָלן מיך באַגריסן און אויסרופן: „לאַנג לעבן זאָל דער קיניג!"? זײַנען דאָ אין וואַלד גאָר ניטאָ קיין מענטשן, וואָס זאָלן מיך אויפנעמען?

זילבערטוי: .זײ זײַנען פויערים, אײַער מאַיעסטעט. אָט קומט אײנע, אַ פרוי, זי טראָגט האָלץ.

קאָנראַד: אַ פרוי! מײַן גאָט, — ס'איז דאָך מײַן מוטער!

דיים אַלים (קומט אַרײַן, דערזעט קיניג הילדעבראַנד): אָ, מײַן גאָט! ס'איז דאָך דער גנעדיקער מאַיעסטעט!

(פאַרנויגט זיך)

קאָנראַד: שטיי אויף, מוטער! דו דערקענסט מיך ניט?

דיים אַלים: איך וואָלט דערקענט אונדזער קיניג הילדע־בראַנד אומעטום!

קאָנראַד: ס'איז קאָנראַד און ניט הילדעבראַנד! קאָנראַד שטייט פאַר דיר!

דיים אַלים (אָן אַ זײַט): אוי וויי, איך זע, אַז דער אָרימער, יונגער קיניג האָט פאַרלאָרן זײַן פאַרשטאַנד.

קאָנראַד: אָבער, מוטער, איך בין דײַן זון.

דיים אַלים: ניין, גוטער מײַעסטעט, איר זײַט קיין מאָל ניט געווען מײַן זון. די מענטשן פון אײַער סוויטע וועלן עס אײַך פאַרזיכערן. פאַרטרײַבט די שאָטנס פון אײַער מוח, איך בעט אײַך. מײַן זון איז בלויז אַן אײַנפאַכער קליינער גענדז־פאַסטעך, און איצט היט ער די גענדז דאָרט בײַם וואַלד טײַך. זיכער, זיכער איז אײַער מײַעסטעט ניט מײַן זון. איך בין אַ פּשוטע פויערטע און בין לחלוטין ניט צוגעוואוינט צו די פירונגען פון קייזער־לעכן הויף.

קאָנראַד: טאָ ווער איז מײַן מוטער, אויב דו ביסט עס ניט?

דיים אַלים: די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז די קיניגין קלאָ־טילדע איז אײַער מײַעסטעטס מוטער.

קאָנראַד (כאַפּט זיך צו איר צו מיט שרעק): ניין, קוק זיך איַין אין מיר. קוק נאָענט! קוק נאָענט און זע אויב איך בין ניט דיַין זון קאָנראַד!

(זי קוקט אים אָן, שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט אים באַדויערן)

דיים אַלים: האָב איך די דערלויבעניש צו פאַרלאָזן איַיער מיַיעסטעט? איך דאַרף נאָך אַ סך האָלץ צוזאַמענקלײַבן, און באַלד וועט צופאַלן די נאַכט.

(קאָנראַד קוקט טרויעריק צו ווי די מוטער גייט אַוועק)

פּרימאָרגן־לוסט: וואוהין איצט, קיניג הילדעבראַנד? באַלד וועט אָנהויבן דעמערן און די קיניגין, איַיער מוטער, וואַרט אויף איַיער קומען.

קאָנראַד: ניין, איך האָב בלויז איין מוטער, און אַפילו זי דערקענט מיך ניט.

זילבער־טוי: אַ געשמאַקער מאָלציַיט דערוואַרט איַיך אין שלאָס, קאָנראַד.

קאָנראַד: ניט אַזוי געשמאַק, ווי מיַין מוטערס אַ קוש.

רעגן־בויגן־פאַרב: דאָרט איז פאַראַן מוזיק אַזוי צאַרט ווי די מוזיק אין אַ חלום.

קאָנראַד: ס׳וועט ניט קלינגען אַזוי צאַרט ווי מיַין מוטערס שטים.

פּעטערקין: דאָרטן זיַינען פאַראַן לאָמפּן באַפּוצטע מיט איידלשטיינער צו באַליַיכטן דיר דיַין בעט.

קאָנראַד (אויפגערעגט): איך וויל בעסער דעם ליבן שיַין פון מיַין מוטערס אויגן. וואָס טויגן מיר די געשמאַקע מאָלציַיטן, די מוזיק און די בריליאַנטענע לאָמפּן? כ׳וויל מיַין מוטער, און איך פאַרלאַנג בלויז צו זיַין ק אָ נ ר אַ ד, דער גאַנדז־היטער, דער גאַנדז־היטער, קאָנראַד דער גאַנדז־היטער!

(ער פאַלט וויינענדיק אויף דער ערד. זיינע קיניגלעכע קליידער ווערן גלייך צוגענומען פון אים דורך קאַל און פאַל. ער שלאָפט איין)

זילבערטוי:

(בויגט זיך איבער אים)

שלאָף! און זאָלן דיַינע פאַרלאַנגען זיַין
ענלעך צו אַ טרוים.
ליַיכט געטרוימט און ליַיכט אַוועק
דיר לאַזנדיק אָנשטאָט

צופרידנקייט און זיסע רו.
שלאָף! עס איז דער פייעס וואונטש.

(פייעס, קאַל און פאַל און פעטערקין פאַרשווינדן. ס'קומט אַריין דיים אַליס)

דיים אַליס (בייגט זיך איבער קאָנראַדן): דאָס קינד חלומט נאָך אַלץ. בעל חלמות מײַנער...

קאָנראַד:
(כאַפּט זיך אויף, רייבט זיך די אויגן, קוקט זיך אַרום)

און זיי זײַנען אויך אַוועק, די פּײַעס און די שדימלעך. און איך בין דאָ, מיט דיר, מוטער, און ניט אין שלאָס! ס'האָט געמוזט זײַן אַ חלום. און דאָך... און דאָך... זײַן וואָס מע איז און ניט קיין אַנדערער, ליב זאָל זײַן אַלץ וואָס מע האָט און וויפל מע האָט און קיין מאָל ניט זאָרגן וועגן זאַכן, וואָס מע האָט ניט, — דאָס איז פייע־חכמה. און באמת, גליקלעך בין איך, וואָס איך בין ניט דער קאַרגער מערטראַם מיט זײַנע קראַנקע גלידער און ניט דער קיניג הילדעבראַנד מיט זײַן קיניגין־מוטער, נאָר קאָנראַד, דער פּשוטער קאָנראַד, דער גענדז־היטער.
(ער שטייט אויף, גלייכט זיך אויס)

און איצט איז שוין צײַט אַהיימצופירן די גענדז.
(לויפט אַ צופרידענער אַרויס לינקס)

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

באַמערקונגען צו „קאָנראַדס חלום"

דעקאָראַציעס:

אין פּראָלאָג — אַ וואַלד.
אין אַקט: — אַ טאַל באַדעקט מיט גראָז. אַ טייך אין פּערספּעקטיוו.
ביי דער לינקער זייט — אַן אַלט שטיבל מיט אַ טיר אַן אַ זייט.

קאָסטיומען:

פּעטערקין — אַ גנאָם קאָסטיום, זייער פאַרביק.
פייעס — די קליידער זייערע לויט זייערע נעמען.
קאַל און פאַל — גנאָמען קאָסטיומען אין שטילע פאַרבן. די מיצלעך — רויטע.
דיים אַליס — זי איז אַלט 48 יאָר, פּשוט, אָרעם געקליידט.
קאָנראַד — ער איז 10־11 יאָר אַלט. געקליידט אָרעם, פּשוט.
(מוזיק פאַרן ליד און טאַנץ — לויטן אויסוואַל פון רעזשיסער)